STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06485

FUN YIDISHN KVAL

A. Y. Goldshmit

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. י. גאָלדשמיט.

פון יידישן קוואל

(געשיכטן און לעגענדן)

אַ לייענבוך
פאר שול און הויז

Published by

THE STAR HEBREW BOOK CO.

18 Orchard Street

New York

1926

Printed in the United States of America

מיינע הייסגעליבטע אייביק-ליידנדיקע עלטערן

הירש-ניסן און שיינה

(קרייצבורג—מאנטריאל)

פון טיפן הארצן צו א טרייסט.

ד ע ר מ ח ב ר.

אינהאַלט

א) די בני־אפרים — — — — — — — — — — 5

ב) אויף די ברעגן פון ים־סוף — — — — — — — — 11

ג) בת־יפתח — — — — — — — — — — — — 18

ד) חנה און אירע זיבן זין — — — — — — — 38

ה) מרתא בת בייתוס — — — — — — — — — 52

ו) רבי עקיבא און בר־כוכבא (משיחישע געשיכטע) 64

ז) דער אויסלייזער — — — — — — — — — 162

ח) למר־וואָוניקעס — — — — — — — — — 170

ט) עולי־רגל (פון דער צייט פון בית שני) — — 179

י) נייע לעגענדעס — — — — — — — — — 183

די בְּנֵי אֶפְרַיִם.

א.

אַ קליין אָרים פאָלק פון פאַסטעכער זיינען געווען די בני־ישראל בעת זיי זיינען געקומען קיין מצרים. פרעה, דער קיניג, האָט זיי אויפגענומען מיט גרויס כבוד און באַזעצט זיי אין לאַנד גושן ניט ווייט פון ים־סוף, וואו ס'זיינען געווען אַ סך גוטע פּי־טער־ערטער פאַר זייערע סטאַדעס שאָף. וואָרום די משפחה פונם דאָזיקן פרעה איז געווען אַ קרובה פון די בני־ישראל און ער האָט זייער מקרב געווען די שבטים פון די עברים. האָבן אָפּגעראָטן די בני־ישראל פון זייערע נאָכיאָגער די חתים און די פלשתים, וואָס האָבן מיט געוואַלד זייער לאַנד פאַרנומען און אָפּגעפרעסן אַלץ אַרום, ווי אַן אָקס פרעסט אָפּ דאָס גרינס פון פעלד, און דאָרטן אָנגעמאַכט אַ הונגער. גושן איז אַ געבענטשט לאַנד געווען און די בני־ישראל האָבן דאָרטן אָפּגעלעבט אַ צייט אין זעט און אין מנוחה. איז ביי זיי געווען אַ מזל־ברכה און זיי האָבן זיך זייער שטאַרק פאַרמערט און זיינען געוואָרן זייער און זייער אַ גרויס פאָלק. דאָס גאַנצע לאַנד איז געוואָרן פול מיט זיי.

זיינען זייער בייז געוואָרן די מיוחסדיקע שררות פון און, מוף און נוא־אמון און האָבן מורד געווען אין זייער קיניג, דעם קרוב פון די עברים. זיי האָבן אים אַראָפּגעוואָרפן פון קיניגליכן טראָן און אויף זיין אָרט געזעצט איינעם פון די זייעריקע — אַן עכטן מצרי. האָט דער נייער פרעה צונויפגערופן די חכמים פון צוען און אַלע חרטומים פון מצרים און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

— דאָס פֿאָלק פֿון די בני ישראל איז גרויס און שטאַרקער פֿון אונזער פֿאָלק. לאָמיר קליגן זיך צו אים, וואָרום אויב מיר זאָלן אים לאָזן אַזוי פֿריי, קען נאָך זיין, אַז ווען עס וועט טרעפֿן אַ מלחמה, וועט ער אַריבערגיין צו אונזערע שונאים, וועט מיט אונז מלחמה האַלטן און וועט אַוועק פֿון אונזער לאַנד. מיר טאָרן דאָס אָבער בשום אופֿן ניט דערלאָזן, מחמת מיר דאַרפֿן האָבן אַ סך קנעכט: מיר מוזן נעמען גראָבן אַ סך גראָבנס פֿונם הייליקן טייך נילוס, כּדי אָנצוטרינקען דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס ליידט אַזוי פֿון שֵׂת, דעם בייזן גאָט פֿון מדבר; מיר מוזן אויסבויען נייע פֿעסטע שטעט, כּדי צו באַשיצן זיך פֿון די ווילדע שבטים, וואָס קענען קומען פֿון מזרח-זייט פֿון ים-סוף און אָנפֿאַלן אויף אונז; און על כּולם — מיר מוזן צוריק אויפֿבויען די מצבות און די פּיראַמידן פֿון אונזערע גרויסע אבות, וואָס די פֿרעמדע ווילדע שבטים האָבן זיי חרוב געמאַכט בעת זיי זיינען אונזער לאַנד באַפֿאַלן.

און מ'האָט געטאָן אַזוי:

מ'האָט אויף די בני ישראל באַשטימט האַרן, וואָס האָבן גענומען פֿון זיי שטרענג פֿאָדערן גרויסע צינזן, ווייל זיי זיינען פֿרעמדע דאָ אין לאַנד. די בני-ישראל האָבן געצאָלט כּל-זמן זיי האָבן געהאַט וואָס צו צאָלן, אָבער באַלד זיינען זיי זייער און זייער פֿאַראָרימט געוואָרן און האָבן מער שוין צאָלן ניט געקאָנט. האָבן די האַרן פֿון מצרים גענומען אָפּנעמען פֿון זיי די טשערערעדעס שאָף און אפֿילו די כּלי-בית און די צירונג פֿון זייערע ווייבער און פֿון זייערע טעכטער, וואָס זיי האָבן זיך צו דער חתונה געמאַכט. איז נאָך אַלץ ווייניק געווען, — האָט פּרעה אַרויסגעלאָזן אַ בייזע גזירה, אַז מהיום והלאה מוזן די פֿרעמדע בני-ישראל, וואָס עסן דאָס ברויט פֿון לאַנד, ווערן קיניגליכע קנעכט און טאָן אָן ווידערשפּעניגונג אַלץ, וואָס מ'וועט זיי הייסן.

איז געקומען אַ גרויסע צרה אויף די בני ישראל. מ'האָט אויף זיי די שווערסטע אַרבעט אַרויפֿגעלייגט, כּדי זיי צו פּייניגן דערמיט. זיי האָבן געגראָבן קאַנאַלן און האָבן געטאָן אַלע אַרבעט, וואָס אין שטוב און וואָס אין פֿעלד; זיי האָבן געבויט טעמפּ-

לען פאַר די אָפּגעטער און פּאַלאַצן פאַר די גרויסע שררות, פעסטע שטעט צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד, די שטאָט פּיתום און די שטאָט רעמסס, און אומגעהייער גרויסע פּיראַמידן. זיי האָבן געאַרבעט פון פאַר-באַגינען און ביז זייער שפּעט נאָך זונענאונטערגאַנג. זייער אַרבעט איז אַ שווערע, אַן אומדערטרעגליכע געווען, אַן עבודת-פּרך, וואָס צעברעכט דעם גוף און די נשמה.

און די בני ישראל האָבן געזיפצט פון דער שווערער אַר-בעט, געזיפצט, געליטן און געשוויגן.

און די מצריים האָבן זיך געקליגט אָנצוטאָן די בני-ישראל כלערליי נגישות, האָבן ניט געלאָזט זיי אָפּרוען אפילו איין טאָג אין וואָך און האָבן די פאַרמאַטערטע מיט שטעקנס און מיט קלעפּ געטריבן ווייטער צו דער אַרבעט. זיינען אַ סך פון דער עבודת-פּרך געפאַלן און ניט געמערט מער אויפצושטיין. ווייבער האָבן צוגלייך מיט די מאַנען זייערע אויך שווער געאַרבעט און זיינען אויך געפאַלן אונטערן שווערן יאָך. קליינע עופעלעך זיינען אונטער די פיס צעטראָטן געוואָרן, קליינע קינדערלעך זיינען אין מויערן פאַרמויערט געוואָרן, אַזוי, אַז עס האָט אַ שטיין פון גאַס געשריען און אַ ציגל פון דער וואַנט — — —

אָט אַזוי האָבן די מצריים פאַרביטערט זיי דאָס לעבן, און זיי האָבן אַלץ געטאָן נאָר און געזיפצעט, געזיפצעט און געליטן, געליטן און געשוויגן.

אָבער באַלד האָט מען קינדער שוין אין טייך געוואָרפן און פּרעה האָט זיך אין בלוט געבאָדן, אין בלוט פון קליינע קינדער פון ישראל — — —

דערמיט איז פול געוואָרן די מאָס...

ב.

דערמיט איז די מאָס געוואָרן פול און עס האָט די געדולד געפּלאַצט. עס האָט געפּלאַצט די געדולד, אָבער דאָך נאָך אַלץ ניט ביי דעם גאַנצן פאָלק, נאָר ביי אַ טייל פון אים — ביי די בני-אפרים.

די בני-אפרים זיינען זייער שטאָלץ געווען און האָבן שטאַרק

געליבט די פרייהייט. זיי האָבן זיך דערמאָנט אָן דער צוואה פון די אבות פון די בני־ישראל, אַז זיי זאָלן די האָפענונג ניט פאַר־לירן, אַז אַלץ איז ביז אַ צייט, אַז עס מוז קומען און עס וועט קומען דער „קץ"—דער גוטער סוף, ווען עס וועט אויפשטיין ביי די בני־ישראל אַן אויסלייזער, אַ באַפרייער, וואָס וועט זיי שטעלן אַרויספירן פון קנעכטשאַפט פון מצרים צוריק אין לאַנד פון זיי־ערע אבות, און זיי וועלן זיך דאָרטן צוריק — שוין זיכער אויף אַ לעמאָל באַזעצן.

און עס האָבן געגלויבט די בני־אפרים, אַז דער דאָזיקער גואל וועט זיין פון זייער שבט און וועט ווערן דער משיח פון דעם גאַנצן פאָלק. און באַלד האָט זיך באַוויזן אַ מאַן פון זייער שבט, אַ גרויסער מאַן, באַשאָנקען מיט אַלע גוטע מעלות, און ועל כּולם אַן אומגעווייגליכער גבור, און זיין נאָמען איז געוועזן יגנון.

און יגנון האָט צום פאָלק אַזוי געזאָגט:

— צו מיר האָט זיך גאָט אַנטפּלעקט אין חלום און האָט צו מיר געזאָגט, אַז עס איז שוין געקומען די צייט אַרויסצוגעמען די בני־ישראל פון מצרים און צו פירן זיי אינם צוגעזאָגטן לאַנד פון מעכטיק־שטאָלצע בערג און שיינע פרוכפּערדיקע טאָלן, אין לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק. מיר קענען שוין מער ניט אריבערטראָגן דעם שווערן יאָך, וואָס אונזערע שונאים האָבן אויף אונז אַרויפגעלייגט. קומט, ברידער, לאָמיר גיין!

און עס זיינען אויפגעשטאַנען אַלע גבורים פון אפרים מיט זייערע ווייבער און מיט זייערע קינדער און האָבן זיך געשטעלט אונטער דער פאָן פונם גרעסטן גבור, יגנון, און ער איז געוואָרן איבער זיי אַ נשיא. און זיי האָבן אָנגעגורט די לענדן און אַרויפ־געלייגט אויף זיך איטליכער זיין שווערד און זיינע אַנדערע בייטי־קע מכשירים, האָבן זיך פאַרזיכערט אויף זייער גבורה און זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים מיט גרויס קראַפט און מיט געוואַלד. קיין שפּייז האָבן זיי זיך ניט גענומען אין וועג, דען זיי האָבן אַזוי געזאָגט:

— אויב מיר'ן ניט האָבן קיין עסן, וועלן מיר זיך קויפן שפּייז אין וועג, און אויב די לייט פון די מקומות, וואָס מיר וועלן

דורכגיין, וועלן ניט וועלן געבן אונז אפילו פאַר געלט, וועלן מיר נעמען מיטן שווערד.

זיינען זיי געגאַנגען דורך דרך ארץ פלשתים מיט די פנימער געווענדט צו דער פלשתישער שטאָט גת, און זיי האָבן גע־רעכנט צו גיין פון דאָרטן גלייך קיין בית־אל דער הייליקער שטאָט, דערנאָך צום געבענטשטן באַרג גריזים און צו דער פעס־טער שטאָט שכם, וואָס געפינט זיך אין מיטן פון זייער לאַנד.

אַז זיי זיינען אַריבער די גרעניץ פון לאַנד פלשתים, האָבן זיי באַגעגנט פאַסטעכער פון גת מיט זייערע הערטשאַפטן. זיינען די בני אפרים צו צו זיי און האָבן געבעטן געבן זיי פון זייער שאָף פאַר גוט געצאָלט, וואָרום זיי האָבן אַ טאָג שוין ניט געגעסן. האָבן די פאַסטעכער זיי אָפּגעזאָגט. האָבן די בני אפרים געפּרובט נעמען פון זיי די שאָף מיט קראַפט און מיט געוואַלד. האָבן די פאַסטעכער גענומען שרייען און זייער געשריי האָט זיך געהערט זייער ווייט — אַזש אין דער שטאָט גת. זיינען די לייט פון גת אַרויס קעגן די בני אפרים אויף מלחמה, און די בני אפרים האָבן זיי געשלאָגן רוק און לענד. זיינען געקומען אַלע שבטים פון די פלשתים פון עקרון און פון אשדוד, פון עזה און פון גרר, — און דער נצחון איז אַלץ געבליבן ביי די בני אפרים. האָבן אָבער באַלד דערוואוסט זיך די מצריים, וואָס האָבן געוואוינט אין שכנות מיט די פלשתים, און זיינען זיי צו הילף געקומען. איז די מלחמה געוואָרן גרויס און שרעקליך פאַרביידע צדדים. די בני אפרים האָבן געשניטן די פעלקער אויף רעכטס און אויף לינקס און פאַר־טיליקט פון זיי אָן אַ שיעור, אָבער זיי זיינען אַליין אויך געפאַלן פאַר די שונאים זייערע, מחמת זיי זיינען פאַרחלשט געווען פון הונגער און פון דאָרשט. צום סוף איז פאַרטיליקט געוואָרן די גאַנ־צע מחנה בני־אפרים, וואָס איז אַרויס פון מצרים פאַר דער צייט, און אויך דער גבור יגנון איז געפאַלן.

און עס זיינען געבליבן ליגן די הרוגים פון די בני אפרים פאַרלאָזן אינם טאָל פון גת אַ סך יאָרן, און די דערהרגעטע פון די פלשתים זיינען באַגראָבן געוואָרן אין די שטעט פון זייער לאַנד.

— „אין עס האָט דערהערט אפרים זייער פאָטער, וואָס ס'איז געשעען מיט זיינע ליבע קינדער, און ער האָט דערויף גע-טרויערט אַ סך יאָרן."

* *
*

צום סוף איז געקומען די צייט און דאָס גאַנצע פאָלק איז באַפרייט געוואָרן, — האָט גאָט דערבאַרימט זיך איבער די איידעלע גבורים פון אפרים און האָט אינם טרויער-טאָל פון גת געשיקט זיין נביא מחיה-מתים זיין און טרייסטן און דערפרייען זיי. דער נביא האָט דערזעען די ביינער און האָט ווי אַ צאַרטע מוטער אויסגערופן:

— מיין בן-יקירל, מיין טייער קינד אפרים! שטיי-אויף פון טויטן-טאָל! זאָלן זיך אַ ריר טאָן די טרוקענע ביינער און באַ-העפטן זיך ביין צו ביין, אָדערן זאָלן זיך אַרויפציען אויף אייך און אויך אַ הויט, און אַ לעבעדיקער אָטעם זאָל אין אייך אַריין און איר זאָלט אויפשטיין צו גיין צוזאַמען מיטן גאַנצן פאָלק אין אייער לאַנג-געגאַרטער היים, וואו ס'וועט זיך שוין ווייטער אייביק גיסן אַ זיסע שירה פון לעבנספרייד און לעבנסגליק אָן אַ שיעור און אָן אַ סוף!

און ס'איז אַזוי געוועזן.

דער ביינער-טאָל האָט זיך גענומען רירן. ס'האָבן זיך ביין צו ביין באַהעפטט און אָדערן און הויט זיינען אויף זיי אַרויף, אַ לעבעדיקער אָטעם איז אין זיי אַריין און ס'האָט זיך אויפגעהויבן און זיך אויף די פיס געשטעלט זייער אַ גרויסע מחנה און איז אין וועג אַוועק — אין וועג צום צוגעזאָגטן לאַנד —

אויף די ברעגן פון ים־סוף.

ווייט און ברייט האָט זיך אויסגעשפּרייט אַן אומבאַקאַנטער מדבר. אַ הויכער, טיפער, לויטערער הימל איבערן קאָפּ און אַ טיפער, געדיכטער זאַמד אונטער די פיס. אַרום און אַרום — קיין בוימל, קיין גרעזל, קיין טייכל. הימל און זאַמד...

אַ שטילע אומעדיקע לבנה האָט איבערן ווייטן הימל פּאַמעליך שפּאַצירט און האָט אַראָפּ אויפן גרעניצלאָזן מדבר אירע בלאַסע שטראַלכעלעך געשיקט.

אין ענגע געצעלטן, וואָס זיינען שוואַרץ געווען פון שטויב און פון ברענענדיקן מדבר־זאַמד, האָבן מידע וואַנדערער געשלאָפן.

דאָס האָט עס אַ ערשט באַפרייט קליין פאָלק נאָך אַ דריי־טאָגיקן רעשדיקן געאײלטן לויפן דאָס ערשטע מאָל זיך אָפּרוען געלייגט.

דאָס זיינען געווען די געצעלטן פון דעם פאָלק ישראל, וואָס האָט גערוט לפי די שבטים זיינע.

שטיל איז געווען אַרום. אָבער פונדערווייטנס האָט זיך גאַנץ אָפט געהערט אַ ווילד געבריל פון הונגעריקע מדבר־וועלף — — —

אומהיימליך, אימהדיק איז אין דעם מדבר ביינאַכט געווען, בעת די גאַנצע מחנה פון ישראל האָט געשלאָפן...

געשלאָפן האָט דער לאַגער, עס האָט אָבער ניט געשלאָפן דער פירער פון ישראל.

משה בן־עמרם, דער אַדון הנביאים, איז געזעסן אין זיין

געצעלט פאַראומערט און פאַרזאָרגט. שוואַרצע געדאַנקען האָבן זיך מחנות-ווייז געטראָגן אין זיין קאָפּ, ווי שוואַרצע פויגלעך, וואָס זאָגן בייזע בשורות אָן — — —

ער האָט גוט געוואוסט, וואָס ער האָט צו טאָן. דאָס ענד-ציל איז פאַר אים אָפן און קלאָר געווען, ווי דער ברייטער, אָפע-נער, קלאָרער מדבר-הימל. די מיטלען, ווי צום ציל צו קומען, זיינען פון אים אויך ניט געווען פאַרבאָרגן.

ער פירט דאָס באַפרייטע שקלאַפן-פאָלק אין דאָס פאַר-שפּראָכענע אבות-לאַנד. דער וועג איז מיט דערנער באַדעקט, אַ געפערליכער וועג. חיות רעות ווילדעווען סיי בייטאָג און סיי ביי-נאַכט. בייזע פּראַים-שבטים רינגלען זיי אַרום פון אַלע זייטן. ער האָט שוין באַמערקט אפילו מרגלים פון דעם עמלק-פאָלק... ער קאָן אויך גוט, אָ, צו-גוט, דעם ניט-געשטעלטן כאַראַקטער פון דעם שבועה-ברעכער פרעה. ס'איז גאַנץ זיכער, אַז פרעה וועט חרטה האָבן און וועט נאָכיאָגן ישראל. דער נביא הערט שוין אפילו גאָטס שטים ביי זיך אין האַרצן, אַז אַנדערש קען ניט זיין... שלעכט פון אַלע זייטן. פון הינטן די מצריים-רודפים, פון די זייטן ווילדע שבטים און פון פאָרנט דער רויטער ים — דער ים-סוף! צו אַ טויב, וואָס איז אַנטלאָפן פון אַ שפּאַרבער און איז אַריין אין אַ פעלזנשפּאַלט, וואו עס איז אַ שלאַנג געלעגן — איז ישראל איצט געגליכן!

גובר זיין די אַלע וועג-סכנות קען בלויז אַ פעסטער פרייער גייסט, אַ מוטיק, פריי און מונטער העלדן-פאָלק, וואָס זעט פאַר זיך דעם לאַנגן עתיד און ניט בלויז די קורצע איצטיקע מינוט, — אַ פאָלק מיט אַ שטאַרקן גלויבן און ברידערליך פאַראייניקט!

דער דאָזיקער שקלאַפן-דור איז אָבער פון די קטני אמנה, פון די קליינע מאמינים אין די אייגענע כוחות, אין אייגענעם גאָט, און גרויסע מאמינים אין פרעמדן כח און אין פרעמדע הבלים. זיי זעען פאַר זיך דעם היינט און זיי קימערט ניט דער מאָרגן. זיי זיינען דערצו נאָך צווישן זיך מוראדיק צעריסן. אפרים און יהודה קענען צווישן זיך ניט צעטיילן די בכורה — די ממשלה איבערן פאָלק!

סך-הכּל דריי טעג זינט זיי זיינען פון הויז פון קנעכט אַרויס — און זיי האָבן שוין אויף אים מתרעם געווען דריי מאָל! צוריק צום שקלאַפן-לעבן ציט זיי. „צוריק!" שרייט דער ערב-רב און די זקנים פון ישראל. אָ, די אַלטע! בעת ער איז נאָך געגאַנגען דעם ערשטן מאָל מיט זיי צו פּרעה'ן, האָבן זיי זיך איינציקווייז און פּאָרווייז ביסלעכווייז פון אים אַרויסגעגנבעט, און בעת ער מיט אהרנען זיינען שוין צום פּאַלאַץ צוגעקומען, איז קיין איינער פון די זקני-ישראל שוין מיט אים מער ניט געווען.

די דאָזיקע אַלטע טאַטעס פון דעם איצטיקן דור האָבן פאַרגעסן אָדער גאָר לכתחילה וויסן ניט געוואָלט וועגן דער הייליקער ירושה פון די גרויסע זיידעס. פאַר אַ טאָפּ פיש פון נילוס און ציבעלעס פון צוען-מצרים גיבן זיי אַוועק די גאַנצע פרייהייט פון זייער פאָלק.

ווי איינגעוואָרצלטע עבדים כּנענים, האָבן זיי ניט פאַרשטאַנען די שטרעבונגען פון יונגן עכטן פאָלק צו פרייהייט, זיי האָבן ניט געפילט די התפּעלות און די התלהבות פון די יונגע יהושע-בן-נונ'ס מיט די כּלב-בן-יפונה'ס פאַר דאָס פאַרשפּראָכענע געווינטשטע לאַנד, — פון די דאָזיקע איידעלע אייניקלעך, וואָס האָבן געשטרעבט צום אידעאַל פון זייערע פויע זיידעס: אברהם, יצחק ויעקב.

די עבודת פּרך אויף פּיתום און רעמסס האָט זייערע רוקנס שוין אויף אייביק איינגעבויגן און זיי האָבן שוין ניט געקענט מער אויסגלייכן זיך שטאָלץ.

אין זייערע פּחדנישע הערצער איז שוין לאַנג אויסגעלאָשן געוואָרן דער לעצטער פונק האָפענונג און גלויבן. צווישן זיי פּרוכּפּערן זיך און מערן זיך די דתנס און אבירמס — די דאָזיקע אומפאַרשעמטע בוגדים...

פאַרקלעמט איז געוואָרן דעם נביא'ס האַרץ ביי דעם דאָזיקן געדאַנק, און ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אָנמעכטיק אויף די קני אין אַ תּפילה צו דעם שטאַרקן גאָט פון ישראל. לאַנג איז ער אַזוי געשטאַנען פאַרטיפט אין אַ שטילן געבעט, זיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגט, אָבער קיין שטימע האָט זיך ניט געהערט. — — —

דע ווייל איז אויפגעשטאַנען פון איר נאַכט-געלעגער די זון אין מזרח-זייט און האָט דעם גאַנצן מדבר מיט אַ ים ליכט באַגאָסן.

די אויסגערוטע וואַנדערער האָבן ביסלעכווייז אויפגעוואַכט פון שלאָף און זיינען באַלד אַרויס פון זייערע געצעלטן. דער גאַנצער מדבר-שטח איז מיט אַן אומגעהייערן עם רב באַדעקט געוואָרן. אַלע האָבן איינער מיטן אַנדערן ריידן גענומען און באַלד איז אַ שטאַרקער גערודער געוואָרן... נאָך אַ רגע—און דער גאַנצער המון האָט זיך צו משה׳ס געצעלט אַ לאָז געטאָן...

— זאָג, דו פירער, ווי לאַנג וועט נאָך דער וועג געדויערן?—האָט אַ גאַנצע מחנה געפרעגט.

— זאָג, בן עמרם, ווען וועלן מיר שוין אין דאָס צוגעזאָגטער לאַנד אָנקומען?—האָבן אַנדערע געשריען.

— באַלד פאַרפעלט אונז שוין אי ברויט, אי וואַסער!—האָט אַ דריטער המון געקלאָגט זיך.

און דער נביא האָט אַלעמען געטרייסט, האָפענונג געגעבן און געבעטן זיין געדולדיק. ער האָט געהייסן פונאַנדערנעמען די געצעלטן און גיכער ווייטער לאָזן זיך אין וועג אַריין.

דאַן האָבן עטליכע גרייזגרויע איינגעהויקערטע קנעכט אויסגערופן:

— פיר צוריק אונז קיין מצרים!..

אַ פייער האָט זיך אָנגעצונדן אין די אויגן פון דעם נביא און פורכטבאַר האָבן זיך אויפגעהויבן זיינע הענט, און מיט שאַרפן ווייטאָג האָבן געקלונגען זיינע ווערטער:

— וואוהין זאָל איך אייך, אומגליקליכע, פירן? איר זייט דאָך דאָרטן קנעכט געווען!..

—אָבער מיר האָבן דאָרטן ברויט און וואַסער צוזאַט געהאַט!—איז געווען דער ענטפער און דער גאַנצער לאַגער איז ווי צו דער ערד צוגעשמידט געוואָרן און ניט געוואָלט גיין ווייטער.

משה האָט קיין ווערטער ניט געפונען צו איבערצייגן די

אַלטע בלינדע קנעכט ווייטער צו גיין. ער האָט נאָר מיט די אויגן געגומען די יונגע זוכן.

אָבער פון דעם גאַנצן יונגן דור האָבן דערווייל בלויז יהושע בן נון און כלב בן יפונה מיט זייערע עטליכע חברים צו משה׳ן זיך דערנעענטערט. די האָר האָבן פון ווינט אויף זייערע קעפּ געפלאַטערט און די אויגן האָבן מיט אַ הייליקן פייער געברענט.

— פירער! פיר אונז פאָראויס! — האָבן זיי מיט האַרץ אויסגעשריען.

דאַן האָט זיך אויסגעגלייכט די פיגור פון דעם מעכטיקן מנהיג. מיט ליבשאַפט האָט ער טיף אַריינגעקוקט מיט זיין אָדלער־בליק אין די יונגע אויגן, וואָס האָבן מיט מוט און מיט דרייסטקייט געברענט.

אָבערט־רוויעריק האָט ער באַלד געפרעגט מיט קימער און מיט שמאַרץ:

— וויפיל זייט איר אין דער מחנה פון ישראל, קינדער מיינע? צי זייט איר, געשלאָגענע, פּעאיק געוואָרן מיטן שונא מלחמה צו האַלטן?

און עס האָבן די יונגעלייט זייערע אויגן צו דער ערד אַראָפּגעלאָזן און זיי זיינען פאַרשעמטע אַוועק פון נביא.

משה איז ווידער אויפן פנים געפאַלן און ער האָט אַ האַרציקע תפילה פאַר דעם אייביקן אויסגעגאָסן, אַז ער זאָל אים פון הימל שכל און כוח שיקן, זיין פאַרטונקלטן מוח מיט אַ העלן געדאַנק באַבליצן, ווי אַזוי אין די דאָזיקע שווערע מינוטן צו האַנדלען.

זיין תפילה איז אָבער ניט דערהערט געוואָרן. זיין האַרץ האָט זיך אויף שטיקער געריסן און זודיקע טרערן פון זיינע אויגן האָבן דעם מדבר־זאַמד פייכט געמאַכט.

אַ טאָג איז אַוועק און אַ טאָג איז געקומען; און אַזוי זיינען נאָך גאַנצע דריי טעג אַריבער אין צער און תפילה, — און די תפילה איז נאָך אַלץ ניט דערהערט געוואָרן.

אויפן זעקסטן טאָג האָבן די בני־ישראל פּלוצלינג זייערע

אויגן אויפגעהויבן און זיי האָבן עפּעס שרעקליכס דערזעען—אַן אומגעהייערן וואָלקן שטויב פונדערווייטנס— — —

דאָס האָט פּרעה מיט זיין חייל געצויגן מיט רעש און מיט שטורים.

דאַן זיינען די זקני־ישראל ווידער צו משה'ס געצעלט צוגע־קומען און זיי האָבן זיך מיט קולות צעשריען:

— צי דען זיינען שוין קיין קברים פאַר אונז אין מצרים ניט געבליבן, — דעריבער האָסטו אונז געגומען אין דעם מדבר אויסצוטויטן?! פאַרוואָס האָסטו אונז פון מצרים אַרויסגעפירט? מיר האָבן דיר דאָך נאָך דאָרטן געזאָגט, אַז עס איז אונז בעסער צו דינען די מצריים, איידער צו שטאַרבן אין דעם מדבר! פיר צוריק אונז קיין מצרים! אַניט — וועלן מיר אַן אַנדער פירער אויפנעמען אויף אונז, וואָס וועט ערפילן אונזערע פאַרלאַנגען!

דאָ האָט משה פלוצלינג דערפילט, אַז זיין תפילה איז סוף־כל־סוף אָנגענומען געוואָרן, און דאָס האָט אים כהרף־עין דערוואַ־רימט מיט יענעם הימלישן פייער, וואָס האָט זיין ווילן געשמידט, בעת ער איז צו פּרעהן געגאַנגען. ער האָט זיך אויסגעגלייכט אַ שטאָלצער און אַ מעכטיקער ווי אַ לייב און מיט דער געוועזע־נער קראַפט האָט די מעכטיקע שטימע פון דעם האַר פון די נביאים און דעם גרעסטן פאָלקספירער אויף דער וועלט איבער גאַנצן מדבר אָפּגעקלונגען:

—איר ווילט צוריק אין שקלאַפן־צוואַנג, איר אומגליקליכע קנעכט! ניין, היה לא תהיה. ביד חזקה וועט אייך גאָט באַפרייען! איר ווילט צוריק קיין מצרים—זאָלט איר וויסן זיין, אַז איר זעט היינט די מצריים דעם לעצטן מאָל, אַז קיינמאָל־קיינמאָל וועט איר מער זיי שוין ניט זעען! איך באַפעל אייך—איר זאָלט שווייגן! האָט קיין מורא ניט—שטעלט זיך אויס אונטער אייערע פאַרשיידנפאַר־ביקע פאָנעס און גייט פאָראויס, פאָראויס, פאָראויס! היינט וועט איר זעען די גרויסע גאָטס ישועה, וואָרום גאָט אַליין וועט פאַר אייך מלחמה האַלטן! און גיכער גלייך צום ים־סוף!—

און גלייך ווי משה האָט געענדיקט, האָט זיך אַרום אים פאַר־זאַמלט אַן אַרמיי פון יונגע העלדן, אַ קליינע מחנה אָנגעקליבן

... יעדן שבט, — יענע אַלע, וואָס האָבן ניט געקניט צו די אָפּגע־ער, וואָס האָבן טיף ביי זיך אין האַרצן געהאַלטן טייער און הייליק און פעסט אָפּגעהיט דעם וואונטש פון זייערע גרויסע זיי־דעס. יהודה און אפרים האָבן באַלד געשלאָסן שלום און די יונגע כלב און יהושע זיינען די קריגס־פירער פון פאָלק געוואָרן.

דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך באַגייסטערט בליץ־שנעל אַ הויב געטאָן און האָט ניט באַוויזן זיך אַרומצוזעען, ווי עס איז אויפן ברעג ים־סוף שוין געשטאַנען, ווי עס וואָלט אויף אָדלער־פליגלען געטראָגן געוואָרן. קיין קויל פון די מצריים האָט די בני־ישראל ניט געטראָפן, ווי דער וואָלקן, וואָס האָט זיך פאַר די מצריים אַראָפּגעלאָזט, וואָלט אַלע קוילן אין זיך אַריינגענומען.

און באַלד איז אַ העפטיקער שטורימווינט אויסגעבראָכן און האָט דעם ים־סוף אויף צוויי טייל צעשפּאָלטן. ישראל איז גליק־ליך איבער יבשה אַריבער און די מצריים זיינען אונטערגעגאַנגען אין די אָפּגרונטן פון ים.

אַז ישראל האָט אויף דעם מזרח־ברעג פון ים־סוף די גרויסע ישועה דערזעען, האָט ער גלויבן געגומען אין דעם אייביקן גאָט און אין משה זיין קנעכט, און אַ מעכטיקע שירה האָט שאַלן גע־נומען אויף די ברעגעס פון ים־סוף בעת׳ן זונענאויפגאַנג דעם זי־בעטן טאָג פסח.

בַּת־יִפְתָּח.

אַ פאַרבענקטע, אַ פאַרחלומטע איז אין דער שטאָט מצפה=גלעד אינם איינזאַמען הויז אויפן היגל רמה געזעסן די פופצניאָריקע שיינע טאָכטער פון יפתח הגלעדי אין דעם געוועזענעם צימער פון איר פאַרשטאָרבענער מוטער מחלה בת יאיר און האָט געוואַרט אויפן גליקליכן צוריקקער פון איר פאָטער פון מלחמה. טאָג=איין, טאָג=אויס איז זי געזעסן איינזאַם און אַליין אין הויז, האָט אַלץ געוואַרט—געוואַרט און זיך דערוואַרטן ניט געקענט. איז איר אומגעדולד געוואַקסן און איר אומעט איז געשטיגן. זי האָט אפילו ניט פאַר וועמען איר טיפן צער אויסצוגיסן. דער אַלטער קנעכט זייערער, דער געטרייער גוטער ליבער יַרְחָע, וואָס איז אַליין מיט איר אין הויז פאַרבליבן, איז עפעס מאָדנע ביז די לעצטע צייט געוואָרן און ברומט פאַרשטיקט אַלץ און מורמלט, רעדט מיט זיך אַליין, רעדט משונה=אומפאַרשטענדליכס, גאָר ניט ווי געוויינט. וואָלט עס איר גאַנץ וויניק קימערן געקענט: ער איז זייער אַלט, דער ירחע, דאַרף עס מן הסתם אַזוי צו זיין. לאָזט ער אָבער איר אַרויסגיין ניט פון הויז, לאָזט פון איר די אויגן ניט אַראָפּ. איז איר זייער שווער מיט אים. ער איז איר, ווי דער פאָטער, בלב ונפש איבערגעגעבן, ער דערפילט געטריי דעם באַפעל פון האַרן „אויף ס׳איינציק קינד השגחה געבן“. אָבער איר איז שווער פון דער השגחה. זי וואָלט וועלן אין גאַס, אין מאַרק אַרויס, מיט אירע חברתה׳ס זיך טרעפן און צוזאַמען אין מצפה׳ס פעלדער גיין דעם שאַלנדיקן האָרן פון יאַהוועס נצחונדיקע קריגער צו דערהערן; מיט די חברתה׳ס צוזאַמען אויף גלעד׳ס בערג אַרויפצושטייגן און איר ליבן פאָטער מיט די ראַנגלער פון ישראל כאָטש פונדערווייטנס

צו דערזעען זיך צוריקקערן פון עמונ׳ס פעלדער מיט תרועות פון נצחון...
זי וואָלט עס וועלן, אָבער זי האָט ניט קיין רשות אַרויסצוגיין פון הויז! —
און אַ קלעמעניש אַ שאַרפע־טיפע פאַרנעמט איר ס׳האַרץ — — — —

פאַרוואָס איז דאָס דער גורל פון ישראל׳ס טעכטער ערגער פונם גורל פון ישראל׳ס זין? שוין דעם עלטער־זיידע צלפחד הגלעדי׳ס טעכטער האָבן זיך דערויף באַקלאָגט און — האָבן אויסגעפירט. פאַרוואָס האָט ניט קיין רעכט אַ טאָכטער פריי אַרויסצוגיין פון הויז? פאַרוואָס האָט זי בלויז אַ חוב פאַרנאַכט אַרויסצוגיין מיט חברתה׳ס צום קוואַל קריג וואַסער אָנצושעפן פאַר די מענטשן און די פיך? און פאַרוואָס מוז זי באַלד נאָך האַלבער נאַכט אויפשטיין מאָלן מעל אויף מילשטיינער, אויפן שפינדל שפינען שעהן־לאַנג און אויפן וועבשטול וועבן?...

אָבער באַלד האָט בת־יפתח זיך דערמאָנט:

— ניין! אויך ניט אַלע זין ישראלס זיינען גלייך! איר ליבער פאָטער, וואָס איז איצט אַוועק זיך מוסר־נפש זיין פאַר פאָלק און לאַנד, איז געפלאָגט־געיאָגט געווען פון זיינע ברידער אייניק און אַליין דערפאַר, וואָס זיי זיינען זין פון אַ יחסנדיקער פרוי און ער איז אַן אומגליקליכער זון פון אַן אָרימער שקלאַפין אַ קעבסווייב. געפייניקט האָבן אים די ברידער און צום סוף פון זיין פאָטערס הויז און פון זיין פאָטערלאַנד פאַרטריבן, בכדי ער זאָל מיט זיי צוזאַמען קיין ירושה ניט באַקומען. יאָרן לאַנג האָט ער מיט זיין ווייב און איינציק קינד אין פרעמדע לענדער אומגעוואַנדערט, נויט און פיין און צער אָן אַ שיעור געליטן און קיין מנוחה ניט געפונען. די שוואַכע מוטער האָט ניט אויסגעהאַלטן די עינויים און יסורים פונם נע־ונדנעם לעבן און איז אָן אַ צייט אומגעקומען אינם וויסטן מדבר פון לאַנד טוב. דעמאָלט האָט דער פאָטער די גאַנצע ליבשאַפט פונם האַרצן זיינעם אויף זיין בת־יחידה אויסגעגאָסן און האָט איר אָפּגעהיט ווי דעם שוואַרצאַפּל פון אויג. ווען ער פלעגט נאָר פון געצעלט אַוועקגיין, פלעגט ער אַלעמאָל דעם דינער ירחע שטרענג פאַרזאָגן, ער זאָל „אויף ס׳איינציק קינד השגחה געבן". די נשמה פונם פאָטער איז געוואָרן צו דער נשמה פון דער טאָכטער צוגעבונדן.

באַלד זיינען אָבער פאַר גלעד, ווי פאַר גאַנץ ישראל, בייזע צייטן אָנגעקומען. צעשפּאָלטן איז געווען דאָס פאָלק ישראל אויף אַ סך שבטים, צעברעקלט אויף אָן אַ שיעור משפחות, וואָס האָבן געלעבט איטליכער פאַר זיך, אַרום אייגענעם פאַמיליענפייער זיך געוואַרימט, אָפּגעזונדערט און צעריסן, אָפּט שאַרף צעקריגט איבער אייבערהערשאַפט אָדער גאָר איבער אַ טאָפּ לינזן. קיינער האָט ניט באַנומען די טובה פונם כלל. זיי האָבן אָן יאַהווע פאַר־געסן, דעם איינציקן גאָט פון גאַנצן פאָלק ישראל, זיין היטער און באַשירמער, וואָס האָט אים אַלעמאָל אין אייניקייט געשטאַרקט. זיי האָבן צו בעל און עשתרות גענומען בוקן זיך און דינען, צו רמון, כמוש, צו מלכום און צו דגון—צו די געטער פון ארם און צידון, פון מואב, עמון און פון פלשתים. זיי האָבן דאָס אייגענע פאַר־וואָרפן און דאָס פרעמדע אָנגענומען. דערמיט האָבן זיי אויף זיך אַ פרעמדן יאָך גענומען. האָט זיך אָנגעצונדן יאַהוועס צאָרן אויף ישראל און ער האָט אָנגעשיקט אויף זיי בייזע שונאים פון אַלע זייטן. די פלשתים האָבן פון דרום־מערב אָנגעהויבן דריקן־שטיקן דן און שמעון און די עמונים האָבן פון מזרח מיט גרויס אכזריות גענומען ברעכן־שמעטערן די שבטים פון ישראל, וואָס אין חבל־אַרגוב און אין חורן, אין בשן און אין גולן און אין גלעד. די זין פון עמון זיינען באַלד דעם ירדן אויך אַריבער צו פאַרפירן אַ מלחמה אויך מיט יהודה און בנימין און מיטן הויז אפרים,—און שווער און ביטער איז געוואָרן דער מצב פון ישראל. פאַרוויסט געוואָרן זיינען די געמייזעכצן און פעלדער און די באַלעבטע פרייע קאַראַוואַנען־וועגן; געפאַלן זיינען פונם שונאס שווערד די בעסטע זין פון ראובן, גד און פון מנשה, און אין שענדליכער געפאַנגענשאַפט זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן ישראלס שענסטע טעכ־טער צוזאַמען מיט גאַנצע הערטשאַפטן פון שאָף און רינדער...

בת־יפתח האָט אויפגעשוידערט ביים דאָזיקן שרעקליכן גע־דאַנק, האָט זיך אויפגעהויבן פונם אָרט, איז אַרויס פון דער מו־טערס צימער און האָט זיך געבוקט אין טיר פון הויז, מורמלענ־דיק אַ שטילע תפילה.

ירחע איז ביי דער טיר געזעסן און האָט מיט אומעטיקע

אויגן שטיל נאָכגעקוקט אירע אַלע תּנועות, און אַז ער האָט ביי איר אין אויג אַ טרער באַמערקט, האָט ער מיט אַ שטילער בעטנ־דיקער שטים צו איר געזאָגט:

— מיין פילגנעדיקע האַרינטע בת־יפתח! די זון איז שוין אויפן שטאַפּל פון האַלבן טאָג אַרויף און דו האָסט נאָך ניט גע־קרעפטיקט ס'האַרץ דיינס מיט אַ שטיקל ברויט. רק דו טראַכסט און קלערסט, די רעיונות לאָזן דיך ניט רוען. מ'טאָר אַזוי ניט, טאָכטער! גיי בעסער און שטעל די תּרפים אויף, ווי דו ביזט ביז אַהער געוויינט געווען צו טאָן, דערמאָן די ליבע מוטער דיינע, נעם אַ קוכן דאָרט מיט האָניק און אַ ביסל וויין, בענטש יאַהווע — און ער וועט דיך בענטשן, וועט צוריקקערן דעם האַר מיינעם דיין פאָטער מיט אַ קרוין פון ישועה פאַר זיין פאָלק! זאָל זיך דאָך באַרואיקן דער צערודערטער געמיט פון מיין האַרינטע בת־יפתח די עדינה!

בת־יפתח איז געררירט געוואָרן פון ירחעס רייד און זי האָט באַשלאָסן צו פאָלגן דעם געטרייסטן פריינד פון זייער הויז.

ווי אַ יונגע פרימאָרגנדיקע גאַזעל האָט זי זיך דורכגעשלייכט דורך די צימערן פון הויז, האָט גענומען פוצן זיי לכּבוד דעם באַלדיקן צוריקקער פון איר פאָטער, אומהענגען די ווענט מיט בונטפאַרביקע יריעות און אויסבעטן די דילן מיט טעפּיכער פון שִׂנְעָר און דמשק. דעם סופיט האָט זי באַצירט מיט אתרוגים און הדסים און מיט גלעדס שענסטע פלאַנצן, און די פענסטער — מיט פאָרהאַנגען פון שניייווייסן ליין און פאַסן תּכלת, און אומעטום אָנגעשטעלט בלומענטעפּ פון תּענך און מגידו, מיט די שמעקע־דיקסטע רויזן, לילִיען, נרד און זאַפראַן. אַז זי האָט געהאַט אַרומ־געזעען אַלע פיר ווענט פון הויז און איז צו צום סוף צום דרומ־דיקן פענסטער פון דער מזרחדיקער וואַנט, האָט זי זיך מיט אַמאָל פאַרקוקט אויף די שפּיצן גלעד־בערג און אויף די הויכוואַסערן פונם מצפּה־טייך, וואָס זייגען דורך און דורך געווען אין פלאַ־מען — אָפּגעשפּיגלט פון דער פאַרגייענדיקער זון אין מערב. זי האָט אין האַרץ אַ ווייַ דערפילט: נאָך אַ טאָג אַוועק און דער פאָטער נאָך ניטאָ! זי זעט די שלוכטן פון די בערג — די וועגן, וואָס

פירן צו עמון און פון עמון,—זי זעט, ווי עלנט און פאַרלאָזן זיינען די וועגן, ווי ליידיק אַלץ אַרום, ווי אַלץ וואָלט אויסגעשטאָרבן אָדער באַהאַלטן זיך און טיף פאַרטראַכט ביז דער צאָרן וועט אַריבער, ביזן סוף פון דער בלוטיקער מלחמה...

וואָס געדויערט עס אַזוי? ווי לאַנג עס ציט זיך די מלחמה! מסתּמא ווידער ניט אַלע שבטים זיך פאַראייניקט קעגן שונא און גלעד שטייט אַליין אין פייער! אָבער ניין! דאָס קען ניט זיין! דער פאָטער האָט אַליין דערציילט, אַז אַלע שבטים האָבן די פרעמדע אָפּגעטער פאַרוואָרפן און זיך צוריק אין יאַהווע באַהעפט, זיך ווידער ווי איין פאָלק דערשפּירט מיט איין נשמה, וואָס קיין שום גרעניצן פון טייכן, ימים, בערג און טאָלן זיינען ניט בכוח זי צו שפּאַלטן. זיי האָבן אַוועקגעוואָרפן אויך די נאַרישע גאוה און באַרימעריי מיט יחוס און האָבן אויסגעקליבן פאַר אַ קצין און אַ ראש איבער זיך דווקא אים, דעם אָרימסטן, דערנידריקטסטן און עלנטסטן אין גלעד! און דווקא ער האָט אַרויסגעוויזן די גרעסטע שטאָלץ קעגן דעם קיניג פון בני־עמון און האָט אים פעסט און שטרענג און קלוג דערקלערט, אַז ישראל וועט ניט זיין קיין קנעכט ביי עמון און וועט בשום אופן ניט דערלאָזן די נחלה פון יאַהווע אין די הענט פון כּמוש און מלכּום. אַ געטליכער גייסט איז אין אים אַריין און ער איז מיט שטורים אַוועק אויף די בני־עמון— אַרויסצוטרייבן זיי פון גבול פון ישראלס לאַנד. דער געטרייער פאָטער האָט זיין איינציק קינד פאַרלאָזן, איבערגעלאָזן זי אויף דער השגחה פונם אַלטן געטרייען דינער ירחע, וואָס היט זי ווי זיין אויג אין קאָפּ, און איז אַליין אַוועק ראַטעווען זיין פאָלק פון פּיין און שאַנד. דער פאָטער איז אַוועק אין פעלד און די טאָכטער איז אין שטוב פאַרבליבן—וואַרטן אויף זיין צוריקקער. דער צוריקקער געדויערט אָבער שוין צו לאַנג, די מלחמה ציט זיך אַזוי לאַנג און ס׳זעט זיך ניט קיין סוף...

די זון איז, דאַכט זיך, לאַנג, שוין זייער לאַנג פאַרגאַנגען,—און צו דער נאַכט איז גאָר קיין סוף ניטאָ! ס׳איז שוין איצט די שיינע צייט פון פרי־יאָר, ווען די נעכט זיינען אַלעמאָל דאָך אַזוי קורץ שוין און די לאַנגע טעג אפילו פאַרגייען אויך

גאַנץ גיך, — די דאָזיקע נאַכט אָבער ציט זיך עפּעס אָן אַ שיעור, אָן אויפהער... נאָר אַט הערט זיך שוין אַ קלאַפּן — אַ קלאַפּן פונם שומר! ער גייט אַרום, דער שומר, אַרום דאָס גאַנצע הויז, אַט איז ער שוין ביים צפונדיקן פענסטער פון דער מזרח־וואַנט און באַלד שוין אויך ביים דרומדיקן פענסטער, וואו ס'זיצט גלייך ווי פאַרגליווערט די עלנטע בת־יפתח.

— שומר, זאָג, וואָס הערט זיך מיט דער נאַכט? צי וועט אַמאָל שוין ווערן טאָג?

— יאָ, בת־יפתח, עס וועט אַוועק די נאַכט און וועט ווערן טאָג!

— פאַרוואָס פאַרבייטסטו, ירחע, היינט דעם שומר?

— ווייל איך וויים, בת־יפתח, אַז דו וואַכסט, און איך טאָר בכן ניט שלאָפן! פאָלג, בת־יפתח, גיי אין דער מוטערס צימער גלייך, שטעל צוקאָפּנס דיר, צופוסנס פונם בעט און ביי דער טיר די תרפים אויס, זאָג צו גאָט אַ תפילה און ער וועט צו היטן און באַשירמען דיך אַ גוטן מלאך שיקן, — שלאָף אין שלום!

בת־יפתח האָט געפאָלגט, האָט זיך שלאָפן באַלד געלייגט, אָבער זי האָט בשום אופן ניט געקענט אַ דרעמל טאָן. שלעכטע רעיונות און שווידערליכע זעאונגען האָבן אַ קעלט אויף איר גע־וואָרפן און האָבן אירע ביינער ציטערן געמאַכט, העט־ווייט ער־גיץ אין ברענענדיקן זאַמד פון מדבר ליגט די צו־אַש־געוואָרענע אומגליקליכע מוטער און אויפן טויטן שלאַכט־פעלד וואַלגערט זיך געווים איצט דער טויטער גוף פון איר איידל־גוטן פאָטער, דעם מסירת־נפש'דיקן גבור ישראל...

שוואַרצע ראָבן און זשעדנע וואָניגעס פרעסן איצט זיין לייב און הונגעריקע הינט נאָגן זיינע ביינער און טרינקען איצט זיין בלוט...

זי האָט אויפגעציטערט מיט אַלע אירע אברים. איר לייב האָט עס ווי מיט שפּיציק־שאַרפע נעגל געגומען שטעכן פון שוי־דערליכער קעלט און אין קאָפּ און אין די אויגן האָט איר מישן זיך גענומען. זי איז פון קאַשמאַרן־שרעק באַלד פון איר געלעגער

אויפגעשפּרונגען און איז צום מזרחדיקן פענסטער צוגעלאָפן—און ס׳איז עפּעס וואונדערליכס געשען— — —

דער הימל איז לויטער=תכלתדיק געווען און ס׳איז אַ ליכ=טיקייט געוואַקסן אַלץ העלער=העלער. די נאַכט האָט געאײלט וואָס גיכער צו אַנטרינען פאַר דער מאָרגנרויט, וואָס האָט געגאָסן זיך פון מזרח איבער גלעד׳ס בערג. אין די שלוכטן האָבן נאָך גע=קנוילט זיך געדיכטע נעפּלען, אָבער אויך זיי האָבן באַלד גענומען ווערן שיטערער און דינער; צעשראָקענע שאָטנס האָבן גענומען שווינדן איינער נאָכן צווייטן אַלץ מער און שנעלער. אַ העלע רויזיקייט האָט פולגעמאַכט די לופט, וואָס איז דין=דורכזיכטיק געוואָרן. פון איר פרעכטיקן געצעלט פון עדן איז אַרויס די יונגע שיינענדיקע כלה—די ניי=געקרוינטע קיניגין פון הימל—און מיטן צאַרטן שמייכל פון אירע פורפור=ליפּן און מיט אירע מילדע אויגן=שטראַלן האָט זי געלייטזעליקט די אומגליקליכע ערד — — —

און שטיל איז אַלץ אַרום געווען, אַ זעלטזאַם=עדנדיקע שטיל=קייט—קיין וואָרט און קיין געצירף און קיין שום קלאַנג— — —

בת=יפתח איז אַ פאַרכישופטע געשטאַנען פון דער געטליכער ערשיינונג— — —

— ניין!—האָט זי צו זיך געזאָגט—יאהווע האָט ניט פאַר=לאָזן זיין אויסדערווילט און איינציק פאָלק, ניט געפאַלן איז דער חייל פון ישראל! דער פאָטער לעבט און וועט זיך נאָך אומקערן צוריק אַהיים מיט אַ קרוין פון ישועה פאַר זיין פאָלק,—אַזוי האָט דאָך געזאָגט דער קלוגער ירחע! ווי שיין איז דער באַגינען, ווי שיין די וועלט, דאָס לעבן! ווי שיין איז די באַפרייאונג פון אַזאַ שיינער וועלט!

און ווי שיין עס איז, ווי ליב עס איז אַליין צו העלפן דער באַפרייאונג! ווי וואָלט זי וועלן צוזאַמען זיין מיטן פאָטער און מיט אַלע יאהוועס קריגער אויף די פעלדער פון די שלאַכטן! פאַר=וואָס נעמט מען דאָס ניט מיט די טעכטער ווי די זין? אָט האָט דאָך דבורה פון הויז אפרים וואונדער=גבורות אויפגעטאָן אין דער מלחמה קעגן סיסרא! זי פילט אין זיך אַ כּוח צוגלייך מיט די זין ישראל׳ס מוטיק צו באַשיצן די געמייזעכצן פון יַעַר און די וואַ=

סערן פון חשבון, די שטילע וואוינונגען פון הערטשאַפטן ביי בצר און די שטעטלעך פון דער אָרימער ערוער— — — זי פילט זיך פעאיק ביזן סוף צו שטיין פאַר איר פאָלק און פאַר איר לאַנד — — — ווי אַ פריי שוועלבעלע פון איר שטילן נעסט, וואָלט זי איצט, טאַקע אָט די רגע, פון איר שטילער היים פון רמת=מצפה אַרויס אַהין—אַהין צו די געמאַרקן פון ארץ המישור און אויף די הויכקייטן פון אַרנון, וואו איר פאָטער און די שענסטע זין פון גלעד שטייען איצט אין מיטן פייער פון מלחמה— — —

ירחע שלאָפט איצט האַרט, פאַרמאַטערט פון דער אַרבעט פונם טאָג און פון דער שווערער שמירה אין דער גלעד=נאַכט... ער הערט נישט, ער הערט גאָרנישט— — —

און זי האָט דעם מזרחדיקן פענסטער אויפגעעפנט ברייט... אָבער—וואָס טוט זיך דאָ? וואָס הערט זיך דאָ אַזוינס? עפּעס מאָדנע ליבע=זיסע קלאַנגען האָבן זיך מיט אַמאָל אַריינגעריסן אינם פענסטער! אַ שירה, אַ האַרציקע און צאַרטע, פון נאָר=וואָס אויפגעוואַכטע יונגע פרישע פייגל=כאָרן גיסט זיך פון מזרח און פון מערב, פון צפון און פון דרום, גיסט זיך גלייך אַריין אין האַרץ, ווי דער היילנדיקער טייערסטער באַלזאַם פון גלעד — — —

אָבער וואָס הערט זיך עס פאַר אומגעוויינליכע ווייט=פאַרשטיקטע קלאַנגען? דאַכט זיך, קלאַנגען פון אַ האָרן? אפשר איז דאָס דער האָרן, וואָס רופט צונויף די הערטשאַפטן פון ציגן צו די פעטע גרין=באַגראָזטע בערג פון גלעד?

זי הערט זיך צו אָנגעשטרענגט אַ רגע: — ניין! ס׳איז ניט קיין הערטן=האָרן, ס׳איז אַ האָרן פון אַ שאַלן, — יאָ, אַ האָרן פון אַ נצחונדיקן שאַלן הערט זיך פון צווישן די בערג פון גלעד!... ס׳איז קיין ספק ניט—איר פאָטער, איר האַרציק=ליבער פאָטער, דער מוטיקסטער און מסירת=נפשדיקסטער גבור פון ישראל, קערט זיך אום. צוריק געקרוינט מיטן לאַנג און הייס געגאַרטן גליקליכן נצחון! באַפרייט איז איצט ישראל, גליקליך איז איצט גלעד און נאָך גליקליכער איז זי, די איינציקע טאָכטער פון יפתח הגלעדי, דעם ראש פון פאָלק ישראל!

און בת=יפתח האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל און

האָט גאָט געליבט, וואָס האָט ישראל ניט פאַרלאָזן און האָט
אַ ישועה אים געגעבן דורך זיין קנעכט איר פאָטער. נאָכדעם
האָט זי ווי אַ יונגע אינד גענומען גיך שפּרינגען איבערן צימער,
לאַכן, פרייען זיך מיט זיך אַליין און טאַנצן: באַלד האָט זי די
תרפים אין אַ שיינעם סדר שנעל צונויפגעשטעלט, און ווי אַ נאָכ־
טיגאַל אין אַ זיסן זמר זיך צעגאָסן, פלעכטענדיק אַ בלומענקראַנץ
פון פרישע שמעקעדיקסטע רויזן, ליליען און הדסים. זי האָט צום
סוף בליץ־שנעל אָנגעטאָן אירע שענסטע יום־טוב'דיקע קליידער, איר
בלויגעשטרייפט צאַרט זייד־העמד און איהר שניי־ווייסע מאַנטיע
פון דינסטן פיינסטן בוץ פון הודו, און פונקט אַזוי בליץ־שנעל
איז זי פון הויז אַרויס מיט'ן בלומענקראַנץ אויפן געדיכט און
שוואַרץ געלאָקטן קאָפּ און מיט טימפּאַנען אין די הענט — די
ע ר ש ט ע צו מקבל פנים זיין דעם פאָטער, איר ליבסטן און גע־
טרייסטן און איר איינציקע און זיסטע טרייסט אין לעבן — — —

אַן אומגעהייערער זייל געדיכטן שטויב האָט זיך מאַסיוו
באַוועגט פון צווישן די בערג און געדוקט זיך אַלץ נעענטער צו
מצפה, און דאָס שאַלן פון האָרן איז געוואָרן אַלץ הילכיקער און
העלער. בת־יפתח האָט ווי ניט באַמערקט דעם שטויב, — זי איז
ווי אַ בת־מלכה געגאַנגען שטאָלץ מיט פעסטע טריט פאָראויס און
האָט מיט אירע ליכטיקע און שיינע טויבן־אויגן קלאָר געזעען
די מחנה מונטערע גבורים, וואָס האָט זיך צו איר אַלץ מער דער־
נעענטערט: זי איז געגאַנגען מיט אויפגעהויבענעם קאָפּ, זינ־
גענדיק און קלינגענדיק אין די טימפּאַנען. אַז זי איז אַראָפּ פון
דעם שיפּוע פונם היגל רמת־מצפה און האָט באַלד דערזעען איר
אַזוי היים געגאַרטן און לאַנג ערוואַרטן פאָטער בראש פון דער
מחנה קריגער מיטן האָרן אין דער האַנט, איז איר שמחה אַרוי־
בער אַלע ברעגעס פון איר איבערפילטן האַרצן און זי האָט אין
גרויס התפעלות גענומען טאַנצן מיט די טימפּאַנען אים אַנטקעגן
און מיט פאַרגאַפטע אויגן...

— ווינד און ווי, מיין איינציק קינד! — האָט יפתח ניט
מיט זיין קול פלוצלינג אויסגעשריען, דערזעענדיק דורכן שטויב
זיין טאָכטער פונדערווייטענס און צערייסנדיק אויף זיך די קליידער,

און די גאַנצע מחנה האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט דערשטוינט,— דו האָסט מיין געמיט צעבראָכן, האָסט מיך צו דער ערד געבויגן, מיין לעבן מיר צעשמעטערט און מיך אויף אייביק שוין אומגליקליך געמאַכט! איך האָב מיין מויל צו יאַהווע דאָך געעפנט... מיט אַ נדר בעת איך בין אַרויס אויף עמון—אַז אויב יאַהווע וועט אײַנבערגעבן די בני־עמון אין מיין האַנט, וועט זיין, אַז ווער עס וועט אַרויסגיין פון די טירן פון מיין הויז דער ערשטער מיר אַנטקעגן בעת מיין צוריקקערן בשלום פון די בני־עמון, וועט עס צו גאָט געהערן און איך וועל עס אויפּברענגען פאַר אַ קרבן־עולה!... און איצט קען איך ניט אומקערן מיין וואָרט צוריק!

— פאָטער מיינער, ליבער פאָטער!—האָט אָפּגעפרעגט בת־יפתח אַ צעשקרוכטע, גענעענענדיק צו אים — צי שטייט דען וואו געשריבן, אַז די בני ישראל זאָלן מקריב זיין די לעבנס פון זייערע קינדער אויף מזבחות?

— איך האָב געטאָן אַ נדר, — איז געווען אַ ציטערדיקער ענטפער.

— אָבער יעקב האָט דאָך אויך געטאָן אַ נדר פון אַלץ אַ צענטל אָפּצוגעבן גאָט, און ער האָט דאָך צוועלף זין געהאַט,— צי האָט ער כאָטש איינעם דען פון זיי געאָפּפערט?

יפתח האָט ניט געהאַט קיין ענטפער איר צו געבן און אָנשטאָט צו ענטפערן האָט ער זי אַ צערודערטער געפרעגט:

— ווי אַזוי ביסטו פון הויז אַליין אַרויס,—איך האָב דאָך ירחע׳ן שטרענג פאַרזאָגט אויף דיר השגחה צו געבן און ניט אַרויסצולאָזן דיך אַליין מפתח ביתי? און דערצו נאָך אַזוי פרי!

— זיי מיר מוחל, מיין האַרציקער געטרייער פאָטער!— האָט בת־יפתח אינגאַנצן אַ געענדערטע מיט אַ תחנונימדיקער שטים געענטפערט—ירחע האָט אָפּגעהיט געטריי זיין חוב; איך אַליין בין, גאָר נישט וויסנדיק, גרייט געווען און בין אויך איצט פון גוטן ווילן גרייט צו שטאַרבן פאַר דער פרייהייט פון מיין פאָלק! און אַזוי ווי דו האָסט דיין מויל געעפנט צו יאַהווע מיט אַ נדר, דאַן טו מיר ווי עס איז אַרויס פון דיינע ליפּן, נאָכדעם ווי יאַהווע האָט געטאָן פאַר דיר נקמה אין די שונאים דיינע די בני־עמון!

דאַן האָט יפתח, דער גרויסער גבור פון ישראל, זיך פ רן קאָפּ געכאַפּט און אויסגעבראכן אין א ביטערן געיאָמער מיט האַרצ־רייסנדיקע שלוכצן:

— מיין טאָכטער! מיין ליבע־ליבע טאָכטער! ווער וואָלט געבן—איך זאָל שטאַרבן אָנשטאָט דיר, מיין טייער איינציק קינד בת־יפתח! מיין טרייסט די איינציקע נאָך דעם טויט פון דיין יונ־גער מוטער! אוי קינד מיינס! מיין איינציק טייער קינד!

ער האָט איינגעהילט זיין פנים און שוידערנדיק געשריען מיט אַ גרויס קול אָן אויפהער, וואָס האָט זיך געהערט אין דער שטאָט מצפה און אויפן היגל רמה.

אויף דעם געשריי איז אָן אַן אָטעם געקומען באַלד צו לויפן דער אַלטער ירחע, צעשראָקן ווי פון אַ פיינליכן קאָשמאַר. אַז ער האָט זיך דערוואוסט, וואָס דאָ איז געשעען, האָט ער העפטיק אויסגע־רופן:

— מ׳מוז תיכף זאָטלען דעם אייזל און גיין קיין שילה פרעגן וועגן דעם ביים כהן־גדול פינחס.

יפתח האָט געענטפערט:

— איך קען צו אים ניט גיין, זאָל ער צו מיר וואָס גיכער קומען!

ירחע האָט אָן ווערטער און אָן רייד, שנעל ווי אַ יונגער־מאַן, געזאָטלט דעם אייזל און איז געאיילט אַוועק קיין שילה. אין שילה האָט ירחע לאַנג ניט פאַרבראַכט, איז גיך געקומען צוריק קיין מצפה־גלעד און האָט מיט אַן איינגעהאַלטענעם צאָרן, מיט פעסט פאַרפרעסטע לעפצן דערציילט די דאָזיקע רייד:

— אַז איך בין געקומען צום כהן, וואָס אין שילה, און האָב אים דערציילט אַזוי און אַזוי, האָט ער מיר, פונקט ווי מיין האַר דער ראש פון די שבטים פון ישראל, געזאָגט, אַז ער קען ניט גיין צו יפתח הגלעדי און אַז יפתח זאָל צו אים וואָס גי־כער קומען. דאַן האָט שטאַרק געגרימט מיין צאָרן און איך האָב געזאָגט: אישי כהן־גדול! איבער דער גאוה פון די צוויי גדולים פון ישראל וועט דאָך אומקומען דערווילע די אומשולדיקע טויב בת־יפתח, גלעדס שענסטע טאָכטער! דעמאָלט האָט דער כהן־גדול מיר גע־

זאָגט, אַז ער איז דיר, מיין האַר יפתח, מתּיר נדר, ווייל דער גאָט פון ישראל וויל ניט קיין מענטשליכע קרבּנות, ווי ער האָט שוין לאַנג עס דורך זיין קנעכט אברהמען פאַרקינדיקט; אָבער — בת־יפתח בלייבט צו יאַהווע געהייליקט, טאָר ניט וויסן קיינמאָל פון אַ מאַן און מוז אויפס גאַנצע לעבן פאַרבלייבן אַ נזירה!

נאָך די דאָזיקע רייד פון ירחע האָט בת־יפתח זיך געווענדט צום פאָטער אירן און געזאָגט:

— גוט, זאָל מיר געטאָן ווערן אַזוי! אָבער איך האָב צו דיר, געטרייער פאָטער, אַ בקשה, טו מיין לעצטן איינציקן פאַרלאַנג: לאָז מיך אָפּ אויף צוויי חדשים און לאָמיך גיין און קלאָגן אויף די בערג און מיין מיידלשאַפט באַוויינען צוזאַמען מיט מיינע ליבע חברתּה׳ס פון מצפּה־גלעד!

און יפתח האָט מיט אַ פאַרשטיקטער שטים, זיך ווערגנדיק פון אָנגעשטראָמטע טרערן און פון אומאויפהערליכע שלוכצן, קורץ געזאָגט איר:

— גיין!

און ער האָט איר אָפּגעלאָזט אויף צוויי חדשים.

* *

*

און בת־יפתח איז געגאַנגען מיט אירע חברתּה׳ס און האָט געוויינט אויף איר מיידלשאַפט אויף די בערג.

אַלע טאָג באַגינען פלעגן אַרויפקומען צו איר איף רמת־מצפּה אירע חברתּה׳ס, וואָס מיט זיי האָט זי זיך אויפגעהאָדעוועט און די שענסטע חלומות צוזאַמען געשפּונען. פונם היגל האָט זי מיט אירע חברתּה׳ס די לאַנדשאַפטן אַרום באַקוקט — און פערל־טרערן האָבן זיך אין די אויגן איר געשטעלט, און קוקנדיק אויף איר, האָבן זיך אויך די חברתּה׳ס געשטיקט פון פּלוצלינג אָנגע־קוואָלענע טרערן אָן אַ שיעור.

— איך זע די לאַנדשאַפטן, — האָט זי צו זיי געזאָגט, — אָבער גאָר ווייניק איז מיר געבליבן זיי צו זעען. קומט, געליבטע, באַ־גלייט מיך אויף אַלע בערג פון גלעד; איך וויל פון זיי אַלע־אַלע

לאַנדשאַפטן באַקוקן, איך וויל פון זיי די ווייטסטע ווייטן זעען, איך וויל זיי זעען, ווייל דאָס איז ביי מיר — צום לעצטן מאָל!

און אַלע טאָג גאַנץ פרי באַגינען פלעגט בת־יפתח מיט אירע געטרייע חברתה׳ס אַרויס און זיי פלעגן אויף די גלעד־בערג אַרויף, אַרויפשטייגן אויף די העכסטע שפיצן זייערע און ווענדן זיך מיט די בליקן אין אַלע זייטן. זי קערט זיך מיטן פנים אום צו מז־ח און צו צפון־מזרח, צו די געדיכטע הויכע שטאָלצע דעמבנוועלדער און הויך־שטאַרצנדיקע בערג פון בשן און צו די בערג פון ווייטן ווייסן חוֹרָן, קוקט און קוקט און קען ניט אָפּרייסן פון זיי די בליקן. ווי דורכזיכטיק די הימלען זיינען איבער זיי, ווי זיי וואָלטן עפּעס העכער גאָר געוואָרן, ווי אַ טעמפּל פון אייביקייט און פון אין־סוף. ווי בלוי זיינען די שטילע בערג און ווי ווייס די שפּיצן זייערע! און ווי מילד עס קוקט אַראָפּ צו דער ערד די קיניגין פון הימל! ווי ס׳וואַרימען און גלעטן די ווייכע שטראַלן פון אירע צאַרטשמייכלענדיקע אויגן! אַ רואיקייט אַ זעלטזאַמע גיסט דאָס בילד אַריין אין איר צעווייטיקט האַרץ, אין איר צערודערטער נשמה — אויף אַ קורצע רגע! באַלד דערמאָנט זי זיך און רופט אויס צו אירע חברתה׳ס:

— ליבע און געטרייע מיינע! דאָס זע איך דאָך — צום לעצטן מאָל! צום לעצטן מאָל — אין אָנהייב פון מיין לעבנס־פרילינג!

און אַ ניטאויסגעשעפּטער קוואַל טרערן האָט זיך פלוצלינג געעפנט אין די אויגן פון די יונגפרויען פון מצפה און זיי האָבן ביטערליך געוויינט אויפן בייז־באַשערטן גורל פון בת־יפתח.

באַלד האָט בת־יפתח מיט איר געזיכט צו צפון זיך געווענדט, צו די אייביק־ווייסע חרמון־בערג און צום בלענד־ווייסן לבנון. ווי אַ כוואַליעסדיקע זילבערנע קייט, שניידן זיי דורך דעם לויטער־בלוי־ען הימל־שטח דאָרט העט־ווייט און די העלע זון, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון הינטער די חורן־בערג, באַגולדט די שניי־קאַמען פון חרמון, שניר, אמנה און לבנון, וואָס פינקלען מיט אַלע פאַרבן פון ששת ימי בראשית. אַ כישוף איז פון אַלעם דעם געפאַלן אויף די אויגן פון די פאַרגאַפטע יונגע טרוימערינס פון גלעד, זיי האָבן

זיך פאַרגעסן פון דער פלאימדיקער זעאונג. פלוצלינג האָט זיך אויפן לויטער־בלויען הימל אַ קליין וואָלקנדל ווי די האַנט פון אַ מענטשן אויפגעהויבן פון די טיפענישן פון ים, איז געוואָרן אַלץ גרעסער־גרעסער און האָט די שיינע שיינענדיקע בערג פאַרשטעלט. דאַן האָט זיך פון בת־יפתח'ס האַרצן אַ טיפער יאושדיקער אויס־געשריי אַרויסגעריסן:

— דאָס האָב איך, שוועסטער, אַלץ דעם לעצטן מאָל גע־זעען! דער וואָלקן האָט עס מיר דערמאָנט...

דער ענטפער איז געווען דערויף ווידער אַ יאָמערליך געוויין, וואָס האָט פון גלעד־באַרג געלאָזט זיך הערן ווייט און ברייט.

דער וואָלקן איז הע׳גען געבליבן איבער די בערג פון צפון, און בת־יפתח האָט זיך אומגעקערט צו מערב. דער גרויסער ים האָט זיך קלאָר געזעען פונדערווייטנס און האָט אינגאַ׳נצן געגלאַנצט און געפינקלט פון דער זון, וואָס האָט זיך גערוקט פון דרום אַלץ נעענטער צו אים. בת־יפתח האָט זיך פאַרטיפט אין דער אָנסופי־קער ווייטקייט פונם גרויסן ים, וואוהין ס׳איז נאָך ניט דערגאַנגען קיין שום פוס פון אַ ילוד־אשה. ווי עס ציט זי אַהין, ווי וואָלט זי וועלן צונויפגיסן זיך מיט דער דאָזיקער געטלי׳כער ווייטקייט, ווי לעכצט נאָך דעם איר נשמה! אָבער אומזיסט איר שטרעבן! זי איז אויף אייביק פאַרמשפּט, איר גורל איז געחתמעט! זי מוז אין אַ מדבר צווישן פעלזן ס׳לעבן אירס פאַרברענגען און זי זעט דעם גרויסן שיינעם גלענצנדיקן ים—דעם לעצטן מאָל!

זי האָט די הענט פאַרבראָכן און האָט פונסניי גענומען קלאָגן אויף איר יונגער שיינקייט, וואָס וועט פאַרוועלקן אָן אַ צייט, און אויף איר יונגן לעבן, וואָס וועט אָן אַ זין פאַרגיין! זי האָט געקלאָגט און די חברתה׳ס מיט איר און אַ טרויעריקער בת־קול האָט אָפּגעהילכט ווייט און ברייט אַרום.

בת־יפתח'ס בליק איז באַלד געפאַלן אויף די רייך־באַגרינטע בערג פון אפרים, באַלד אויך אויף די אָרימע יהודה־בערג און צום סוף, אומגעריכט פאַר איר אַליין, אויפן בלענדיק־ווייסן שטיין פון רחל׳ס עלנטן קבר אויפן וויסטן וועג קיין אפרת.

— פון מיר וועט אפילו אַזאַ זֵכֶר ניט פאַרבלייבן! — האָט

געזאָגט צו די חברתה׳ס בת־יפתח — איך וועל אומקומען אין הושך צווישן די שפּאַלטן פון די פעלזן און וועל פאַרלאָרן גיין אויף אייביק!

— ניין, דו ריינסטע, הייליקסטע פון גלעד׳ס טעכטער! — האָבן מיט האַרץ אויסגעשריען בת־יפתח׳ס חברתה׳ס אַלע מיט איין קול — דו וועסט ביי אונז אין האַרצן בלייבן ווי אַ זיגל אויסגע־קריצט. מיר וועלן קיינמאָל־קיינמאָל ניט פאַרגעסן דיך, מיר וועלן יאָר־איין, יאָר־אויס פאַרקינדן וועגן דיר דעם גאַנצן פאָלק און דור צו דור וועט דערציילן פונם גרויסן קרבן דיינעם פאַר זיין פרייהייט — — —

— ניט אַזוי, געטרייע מיינע — האָט געעטפערט און געזאָגט בת־יפתח — איך בין אַליין שוין לאַנג געוועזן גרייט צו שטאַרבן פאַר מיין פאָלק און פאַר זיין פרייהייט און בין אויך איצט נאָך גרייט דערויף; פאַרן טויט האָב איך קיין מורא ניט. מיין קרבן אָבער האָט קיין זינען און קיין תכלית ניט.

נאָך די דאָזיקע רייד האָט זי געקערט צו דרום אירע אויגן. זי האָט דערזעען די פאַרברענטע וויסטענישן און די טיפע פעלזן־שפּאַלטן, וואו זי וועט ווערן לעבעדיק באַגראָבן, און אַלע אברים אירע האָבן גענומען שוידערן פון קעלט און זי האָט מער קיין זאַך שוין זעען ניט געוואָלט. דאַן האָט זי מיט די חברתה׳ס זיך אומגעקערט קיין מצפה — ביזן מאָרגנדיקן טאָג. און אַז דער מאָרגנדיקער טאָג פלעגט קומען, פלעגט אַ נייע בענקשאַפט, אַ נייער שאַרפער ווייַ אַרומנעמען איר ס׳האַרץ און זי פלעגט ווידער מיט די חברתה׳ס אומוואַנדערן איבער די נאָענטע און ווייטע בערג, איבער אַלע בערג פון גלעד, ניט אויסגעלאָזן איינעם. די זון איז טאָג פאַר טאָג אויפגעגאַנגען און פאַרגאַנגען, און בת־יפתח האָט מיט אירע איבערגעגעבענע פריינדינס אַלץ שפּאַצירט פון פעלד צו פעלד און וואַלד־איין וואַלד־אויס, געשטייגט פון באַרג אויף באַרג און גע־שלונגען מיט די אויגן דעם אומענדליכן רוים.

— זאָגט מיר, ליבע חברתה׳ס, וואָס זוך איך אַלע טאָג אָן אויפהער? פאַרוואָס קען איך דאָס קיין רו זיך ניט געפינען אין מיין פאָטערס הויז און קלעטער טאָג פאַר טאָג און וואָך פאַר

וואָך אויף בערג? וואָס ציטערט־פלאַטערט עס אַזוי מיין הארץ? וואָס פּאָכט עס אַזוי שטאַרק? איך בין דאָך גרייט געוועזן צו שטאַרבן אין האָב זיך פעסט אַנטשלאָסן מוטיק אויפצונעמען מיין בייז־באַשערטן גורל? פאַרוואָס זשע איז איצט מיין געמיט אַזוי צערודערט? איר ענטפערט אָבער ניט; איר ענטפערט בלויז מיט האַלזן און מיט קושן און מיט טרערן! דאַן וועל איך אייך ענטפערן, געטרייע! ס'איז ניט אויסצוהאַלטן שווער צו וויסן, אַז אָט־אָט באַלד וועט זיין דער סוף, אַז געציילט זיינען די טעג פון לעבן און געניסן. איך ווייס און פיל, אַז איך זע דאָס אַלץ, די גאַנצע שיינע רויזן־וועלט דעם לעצטן מאָל, אַז באַלד וועט קומען גאָר דער לעצטער טאָג פון מיינע צוויי חדשים, מיין געזעגנונג־שעה! איבערגעריסן איז געוואָרן מיין ניט־דערזונגען ליד, מיין יונג שיין פריילינג־ליד; פאַרשוואונדן זיינען מיינע ציטריקע חלומות, מיינע ניט־געזאָגטע, ניט־דערציילטע גאָלדענע חלומות, די חלומות פון מיין לעבן. איך האָב אויף שיינע טעג געוואַרט, אויף זונענדיקע טעג; איך האָב אויף לבנה־נעכט געוואַרט מיט אויסגעשטערנטע בלויע הימלען; איך האָב געוואַרט אויף אַן עדנדיקן פריילינג, וואָס וועט מיר ברענגען טרייסט און גליק; איך האָב געוואַרט אויפן גליקליכן צוריקקער פון מיין פאָטער, וואָס וועט באַלוינען מיך פאַר די יאָרן פּיַין און לייד. איך האָב געוואַרט, געהאָפט, אָבער—נ י ש ט איז פון מיינע ערוואַרטונגען געוואָרן און פון די האָפענונגען נ י ש ט!—

ווי ליב איך האָב דאָס לעבן, די שיינע ליבע וועלט! ווי ליב איז מיר דער תכלתדיקער הימל מיט אַלע זיינע הערשאַפטן און די גרינע ערד מיט אַלץ אויף איר! ווי ס'ציט מיך אין די פעלדער און געמייזעכצן, צו די הערטשאַפטן פון שאָף; ווי גאָענט זיינען מיר די פלייטן פון די הערטן און די לידער פון די הערטינס! עס רופט צו זיך דער וואַלד מיך מיט זיינע העל באַגולדטע לאָקן פון דער זון און ס'ווינקט צו מיר דער טייך מיט די באַבוימטע ברעגעס זיינע. באַזונדערס טייער זיינען איצט געוואָרן מיר די גראָזן, בלומען, אַלץ איינס, מיט ריחות צי אָן ריחות, און די פייגלעך מיט זייערע מונטערע געזאַנגען. ווי ס'בענקט זיך עפּעס מיר אין האַרצן נאָך עפּעס אומבאַקאַנטס, און איך ווייס ניט און פאַרשטיי

ניט, וואָס דאָס איז אַזוינס. עפּעס וואָלט איך וועלן, מיין מאַמע זאָל איצט אויפשטיין פון איר וויסטן קבר און קומען גלעטן מיך, האַלוביען, צערטלען, טרייסטן—טרייסטן מיך און מיין גרויסן טרויער— — —

אַמאָל דוכט זיך מיר: ס׳איז אַ ליבע פרילינג־נאַכט; דער הימל איז אַזוי קלאָר און די שטערן פינקלען אַזוי העל; אַ נאַכטיגאַל זינגט און פאַרגייט זיך אין התלהבות; בלומען עטעמען מיט ריחות ניחוחים און מאַכן פול מיט זיי די לופט,—און צו מיר קומט אַריין עמיצער אַ ליכטיקער, אַ מילדער, ליבער מיט צאַרטע פליגלען אויסגעשפּרייט צו נעמען מיך אין זיינע אָרימס, זאָגט מיר צו גאָלדענע חלומות אין גן־עדנדיקע וועלטן. ציטערדיקע שיינענדיקע שטראַלן פון זיינע אויגן לאָקן, ציען מיך צו אים; איך וויל לעבן, עטעמען און לעבן, האָפן, גלויבן, ליבן,—און איך פאַלצו צו אים מיטן גאַנצן יוגנטליכן פייער מיינעם און גיס־אויס מיין צעווייטיקט האַרץ אין הייסע טרערן... איך האָב געוויינט אין חלום, פון געוויין זיך אויפגעכאַפּט,—און די זעאונג איז פאַרשוואונדן— — —

און ווידער האָט זיך מיר אַמאָל געדוכט, ליגנדיק אויף מיין געלעגער, אַז ס׳איז געוועזן די צייט פון תבואה־שניט און פון די ערשטע וויינטרויבן; מיט מיר איז גאָר קיין אומגליק ניט געשעען און דער פאָטער האָט מיך צום ערשטן מאָל מיטגענומען מיט זיך קיין שילה, וואו ער האָט געדאַרפט אין משכן אַ קרבן־תודה ברענגען לכבוד דעם נצחון איבער עמון און לכבוד דעם יערליכן יום־טוב פון גערעטעניש אויף תבואה און אויף פּירות. איך בין צוזאַמען מיט אייך, בנות מצפה, אַוועק אין די וויינגערטנער צו טאַנצן און צו זינגען און איך האָב צוזאַמען מיט אייך דעם ערשטן מאָל דאָס כלה־ליד „תּן עיניך״ צו די בחורים געזונגען און איך בין אויך אַ פריילעכע און אַ גליקליכע געוועזן... אָבער אויך דאָס איז אַ חלום בלויז געוועזן!

איך זע חלומות נאָר, שיינע, ליכטיקע חלומות,—איז די דערוואַכונג מיר נאָך פּיינליכער. מיין טרויער איז אָן טרייסט און פאַרנעפּלט איז מיין וועלט. איך האָב ליב אַזוי דאָס לעבן, איך

וואָלט די וועלט אַרומגענומען אין ליבשאַפט און אין ליבשאַפט אויסגיין; איך וואָלט וואָס וועלן טאָן פאַר איר און פאַר איר אויך שטאַרבן, אָבער אונטערגעהאַקט זיינען מיינע פליגלען, איך וועל אין ווילדעניש צווישן פעלזנשפּאַלטן פאַרגראָבן ווערן לעבעדיקער־הייט — — —

אַ טאָג קומט און עס פאַרגייט אַ טאָג, און ס'ווערט אַלץ נענטער צום סוף, צום טרויעריקן סוף פון מיין יונגן, נאָך ניט אויפגעבליטן לעבן. אין די נעכט פיניקן מיך געשפּענסטער בייזע, איך הייב שוין אָן קאָשמאַרן זעען, די בייזסטע שרעקליכסטע חלומות; אין דעם גלאַנץ פון בלויען טאָג גייען אַלץ מיר שאָטנס נאָך, די שאָטנס פון די קאָשמאַרן און געשפּענסטער. מיר איז אומעטיק אַליין... זייט מיט מיר, פריינדינס געטרייסטע מיינע, פאַרלאָזט מיך ניט אויך אין די נעכט! — — —

אָט קומט ער שוין, דער טאָג, וואָס איך האָב פאַר אים מער ווי אַלץ געשראָקן זיך,—דער לעצטער טאָג פון די פאַרלאַנגטע צוויי חדשים מיינע! זייט מיט מיר! מיט מיר!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'איז צום סוף געקומען דער בייז־באַשערטער לעצטער טאָג. ווי אַלע טאָג איז בת־יפתח מיט אירע חברתה'ס אַרויס גאַנץ פרי באַגינען צו וואַנדערן איבער די באַליבטע ערטער און צושטייגן אויף די בערג. דעם טאָג אָבער זיינען זיי אַרויפגעשטיגן בלויז אויף איינעם, אויפן העכסטן פון די גלעד־בערג, און פון אים האָט זיך בת־יפתח גענומען געזעגענען מיט אַלץ אַרום.

די זון האָט ווי אַלע טאָג געשיינט, אָבער מער ווי אַלע טאָג זיינען פון מערב־זייט, פון ים, אויפן הימל וואָלקנס אָנגעשוואומען...

און בת־יפתח האָט אויפגעהויבן אירע הענט צום הימל און האָט אַזוי געזאָגט:

— דו שיינסט, זון, פאַר אַלע ברואים פון דער וועלט, אָבער ניט פאַר מיר,—איך מוז אומקומען אין חושך! איך האָב ווי אַ גבורה ראַנגלען זיך געוועלט און מיין בייז־באַשערטער גורל איז — צו פאַלן ווי אַ קרבן! איז דערפאַר מיין לעצטער וואונטש: איך זאָל זיין דער לעצטער מענטשן־קרבן אויף

דער אומגליקליכער ערד און דו, זון, זאָלסט מער אַזױנס ניט זעען!

דערנאָך האָט זי זיך געװענדט צו צפון און צו דרום, צו מזרח און צו מערב, צו אַלע באַליבטע ערטער פון איר געבאָרנלאַנד, האָט לאַנג פאַרבענקט געקוקט אױף גאָטס שײנער װעלט און ניט געקענט אָפּרײַסן איר בליק. אָט פליסט דער שטילער מצפה־טײַך צװישן ברע־געס, באַזױמטע מיט הושענא־בױמער און באַװאַקסן מיט אַלאָען, װאו זי האָט אין איר קינדהײט זיך געשפּילט. דאָ רױשט אַ טאַמאַריסקן־װאַלד און דאָרט אַ װאַלד ציפּרעסן, דעמבן און אַקאַציעס. פון־דאַנען טראָגן זיך זיסע, װײכע און אױך שאַרפע דופטן פון גערט־נער בלומען און בשמים כל המינים, און פון דאָרטן—ליבע ריחות פון טײטלען, אײלבערטן, װײנטרױבן און מילגרױמען און פײגן. זי קען ניט שײדן זיך מיט דער שײנער דופטן־װעלט אין רעכטן בליען, עס בלוטיקט איר דאָס האַרץ... פאַר אַלעמען, נאָר ניט פאַר איר... אָט שטײען הערטן אױף די פּיטער־ערטער און פּאַשען שאָף און רינ־דער און אָט אַרבעטן שױן שניטער אין די פעלדער,—און אַלע זינגען, קלינגען, רופן ערגיץ נאָענט און װײט צום לעבן,—און זי—מוז אַװעק פון לעבן—אין טיפן חושך! די לופט איז פול מיט קלאַנגען פון מענטשן און פון פײגל־כאָרן, די קלאַנגען ציען, רופן איר מיט קראַפט, אָבער אַן אַנדער קראַפט, אַ שטאַרקערע, אַ גע־הײמע, אומפאַרשטענדליכע, שלעפּט איר, רײַסט איר ערגיץ טיף אין אָפּגרונד... גאַנצע פּאַנאָראַמעס בונטע בילדער און כּישופדיקע פאַרבן מאַניען איר אין שײנע װעלטן און זי װיל פאַרגעסן זיך,— אָבער יענע שטאַרקע קראַפט פאַרטונקלט אַלע בילדער און װישט באַלד אָפּ אױך אַלע פאַרבן — — —

— — — דער טאָג האָט זיך שטאַרק געטאָן אַ נײג צו אָװנט און אַ נעפּל האָט אײַנגעהילט די טאָלן.

דער הימל איז פאַרדעקט געװאָרן מיט געדיכטע װאָלקנס, מיט װאָלקנס פון געװיטער, און פּלוצלינג האָט העט־װײט אַ בליץ געטאָן, אַ דונער... בת־יפתח האָט אױפגעשױדערט, האָט די הענט פאַרבראָכן און אױסגעבראָכן אין אַ געיאָמער און אַ קלאָג און מיט איר צוזאַמען אירע חברתה׳ס... זײ האָבן אינם בליץ און דו־

נער דערהערט אַן אָנזאָג, אַ התראה... בת־יפתח האָט זיך נאָך אַמאָל געזעגנט מיט אַלץ אַרום און מיט די בערג, מיט ערד און הימל, מיטן גאַנצן לעבן און איז שנעל צוריק אַוועק אַהיים קיין רמת־מצפה — — —

אַ ווינט האָט פון ערגיץ אַ טראָג געטאָן אַרויף אַ בלום — אַ רויז אַן אָפּגעריסענע, צעטראָטענע...

— אַ צאַרטער דופט האָט זיך אַרויפגעטראָגן אינדערהויך צום הימל — האָט אויסגערופן מיט אַ פאַרשטיקטן קול בת־יפתח — אַ לעצטער דופט, אַ לעצטער הויך, צום לעצטן מאָל! אַ סוף! זייט געזונט, חברתּה׳ס, און פאַרגעסט ניט אייער וואָרט! באַוויינט דעם קרבן פון בת־יפתח, באַוויינט איר אומגעקומען לעבן, באַוויינט איר מיידלשאַפט!

אַ שלאַקס רעגן האָט אויסגעבראָכן און ס׳האָט זיך אויסגע־דוכט, אַז דער הימל און די גאַנצע וועלט וויינט־מיט מיט ישראל׳ס טעכטער פון שטאָט מצפה אויפן גורל פון בת־יפתח.

* * *

און ס׳איז געווען צום סוף פון לעצטן טאָג פון די באַ־שטימטע צוויי חדשים, אַז בת־יפתח האָט זיך אומגעקערט צו איר פאָטער, האָט ער איר געטאָן זיין נדר, וואָס ער האָט געגעבן, און זי האָט ניט געוואוסט קיין מאַן.

און די טעכטער פון ישראל האָבן ניט פאַרגעסן זייער וואָרט און זיי פלעגן פון יאָר צו יאָר גיין באַוויינען און באַקלאָגן די טאָכטער פון יפתח הגלעדי פיר מאָל אין יאָר: צו איין טאָג אין פרילינג און אין זומער, אין האַרבסט און ווינטער.

און ס׳איז געוואָרן אין ישראל צו אַ חוק.

חנה און אירע זיבן זין.

(אַ חשמונאישע געשיכטע).

ויהי און עס איז געווען אַז **אַנטיוכוס עפּיפאַנעס** האָט זיך געזעצט זיכער אויף זיין קיניגליכן טראָן פון **סוריא**, האָט זיך אים פאַרגלוסט אַיינצונעמען אויך דאָס לאַנד מצרים און צו געוועלטיקן איבער די ביידע מלוכות. און ער איז אויפגע-שטאַנען מיט אַ גרויסן חייל גריכן, פוסגייער, רייטוואָגנס און ריי-טער, מיט העלפאַנדן און מיט שיפן,—אַ געוואַלדיק גרויסע מחנה,— און איז אַוועק אויף מצרים. און ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט **תלמי** דעם קיניג פון מצרים, און תלמי האָט זיך פאַר אים דער-שראָקן און איז אַנטלאָפן און פון זיין פאָלק זיינען געפאַלן טויזנ-טער הרוגים. און אַנטיוכוס האָט אַיינגענומען אַלע פעסטע שטעט אין מצרים און האָט אָנגערויבט זייער אַ גרויסן רויב. און עס איז געווען נאָכדעם ווי ער האָט זיך אומגעקערט מיט נצחון פון מצרים, איז ער אָנגעפאַלן אויך אויף דאָס לאַנד פון פאָלק ישראל און איז געקומען מיט אַן אומגעהייערן און שטאַרקן חייל קיין ירושלים. מיט גרויס חוצפה איז ער אַריין אין בית-המקדש, וואוהין קיין פרעמדער האָט ניט געטאָרט אַריינקומען, און האָט צוגענומען דעם גאָלדענעם מזבח, די מנורה און אַלע אירע כלים, דעם שולחן מיט אַלע זיינע גאָלדענע סערוויזן, דעם פּרוכת און די קרוינען און בכלל גאָר די גאָלדענע צירונג, וואָס אין היכל; ער האָט צוגענו-מען אויך גאָר דאָס זילבער און דאָס גאָלד, גאָר די שענסטע אבנים טובות, די פּראַכטיקסטע חפצים און אַלע אוצרות, וואָס זיי-נען געווען באַהאַלטן אין בית-המקדש,—די פאַרבאָרגענע פאַר-

מעגנס פון אלמנות און יתומים,— און האָט עס אַלץ אַוועקגעפּירט צו זיך אין לאַנד, אין זיין הויפּטשטאָט אַ נ ט י ו כ י א. דערצו האָט ער געמאַכט אין לאַנד יהודה געוואַלדיקע הריגות און האָט קיין רחמנות ניט געהאַט ניט אויף יונג און ניט אויף אַלט, ניט אויף מאַנסביל און ניט אויף ווייבער, ניט אויף בחורים און מיידלעך און אויך ניט אויף קליינע און זויגעדיקע קינדער. און ער האָט גערעדט מיט גאוה ווילדע נאַרישע דיבורים, אז ער וועט אומקערן דעם ים צו אַ יבשה און פון דער יבשה וועט ער מאַכן ים. און ער האָט איבערגעלאָזן אין די שטעט פון לאַנד פון די בני־ישראל שאַלקהאַפטיקע און בייזע מענטשן פאַר פּקידים צו פּייניגן דאָס פאָלק.

און עס איז געוואָרן אַ גרויסער טרויער אין אַלע וואוינונגען פון די בני ישראל. איידעלע לייט און זקנים האָבן געזיפצעט, בחורים און מיידלעך זיינען אויסגעגאַנגען פון גרויס צער און די פּנימער פון שיינע פרויען זיינען געוואָרן איינגעשרומפּן. כלות און חתנים צו דער חופּה האָבן געוויינט, געשלוכצט אָן אויפהער. געטרויערט האָט די ערד איבער אירע אומגליקליכע קינדער און עס האָט זיך געמערט אין הויז פון יעקב אַ געיאָמער און אַ קלאָג.

איז דאָס אַלץ געווען נאָך ווייניק; דער כּוס פון צרות איז פאַר די יידן נאָך ניט פול געווען.

צוויי יאָר איז פון דעמאָלט אָן אַוועק און מצרים האָט מורד געווען אין אַנטיוכוס עפּיפאַנעס. ער איז ווידער אַרויסגעטראָטן אין מלחמה קעגן תּלמי דעם קיניג פון מצרים, אָבער דעם מאָל האָט ער געהאַט אַ בלוטיקע מפּלה. האָט ער זיך אומגעקערט צוריק מיט גרויס בזיון דורך דאָס לאַנד יהודה און האָט באַשלאָסן אויסצולאָזן זיין ווילדן אָנמעכטיקן כּעס אויף די יידן. ער האָט געשיקט זיינעם אַ האַרן קיין ירושלים איינצומאָנען די ציִנזן ביי די יידן, אָבער די יידן האָבן אים ניט געוועלט אַריינלאָזן אין שטאָט, ווייל זיי האָבן דערזעען, אַז ער איז געקומען מיט אַ גרויסן חייל, און האָבן אים חושד געווען אין אַ בייזער כּוונה. האָט דער האַר גענומען ריידן צו די יידן גוטע גלאַטע רייד און זיי האָבן אים גע־

גלויבט און אַריינגעלאָזן אין שטאָט. דעמאָלט איז דער האַר אָנגע־
פאַלן אויף דער שטאָט מיט אַ ווילדער רציחה און האָט אויסגע־
הרגעט אַן עם רב. ער האָט צערויבט די שטאָט, אָנגעצונדן אין
איר אַ פייער און חרוב געמאַכט די הייזער און די פעסטע מוי־
ערן אַרום. ער האָט צוגענומען אַ סך מאַמעס און קליינע קינדער
און אַוועקגעפירט זיי אין געפאַנגענשאַפט און פאַרקויפט זיי באַלד
אין שקלאַפעריי. אויפן באַרג ציון האָט דער האַר אויסגעבויט אַ
פעסטונג, פול געמאַכט איר מיט כל טוב און אַוועקגעזעצט דאָרטן
אַ גריכישן חייל. פון דאָרטן האָבן די גריכן אָן אויפהער געלוי־
ערט אויפן בית־המקדש, פלעגן מאַכן אָנפאַלן אויף אים און פאַר־
גיסן אַרום אים אומשולדיק בלוט.

שרעקליך איז געוואָרן דאָס לעבן פון די יידן אין זייער
אייגן לאַנד, אָבער דאָס איז נאָך אַלץ געוועזן ווייניק און דער
כוס פון פיין איז פאַר די יידן נאָך אַלץ ניט פול געוועזן.

דער משוגענער טיראַן אַנטיוכוס האָט זיך אויף טויט צע־
שראָקן פאַר נייע מרידות אין זיין לאַנד און האָט אַרויסגעגעבן אַ
באַפעל, אַז אין אַלע מדינות פון זיין מלוכה מוז הערשן נאָר איין
תורה—די תורה פון די גריכן. אַלע פעלקער מוזן פאַרוואַרפן זיי־
ערע שפּראַכן, זייערע גלויבנס און זייערע מנהגים און אָנהייבן
לערנען און ריידן נאָר גריכיש, בוקן זיך און ברענגען קרבנות
נאָר צו די געטער פון די גריכן און פירן זיך אין אַלץ ווי גריכן.
בקיצור, אַלע אומות מוזן ווערן גריכן. דעמאָלט וועט אין אַנטיו־
כוסעס מלוכה זיין נאָר איין פאָלק, וואָס וועט אין אים ניט מורד
זיין.

און עס האָבן פאַרלאָזן אַלע פעלקער פונם לאַנד זייערע
מוטערשפּראַכן און די געזעצן פון זייערע אָבות, האָבן צו זייערע
אייגענע אָפּגעטער מוסיף געווען אויך די געטער פון די גריכן און
געפאָלגט אין אַלץ דעם קיניג פון אַנטיוכיא. אויך אַ סך פון די
בני־ישראל האָבן בוגד געווען אין זייער מוטערשפּראַך, אין זייער
גלויבן און אין זייער פאָלק און האָבן זיך געחנפעט צו די פרעמ־
דע הערשער.

אין דער קיניג נאָך דרייסטער און טיראַנישער געוואָרן און

האָט אַוועקגעשיקט קיין ירושלים און אין אַלע שטעט פון יהודה באַפעלן צו די יידן: צו גיין אין די וועגן פון די פעלקער פון זיין מלוכה; ניט צו היטן מער קיין שבת און קיין יום־טוב און צו פאַרוואַרפן אַלע יידישע געזעצן; אינגאַנצן אָפּצושטעלן די עבודה אין בית־המקדש און אויפצושטעלן אין גאַנצן לאַנד טעמפּלען און מזבחות צו זיינע געטער, און ווער עס וועט ווידערשפעניקן דעם באַפעל פון קיניג, וועט באַשטראָפט ווערן מיט טויט.

אינם הייליקטום אין ירושלים איז אויפן מזבח אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ געצנבילד און גאָטס הויז האָט מען גענומען רופן דאָס הויז פון גריכישן גאָט צעאוס. אין אַלע שטעט פון לאַנד יהודה זיינען געוואָרן אויסגעבויט מזבחות צו די געטער און מ׳האָט אַלע יידישע הייליקייטן פאַרשוועכט. מ׳האָט די ספרי־תורות אויף שטיקער צעריסן און פאַרברענט, און בײַ וועמען מ׳האָט אַ יידישן ספר נאָר געפונען, דעם האָט מען מיטן שווערד געטויט לויט דער גזירה פונם קיניג. די ווייבער, וואָס האָבן די קינדער זייערע געיידישט, האָט מען צום טויט פאַרמשפּט, צוגעבונדן צו די העלזער זיי די קינדער און אַזוי אַלעמען צוזאַמען זיי דערהרגעט. עס זיינען פאַרשטערט געוואָרן די שבתים אין יהודה און די יידישע ימים טובים זיינען פאַרקערט געוואָרן צו טעג פון טרויער. דער גאַנצער כּבוד פונם פאָלק איז צונישט געוואָרן און ס׳האָט זיך אַלץ פאַרמערט זיין שפלות און זיין שאַנד, — דער נאָמען ייד איז צו שאַנד געוואָרן און די לאַגע פונם פאָלק איז געוואָרן אומדערטרעגליך. זיינען די יידן מיט די ווייבער זייערע און קינדער פון די שטעט געלאָפן אין די היילן זיך באַהאַלטן, אין גריבער און אין פעלזנשפּאַלטן, כּדי דאָרטן אָפּצוהיטן די מנהגים און די חוקים פון די אָבות זייערע. האָט אָבער דער אַכזריותדיקער שונא זיי אומעטום געפונען און געשכיטן זיי, געברענט און אומגעבראַכט אָן אַ שיעור און אָן אַן אויפהער. האָבן אין די שטעט פון ארץ־ישראל אָנשטאָט די יידן באַזעצט זיך פרעמדע און דאָס לאַנד איז פרעמד געוואָרן צו אירע אייגענע קינדער.

אַזוי האָט דעמאָלט ס׳פאָלק געליטן, געליטן און געשוויגן און אויסגעשטרעקט אַליין צום שווערד די האַלז.

* * *

אַזוי האָט דאַן דאָס גאַנצע פאָלק געליטן, אָבער נאָך פיל מער פון גאַנצן פאָלק האָבן דאַן געליטן איבערמענטשליכע יסורים און עינויים און טיפסטן ברענענדיקן צער איינע אַ געטרייע מוטער מיט אירע האַרציק־ליבע קינדער — חנה בת אוריאל מיט אי־רע זיבן זין.

פונם גרויסן חורבן, וואָס איז געקומען אויף איר פאָלק און לאַנד, האָט חנה בת אוריאל גאָרנישט ראַטעווען געקענט. זי האָט געראַטעוועט בלויז אירע זיבן זין, וואָס זיינען איר געווען טייערער פון זילבער און פון גאָלד, טייערער פון די טייערסטע אבנים טובות, טייערער פון עצם לעבן.

זיבן זיינען זיי געווען, און אַלע זיבן האָבן גלייך ליב גע־האַט זייער מוטער די אלמנה, אַלע גלייך געאַכט דעם פאָטער זייערן אין הימל. דער גוטער שם זייערער וועגן זייער איבערגע־געבנקייט צום גלויבן פון די אבות איז געגאַנגען איבערן גאַנצן לאַנד און איז דערגאַנגען ביזן גרויסן בייזן קיניג פון אַנטיוכיאַ. און ער האָט באַשלאָסן אויסצו־רובן איבער זיי זיין מאַכט, די קראַפט פון זיין קיניגליכן וואָרט.

ער האָט אָפּגעגעבן אַ באַפעל — און אין אַ פינסטערן פרי־מאָרגן ביי דער שטאָט מודעית אין אַ הייל האָבן זיינע לייט גע־כאַפּט די מוטער מיט אירע זיבן זין און אין אַ תפיסה זיי פאַר־שפּאַרט — — —

— — — זיי זיינען אַלע אין אַ פינסטערער געפענגעניש געזעסן אין שלאָס פון קיניג עפיפאַנעס, ניט ווייט פון ירושלים, געשמידט אין שווערע קייטן, — די מוטער אָפּגעזונדערט פון די קינדער, — און האָבן געוואַרט אָן אויפהער אויפן משפט.

די מוטער איז געזעסן און האָט געהערט, ווי די וועכטער די תליונים זיינען אָן אָן אויפהער צוגעשטאַנען צו אירע עלנטע יתומים, וואָס זייער הייסגעליבטער פאָטער יאשיהו בן אביתר פון דער משפחה חשמונאים איז אומגעקומען בעת דער גרויסער מאוויימדי־

קער שחיטה, וואָס אַנטיוכוס האָט געמאַכט אויף די פּלעצער, אין די גאַסן און אין די הייזער פון דער הויפּטשטאָט פון יהודה,—צו־געשטאַנען און געמאַטערט און געפּייניגט זיי מיט כּלערליי עינויים. זי האָט געהערט און מיט גאָרנישט ניט געקענט זיי העלפן. זי איז אַליין געשמידט געווען אין קייטן און האָט ניט געקענט צוקומען צו זיי. זי האָט אָבער צו זיי גערופן פון הינטער דער פעסטגעבויטער תּפיסה־וואַנט, געוועקט, געטרייסט זיי און זיי מוט געגעבן זיך פעסט צו האַלטן קעגן ווילדן שונא. באַלד האָט זי דערהערט, ווי דער קיניג אַליין איז מיט זיין גאַנצער סוויטע אין הויף פון דער געפענגעניש גע־קומען און האָט באַפוילן אַרויספירן די קינדער, כּדי אַליין אויף זיי צו ווירקן, זיי זאָלן פאָלגן די געבאָטן זיינע.

אַנטיוכוס האָט געבעטן שטאַרק און באַלד אויך שטרענג גע־פאָדערט, די קינדער זאָלן עסן, כאָטש פאַרזוכן אַ שטיקל חזיר־פלייש. די קינדער האָבן ניט געפאָלגט און האָבן האַרט געשוויגן. האָבן די תּליונים גענומען שלאָגן זיי מיט ריטער און מיט שטעקנס. אָבער אַלץ אומזיסט. זיי האָבן דערהערט די זיסע שטים פון זייער מוטער און האָבן זיך פאַרטיפט אין הערן און די יסורים ניט גע־פילט. זי האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

— קינדער טייערע און ליבע! געדענקט אין גאָט דעם איינ־ציקן, וואָס האָט אייך געגעבן לעבן אויף דער ערד און רופט אייך איצט צו זיך צו אַן אייביק־לעבן אין די העכסטע הימלען! איי־ערע העלישע געבּרענטע ליידן רופן זיך אָפּ טיף אין מיין מוטער־ליכן האַרצן,—ווי בלוטיקט עס דערפון! מיט מיין בלוט פון האַרצן וואָלט איך וועלן אייך די ליידן שטילן, מיט מיינע קושן היילן אייך די וואונדן! מיך לאָזן אָבער ניט צו אייך די קייטן און די דיקע ווענט מיט דער פאַרשפּאַרטער טיר! איר דאַרפט אָבער, לי־בע קרבן־עולות מיינע, איצט זיך פילן גליקליך, וואָס אויף אייער גורל איז אויסגעפאַלן דער כּבוד צו גיין צו זיבן הייליקע עקדות! באַלד וועט ווי אַ בייזער חלום אַוועק די קורצע רגע פון אייערע ערדי־שע יסורים און איר וועט געפינען אַ היילונג און אַן אייביקע רו אונטער די פליגלען פון דער שכינה — — —

די געפּלאָגטע מוטער האָט ניט באַוויזן צו ענדיקן די טרייסט־

רייד אירע צו די קינדער, ווי ס׳האָט די טיר זיך פּלוצלינג געטאָן אַן עפן־אויף און ס׳זיינען ווי מחבלים שטורימדיק אַריין צו איר באַוואָפנטע צוויי טראַקיער*), אַ כאַפּ געטאָן זי פאַר די הענט און אַרויסגעשלעפּט זי אויפן הויף פון שלאָס. דאָרטן איז אויף אַ הויכן צוגעפּוצטן פּלאַץ געזעסן דער קיניג און אַרום אים זיין סוויטע מיט אַ וואַך פון קריגסלייט. און צום דערשטוינען פון דער אָרי־מער חשמונאים־טאָכטער האָט מען זי אַוועקגעשטעלט כמעט אַנט־קעגן דעם גרויסן קיניג עפּיפאַנעס — זי זאָל אַליין אַלץ צוזען מיט די אויגן אירע. און זי האָט דאָ אויפן פּלאַץ אַלע זיבן זין אירע דערזען.

אַנטיוכוס האָט צוגערופן חנה׳ס עלטסטן זון חנניה און האָט גענומען אים אָפּריידן פון דער יידישער אמונה און פון גאָטס געבאָט. און חנניה האָט אים געענטפערט הויך און שטאָלץ — אַנט־שלאָסן:

— וואָס באַדאַרפסטו, קיניג, אַזוי פיל ריידן? מיר וועלן דיר ניט פאָלגן! מיר זיינען בעסער גרייט צו שטאַרבן איידער אָפּצוטרעטן פונם געזעץ פון אונזערע עלטערן, וואָס מיר האַלטן אים פאַר הייליק און וואָס מיר האָבן געשוואָרן אים צו׳היטן! מיר וועלן אונזער שבועה, אונזער וואָרט ניט ברעכן! נאָר זיי וויסן, פייניגער פון אונזער פאָלק, אַז גאָט דער איינציקער פון ישראל וועט זיך אָננעמען פאַר אים און וועט באַשטראָפן זיינע פיינד! טויט מיך גיכער, בכדי איך זאָל קענען גיכער קומען צו מיין גאָט! — — — —

ווי דער קיניג האָט די דאָזיקע רייד דערהערט, האָט ער זיך אָנגעצונדן מיט אַ ווילדן צאָרן און האָט באַפוילן, מ׳זאָל פאַר די אויגן פון זיין מוטער און פון זיינע ברידער אַרויפזעצן חנניה׳ן אַ נאַקעטן אויף אַן אָנגעגליטע קופערנע בלעך, בכדי ער זאָל זיך אויף איר פּרעגלען; אויך אָפּצושינדן אים די הויט פון קאָפּ, אים אָפּהאַקן די הענט און פיס און אויסשניידן זיין צונג.

---

*) טראַקיער — גריכן פון לאַנד טראַקיע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט באַזונדערס גרוים אַכזריות.

אַנטיוכוס האָט געמיינט, אַז די דאָזיקע עינויים וועלן ווירקן אויף די איבעריקע ברידער און זיי וועלן אפשר בויגן זיך פאַר שרעק. זיי האָבן אָבער צוגעזען די גבורה פון זייער עלטסטן ברודער, ווי ער איז געגאַנגען אויף קידוש השם, זיינען זיי נאָך מער פאַרהאַרטעוועט און נאָך אַנטשלאָסענער געוואָרן צו גיין אויך אין זיין וועג און זיך פעסט צו האַלטן ביזן סוף. און עס איז גע־ווען אַז איינגאַנצן שוין אָן אברים האָט חנניה נאָך געעטעמט, האָט אַנטיוכוס געהייסן אַריינלייגן אים אין אַ קעסל אויפן פייער און אים אָפּבראָטן לעבעדיקערהייט; און עס איז געווען אַז פונם קעסל האָט גענומען אויפשטייגן אַ שטיקנדיקער רויך, האָבן די קינדער מיט דער מוטער איינע די אַנדערע געמונטערט צו שטאַרבן פריילעך און צופרידן, און האָבן געזונגען צו גאָט אַ שבח און אַ תּפילה.

אַז דער ערשטער איז געשטאָרבן, האָט מען זיך גענומען צום צווייטן זון, מתתיהו. מ׳האָט זיך איבער אים איזדיעקעוועט, מ׳האָט אים די האָר פון קאָפּ געפליקט, מ׳האָט אים די הויט פון לייב אָפּגעשונדן און נאָכדעם אים געפרעגט:

— צי וועסטו עסן חזיר־פלייש איידער דו וועסט זיך שיידן מיט דיין לעבן?

מתּתיהו האָט געענטפערט שוין ביי יציאת הנפש:

— ניין, דו בלוטיקער מאַן! דו קענסט אָפּנעמען ביי אונז אונזער ערדישן לעבן, אָבער אונזער גאָט אין הימל וועט אויס־גיסן אויף אונז זיין חסד און וועט אונז שענקען אייביקן לעבן, דערפאַר ווייל מיר זיינען געשטאָרבן פאַר זיין הייליקער תּורה!

די מוטער האָט גענומען לויבן גאָט, וואָס האָט געגעבן כּוח אויך איר צווייטן זון אומצוקומען אויף קידוש השם. אין דער רגע האָט מען צוגעפירט צום קיניג איר דריטן זון מישאל. מ׳האָט אים לאַנג געשלאָגן און געפייניגט מיט רציחה און ער האָט אַלץ גע־שוויגן. האָט אַנטיוכוס פון אים געפאָדערט, ער זאָל זיין צונג אים ווייזן, און מישאל האָט געענטפערט:

— נעם, ווילדער רשע, צו מיין צונג און נעם אויך מיינע הענט! פון הימל האָב איך זיי באַקומען און פאַר זיינע געזעצן

וועל איך זיי ניט שוינען. און איך האָף פון אים צוריק זיי צו באַקומען.

דער קיניג און זיינע קנעכט זיינען נשתומם געוואָרן זע-ענדיק דעם העלדנמוט פונם יינגל, וואָס האָט רואיק לאַכנדיק אויסגעהאַלטן די שרעקליכסטע עינויים.

די מוטער האָט געשמייכלט צו איר גוססדיקן זון.

נאָך מישאל׳ס טויט האָט מען גענומען פייניגן דעם פערטן זון, יהודה׳ן, מיט שטעכעדיקע דערנער און אָנגעגליטע צונטער-רויטע נעגל, און ער האָט אויסגעהויכט זיין אָטעם מיט די דאָזיקע לעצטע ווערטער:

— גליקליך זיינען די וואָס קומען אום פון מענטשנס הענט, דען זייער גייסט וועט בלייבן לעבן אייביק מיט כבוד און מיט רום! דו אָבער, פאַרטיליגער פון לעבנס, וועסט אָפּשטאַרבן אויף אייביקער חרפה און פאַראַכטונג פון אַלע קומעדיקע דורות!

נאָך אים האָט מען אָנגעהויבן רייסן גליד פאַר גליד חנה׳ס פינפטן זון, עזריה׳ן. קוקנדיק גלייך דעם קיניג אין די אויגן, האָט ער אויסגערופן הויך:

— דו ביזט שטאַרק, אַנטיוכוס, דו וואַרפסט אויף מענטשן אָן אַן אימה; אָבער דו אַליין ביזט מער ניט ווי אַ מענטש, דערצו אַ גרויסער זינדער, דער גרעסטער צווישן די פאַרברעכער. דערי-בער ווייס: עס וועט גאָר גיך קומען די בייזע שעה פאַר דיר און דו וועסט דערזעען אַ גרויסע מאַכט, די גרעסטע מאַכט, וואָס וועט דיך מיט דיין קיניגליכן הויז שוידערליך באַשטראָפן פאַר דיינע אַלע גרויסע זינד, ווייל ניט פאַרלאָזן האָט דער גערעכטער גאָט זיין פאָלק!

אַנטיוכוס האָט געהייסן לאַנגזאַם-לאַנגזאַם פייניגן דעם דאָ-זיקן ווידערשפּעניקן עז-פנים, — האָט די מוטער אָנגעהויבן שרייען אויפן קול:

— פאַרשאָלטן זיי, דו שענדליכער רוצח! פייניג ניט פאַ-מעליך מיינע קינדער, דו האָסט דערמאָרדעט שוין פיל טויזנטער יידישע אַלמנות — מוטערס; האָסט אויפגעהאַנגען זיי אויף די העלזער זייערע פאַרפייניגטע און געשאָכטענע קינדער, דעריבער

מאַך פאַר מיר קיין אויסנאַם ניט! טויט מיך צוזאַמען מיט מיינע קינדער! טויט זיי, טויט אונז אַלעמען וואָס גיכער און הענג זיי אויף מיר אויפן האַלז!

עזריה איז אויסגעגאַנגען, און די ריי איז געקומען צום זעקסטן זון אביתר.

גרייטנדיק זיך צום טויט, האָט ער געזאָגט:

— קיניג אַנטיוכוס! האָב קיין טעות ניט אין דעם, וואָס מיט אונז פּאַסירט! דאָס ווערן מיר געשטראָפט פאַר אונזערע אייגענע זינד. אָבער זיי וויסן, אַז דו וועסט ניט אויסמיידן די פאַרדינטע שטראָף! גאָטס צאָרן וועט דערשלאָגן דיך מיט דיין בלוטיקער געזינטל!

דעם מעכטיקן קיניג האָט עס אַ צוק געטאָן פלוצלינג אין די אַקסלען — און מיט ווילדער רוגזה, דערשפּירנדיק זיין אָנמאַכטיקייט קעגן די אומגעוויינליכע חשמונאים־קינדער, האָט ער געלאָזט טויטן דורך עינויים אויך חנהס זעקסטן זון אביתר.

די הייליקסטע מוטער פון די הייליקסטע זיבן זין האָט געזען אירע זעקס איידעלע און טייערע קינדער ליגנדיק אויף דער ערד פאַרוואַנדלט אין אַ קופּע צעשמעטערטע ביינער, האָט געזען, ווי מען פירט אַרויס איר זיבעטן, איר ייִנגסטן זון בנימין, — און זי האָט זיך געשטאַרקט איבער איר טרויער אין איר שטאַרקן גלויבן און האָפענונג צו גאָט. זי האָט בנימינען געמונטערט און געטרייסט מיט אייביקן לעבן אין אַ וועלט פון גוטס, גערעכטיקייט און ליכט, מיט אייביקן לעבן אינם גוטן אָנדענק פון אַלע שפּעטערדיקע דורות.

דאָס שיינע קינד האָט מיט צאַרטע קלאָרע אויגעלעך פון אַ געטרייער טייבעלע דער מוטער שטיל און ליכטיק אין די אויגן אַריינגעקוקט, און זי האָט צו אים געשמייכלט מיט אַ שמייכל פון ניטערדישן גליק; באַלד האָט עס פעסט און קלאָר גלייך אין די אויגן פון זיין שטרענגען באַפעלער אַריינגעקוקט, וואָס האָט נאָר וואָס אומגעבראַכט אַלע זיינע ברידער, און יענער האָט זיין בליק ניט אויסגעהאַלטן און זיין קאָפּ אַראָפּגעלאָזן.

אַנטיוכוס'ן אַליין איז דאָס ליבע שיינע קינד געוואָרן באַנק,

האָט עס אויף די הענט צו זיך גענומען, האָט גענומען איינריידן און איבעררײדן עס מיט אַזוינע ווערטער:

— קינד מיינס! בוק זיך צו מיין גאָט און בלייב לעבן צו גליק און פרייד פאַר דיר און צו טרייסט פאַר דער מוטער דיינער. דו ביזט דאָך נאָך אַזוי קליין! זע, די גאַנצע וועלט בוקט זיך דאָך צו מיינע געטער! אויב דו וועסט אָפּטרעטן פון די געזעצן און פון די פירונגען פון דיינע עלטערן, וועל איך דיך האַלט האָבן, וועל דיך רייך און גליקליך מאַכן און דו וועסט ווערן אַ גרויסער לייט! איך שווער דיר צו ביי אַלע מיינע געטער!

דאָס קינד האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין:

— לעבן איז אַ מתּנה פון גאָט, און איך וועל עס ניט אָנ־נעמען פון די הענט פון זיינע שונאים.

— נו, דאַן בעט איך ביי דיר אַ קלייניקייט, מיין קינד! פאַרשעם מיך ניט פאַר מיין גאָט און פאַר מיין סוויטע. מאַך זיך כאָטש לפּנים, אַז דו פאָלגסט מיר. אָט וועל איך מיין גאָלדן פינ־גערל אַוואָרף טאָן צו די פיס פון צעאוס מיין שיינעם גוטן גאָט, און דו וועסט עס אויפהייבן...

דאָס קינד האָט זיך אָבער אויך דערפון אָפּגעזאָגט:

— דו ווילסט אָפּנאַרן דיין גאָט, אָבער מיין גאָט וועסטו ניט אָפּנאַרן!

אַז דער קיניג האָט דערזעען, אַז דאָס קינד לאָזט זיך ניט איבעררײדן, האָט ער זיך געווענדט צו דער מוטער זיינער מיט אַ בקשה, זי זאָל איבעררײדן איר זון, כּדי צו ראַטעווען זיין לעבן,— דען ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס זי האָט פריער צו איר קינד געהאַט גערעדט אויף איר מוטערשפּראַך.

און אַז ער איז צו איר שטאַרק צוגעשטאַנען, האָט זי אים געענטפערט:

— יאָ, איך וועל טאָן ווי דו האָסט געזאָגט.

זי האָט עס אָבער געלאַכט פון אים און האָט זיך געווענדט צו איר קינד אויף איר מוטערשפּראַך מיט אַזוינע ווערטער:

— מיין לעצט, מיין האַרציק־טייער קינד בנימין! איך בין דאָך דיין געטרייע מאַמע, איך האָב דאָך דיך דערנערט און

אויסגעהאָדעוועט, פון דיין ערשטן טאָג געזאָרגט פאַר דיר מיט צאַרטסטער ליבשאַפט, און בין געבליבן ביז דער לעצטער רגע דיין מאַמע דיין געטרייע! ווי ליידסטו איצט, מיין קינד, פון די רוצחים, וואָס זיינען ערגער פון די ערגסטע חיות רעות! עס בלו־טיקט מיר מיין האַרץ דערפון, מיין מוטערליכע האַרץ! און גיב אַ קוק, מיין עלנט יתומל, אויף אונזער אומגליקליכער ערד! זע: אָט ליגט אין בלוט אַ קופעביינער, די ביינער פון דיינע טייערע זעקס ברידער, צעשניטענע, צעהאַקטע, נאָך אוממענטשליכע עינויים, לויט דער גזירה פון אָט דעם ביזן תליון! צי קען דען, זאָג, פאַרגעסן ווערן דאָס אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט? און גיב אַ קוק, מיין קינד, אויף דער גאַנצער וועלט אַרום, אויף אַלץ וואָס אונטן און אויף אַלץ וואָס אויבן, — ווער האָט עס אַלץ באַשאַפן? יאָ, מיין טרייסט, ס׳איז דאָ אַ קלאָגער און אַ ריכטער, וואָס וועט פאַר אונזער בלוט ניט שווייגן! דעריבער זיי פעסט, מיין לעצטער איינצי־קער, ווי דיינע ברידער די הייליקע גבורים, גיב זיך ניט אונטער און האָב קיין מורא ניט פאַר דעם ביזן אַכזר! זיי ווערט די ברידער דיינע און שטארב אויך מיט אַזאַ שיינעם טויט, ווי זיי, כדי איך זאָל דיך קענען בענטשן, ווי איך האָב זיי געבענטשט!

אַז די מוטער האָט געענדיקט ריידן, האָט דאָס קינד זיך אומגעקערט צום קיניג און האָט געזאָגט:

— פאַרצי ניט לאַנג! איך וועל זיך פאַר דיר ניט בויגן, ווייל איך בין איבערגעגעבן און וועל געטריי פאַרבלייבן נאָר דעם איינ־ציקן געזעץ פונם איינציקן גאָט, וואָס דער גרויסער לערער משה האָט אונזערע עלטערן געבראַכט. דו אָבער, ערגסטער פון די ערג־סטע, דו מאַן פון בלוט און פון פאַרברעכנס, וואָס ס׳איז ניטאָ דיין גלייכן אויף דער וועלט, זאָלסט זיך ניט באַרימען מיט דיין גראָבן כוח איבער אונז, וואָרום דו וועסט ניט ראַטעווען זיך פונם אָנגעהתמעטן גזר־דין פון דעם באַשעפער פון דער וועלט, וואָס זעט און ווייס אַלצדינג און איז די גערעכטיקייט אַליין. פון מיין מסירת־נפש וועט אַרויסשפּראָצן די גאולה פון מיין פאָלק, און דורך מיין בלוט און דורך דאָס בלוט פון מיינע ברידער וועט בעשטילט ווערן גאָטס צאָרן, וואָס איז אויסגעגאָסן אויף מיין

פאָלק. אויף דיר אָבער וועט קומען אַ שלעכטער טרויעריקער סוף און דו וועסט אויף אַלץ חרטה האָבן, נאָר ס'וועט שוין זיין צו שפּעט!!!

חנה בת אוריאל האָט מיט שמחה אויסגערופן:

— איך בין שטאָלץ מיט דיר, מיין טייערער בנימין!

אַז אַנטיוכוס האָט דערהערט די אַלע רייד, האָט זיך אין אים ווידער אָנגעצונדן אַ בייזער גיהנומשער צאָרן און ער האָט באַפוילן צו פּייניגן דאָס יינגסטע קינד נאָך אַכזריותדיקער ווי אַלע זיינע ברידער און נאָך אַלעם דעם אים טויטן.

דעמאָלט איז צום קינד צוגעגאַנגען זיין מוטער, האָט אים אַרומגענומען און צום לעצטן מאָל צוגעדריקט אים צו איר האַרצן, און האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— מיין לעצט, מיין טייער קינד בנימין! אָט באַלד וועסטו זיך שטעלן פאַרן געזיכט פון דעם, פאַר וועמען דו גיסט דיין לעבן אָפּ. דאָרטן, אינם שאַר צדיקים, וועסטו דערזעען אויך אונ־זער עלטער־פאָטער אברהם. זאָלסטו איס זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט חנה בת אוריאל: „דו האָסט אַמאָל אויסגעבויט צו גאָט איין מזבח, איין עקדה, כדי מקריב צו זיין איין קרבן, און דו האַלטסט עס פאַר אַ גרויס פאַרדינסט, — איך אָבער האָב מיט מיינע אייגענע הענט זיבן עקדות אויסגעבויט און האָב צו גאָט זיבן זין פאַר קרבנות געבראַכט!"— — —

און דער יינגסטער זון בנימין איז געשטאָרבן פונקט מיט אַזאַ העלדנטויט, ווי אַלע זיינע ברידער— — —

האָט זיך חנה געשטעלט ביי אירע זיבן טויטע קינדער, האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל און אויסגעשריען ניט מיט איר קול:

אֵם הַבָּנִים שְׂמֵחָה — עס פרייט זיך די מוטער מיט אַזוינע קינדער!

אין דער רגע איז זי אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד, אויף דער קופּע ביינער פון אירע צעשניטענע, פאַרברענטע, צעהאַקטע און צעמורשטע קינדער — אַ דערשטאָכענע פון שפּיז דורך די טראַקיער לויט אַנטיוכוסעס באַפעל.

און אין דער רגע האָט אַ בת־קול פון אַ נייער גוטער בשורה אָפּגעהילכט פון איין עק וועלט און ביזן צווייטן — — —

* * *

די מאָס פון פיין דערמיט איז פול געוואָרן — און ס׳איז באַלד מקוים געוואָרן די נבואה פון חנה בת אוריאל און פון אירע זיבן זין.

פון חנה׳ס שטאָט מודעית איז געקומען די ישועה. ס׳האָט זיך אויפגעהויבן איר משפחה חשמונאים מיט אימפעט און מיט שטורים צו אַ געראַנגל אויף לעבן און אויף טויט. זיי האָבן כהרף־עין אויפגעוועקט דאָס פאָלק יהודה צו אַן אַנטשיידנדיקער מלחמה קעגן אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, האָבן אָפּגעהאַלטן גלענצנזייקע, פּלאַי־פּלאַימדיקע נצחונות איבער אים און סוף־כל־סוף באַפרייט דאָס פאָלק און לאַנד פון פרעמדן יאָך. אַנטיוכוס האָט נית אויסגע־האַלטן די אומגעריכטע מוראדיקע קלעפּ, וואָס האָבן זיך געגומען שיטן אויף זיין קאָפּ, איז געפּלאָגט געוואָרן מיט שוידערליכע מחלות און אויך מיט משוגעת, איז געוואָרן לאַנגזאַם־לאַנגזאַם לע־בעדיק פאַרפוילט און זיין קיניגליכע הויז איז לגמרי אונטערגע־גאַנגען אין פאַראַכטונג און מיט שאַנד — — — — — — —

מרתה בת בייתוס.

... און אונטערטעניק דעם שונא איז צוערשט געוואָרן די שיינע בליענדיקע גדרה; די אײַנוואוינער זיינען אומגעקומען פון דעם שאַרפן שווערד און די שטאָט איז געוואָרן צו אַ קרבן פונם פייער. און פאַרשמאַכט געוואָרן איז פון דאָרשט און הונגער די מעכטיקע יודפת און געפאַלן איז די שטאַרקסטע פעסטונג פונם פרייען גליל; די גבורים אירע האָבן אַלע, אַחוץ בלויז איינעם, אָפּגעגעבן זייער לעבן פאַר זייער הייס-געליבטן פאָלק מיט די לעצטע ווערטער „פרייהייט אָדער טויט" אויף די פאַרברענטע ליפּן. און באַצוואונגען באַלד געוואָרן זיינען טבריה און טריכיה, די פעסטע גמלא און גוש=חלב, בית=חורון און בית=צור. די וואַסערן פון כינרת, פון מירום און פון דעם ירדן זיינען רויט געוואָרן פונם בלוט פון די הרוגים און זייערע געלוסטיקע ברעגעס זיינען פול געוואָרן מיט טויטע גופים. און אַן אימת=מות איז געפאַלן אויפן פאָלק ישראל און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ בהלה, אַ מהומהדיקער לויפן פון חרמון ביז באר=שבע און פון עכו ביז יריחו. מיט ווייב און קינד, מיט שאָף און רינד האָבן זיך רבוא=רבבות פליטים אַוועקגעלאָזן אויף די וועגן, וואָס פירן צו דער הויפּטשטאָט פון יהודה, כדי דאָרטן אַ מקום=מקלט צו געפינען. זי איז די גרעסטע רייכסטע שטאָט און די שטאַרקסטע פעסטונג פונם גאַנצן לאַנד געוועזן און אין איר האָט זיך די הייליקייט פונם פאָלק געפונען, וואָס וועט מגין זיין אויף אים.

און ירושלים איז פול געוואָרן מיט מענטשן און מיט פיך פון עק ביז עק, אלפי=אלפים נפשות האָבן זיך אין אַלע ווינקעלעך באַזעצט. פונדעסטוועגן האָט קיינער ניט געקלאָגט זיך, אַז אים איז

ענג, וואָרים ליב געהאַט בלב־ונפש האָט דאָס פאָלק זיין שענסטע שטאָט און איז איטליכע רגע גרייט געווען זיין לעבן איר אַ קרבן ברענגען — — —

און דער שונא האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אויף זיין בייזן וועג און האָט וואָס ווייטער זיך אַלץ מער דערנעענטערט צום האַרץ פון לאַנד יהודה. ער האָט צונויפגעצויגן די חיילות פון אַלע אומות פון מזרח און פון מערב, פון צפון און פון דרום — — —

— — — און באַלאַגערט איז געוואָרן די שטאָט ירושלים, פאַרשפאַרט און פאַרשלאָסן פון אַלע זייטן, אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט—אין יוצא ואין בא — — —

און ס׳האָט זיך צעפלאַקערט אַ בלוטיקע, אַ גרוילנדיקע מלחמה צווישן דעם פאַרשפאַרטן פאָלק פון לייבן, דעם גור־אריה יהודה, און דעם גיפטיקן ערב רב פון שלאַנגען—דער שוואַרצער מאַכט פון רוים — — —

און די זון שיינט־אויף און די זון גייט־אונטער—און ס׳נעמט קיין סוף ניט צום געראַנגל; באַלד ווערט אָוונט און באַלד פרי־מאָרגן—און צווישן די קרעלן פונם רוימישן אָדלער ווערט צע־מורשט, דערשטיקט די אומגליקלעכע טויב פון ירושלים — — —

אָט קלייבט זיך צונויף דאָס פאָלק אויף די מויערן פון דער פעסטונג, ווי אַ טשערעדע עלנדע שעפעלעך אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט מחנות בלוטדאָרשטיקע וועלף... אַן אימה נעמט זיי באַלד אַרום, אָבער כהרף־עין ווערן זיי מגולגל אין מעכטיקע צערייצטע לייבן, וואַרפן פון די מויערן אויף די באַלעגערער אַ האָגל שאַרפ־שפּיציקע שטיינער, גיסן־אויס אויף זייערע קעפּ אַ רעגן ברענענ־דיקע פּעך און שוועבל,—און האַלטן אויס די באַליסטן פון די רוימער און בלייבן פעלזנפעסט אויף די מויערן— — — — — —

אָט האָבן די רוימער צוגעפירט די אייזערנע טאַראַנעס מיט זייערע מאָוימדיק־פעסטע הערנער, האָבן טיפער געמאַכט די גרי־בער און אויפגעהויבן די שאַנצן— — —

אַן אומגעריכטער דונער האָט פאַרטויבט די לופט — — —

און צעשפּאָלטן איז געוואָרן און געפאַלן איז דער מויער— — —

אַ ווילדע שמחה האָט פאַרהילכט דעם גאַנצן לאַגער פון די

רוימער—געפאַלן איז דער מויער פון ירושלים! — אָבער וואָס איז דאָ געשעען?... אויפן אָרט פונם ערשטן מויער איז ווי פון אונטער דער ערד פּלוצלינג אַ נייער אויסגעוואַקסן — און אויף אים אַ נייע מחנה מונטערע גבורים, גבורים פון יהודה!

און געטריי זיינען געבליבן אויף זייער משמר די דאָזיקע גבורים, ביזן סוף געטריי, געטריי זייער אומגליקליכן פאָלק און לאַנד!

און אַ טאָג פאַרגייט און עס קומט אַ טאָג, אַזוי אַ וואָך, אַ חודש און אַ יאָר און צוויי און דריי און מער — און עס איז קיין סוף ניטאָ צום בלוטיקן געראַנגל— — —

און אַ טאָג פאַרגייט און עס קומט אַ טאָג—און ס'ווערט וויניקער אין שטאָט דער קאָרן און דער וויין— — —

אַזוי אַ וואָך, אַ חודש און אַ יאָר און צוויי און דריי און מער—און עס ווערט אין שטאָט אַ הונגער אַלץ גרעסער און אַלץ שאַרפער— — —

ווי די סנאָפּעס פאַלן פונם שונא'ס האַנט די געטרייע זין ישראל'ס אויף די מויערן דאָרטן אויבן און ווי די פליגן פאַלן פון הונגער און פון דאָרשט די קינדער פונם פאָלק אין די הייזער און אויף די גאַסן דאָרטן אונטן — — —

פול איז די שטאָט געוועזן פון מענטשן פריער, גאָר פון אָנהייב; אלפי=אלפים נפשות האָבן דאָרטן שוץ און ברויט און וויין געפונען; פרייד פון כלות און חתנים, פון קליינע ליבע קינדער האָט געהערשט אין הויז און גאַס. אָבער אַלץ ליידיקער איז וואָס ווייטער נאָכדעם די שטאָט געוואָרן. פאַרמינערט האָט זיך די שפּייז און דער געטראַנק און קלענער איז דער שוץ געוואָרן. ניטאָ מער קיין חתנים און קיין כלות און ס'הילכן מער פון פרייד ניט די קולכעלעך פון די ליבע שעפעלעך — די קינדער — — —
אַנדערש האָבן זייערע שטימעלעך גענומען קלינגען...

צו זייערע מאַמעס האָבן די קליינע קינדער אויפגעהויבן די אַנטצונדענע אויגעלעך מיט אַ שטילער שאלה: מאַמע, וואו איז קאָרן? מאַמע, וואו איז וויין? אָבער קיין ענטפער האָבן זיי ניט פאַרנומען, וואָרים פאַרשמאַכט און גוסס=שלאָף זיינען די מאַמעס

אויף דער ערד געלעגן און האָבן קיין כוח ניט געהאַט די ליפּן צו באַוועגן — — —

און ס'האָבן זיך געוואַלגערט אויף די גאַסן און אין די מערק אין מיסט די עלנדע פאַרוואָרלאָזטע זויגעדיקע עופעלעך, זוכנ־דיק די ברוסט ביי זייערע טויטע מאַמעס און שטאַרבנדיק פאַר־סמ'טע אין זייער שויס. און ס'זיינען אומגעקראָכן ביים שער־האשפות די צאַרטע קלוגע יינגעלעך און מיידעלעך פון ציון פאַר־חלש'ט און געשוואָלן, קייענדיג היי און שטרוי און שטיקלעך לע־דער, פאַרדאַרטן קאַל און ווערים. און ס'זיינען געלעגן אויסגע־שפּרייט אויף דער ערד אין מיסט ביים שער־הסוסים, אינם פרוור־הסוחרים און פאַר די קראָמען פון די לייט פון צור און צידון די זין און טעכטער פון ישראל, נישטערנדיק קערנער גערשטן צווישן די קאָפּיטעס פון די פערד, ברעקלעך און שיריים פונם טיש פון די רייכע כנענים.

און די איידעלע טעכטער פון יהודה, וואָס ניט געוויינט גע־ווען איז זייער פוס זיך אויף דער הוילער ערד צו שטעלן און פלעגן ווי צנועות בת־מלכות זיצן נאָר אין שטוב, זיינען איצט אויף די גאַסן אַרויס, אין די מערק אַריבער, און אַז זיי האָבן זיך באַגעגנט, האָבן זיי זיך איינע די אַנדערע בשתומם אָנגעקוקט און אויס־געשריען:

— בת־נקדימון?! פאַרוואָס ביסטו אין מאַרק אַרויס? דיין טאַטע האָט דאָך די גאַנצע שטאָט מיט גערשטן און מיט ווייץ געשפּייזט!

— בת־פּניאל?! נאָך וואָס ביסטו אַהער געקומען? דיין מאַן האָט דאָך די גאַנצע שטאָט מיט וויין און אייל גענערט!

— וואָס זאָל איך פון דיר פאַרהוילן, שוועסטער? זייער שווער איז די דאָזיקע גרעסטע קללה פון דער אויסגעגאָסענער תוכחה אויף אונז, איך קען שוין מער ניט אויסהאַלטן.

— וואָס זאָל איך פון דיר פאַרבאָרגן, שוועסטער? די נשמה גייט מיר אויס, איך קען שוין מער דאָס ניט אַריבערטראָגן.

און זיי האָבן זיך גענומען איינע די אַנדערע פאַר די הענט און זיינען איבער די גאַסן פון דער שטאָט אַוועק, האָבן עטוואָס שפּייז געזוכט די נשמה צו דערהאַלטן, און האָבן ניט געפונען. און זיי

האָבן אַ צעמישטקייט אינם קאָפּ דערשפּירט און אַ חלשות אין דער ברוסט, און כדי ניט אומצופאַלן, האָבן זיי די שיינע ווייסע מירמל־זיילן אין דער אויבערשטער שטאָט מיט זייערע צאַרטע הענט אַרומגענומען — און זיינען אויסגעגאַנגען אַזוי בראש כל פינה. און זייערע זויגעדיקע קינדער האָבן אויף די הענטעלעך און פּי־סעלעך געפּויזעט, האָבן די מאַמעס זייערע דערקענט, זייער ברוסט אין די מיילכעלעך גענומען, געצויגן — געצויגן און זיינען אויך אויסגעגאַנגען ווי ליכטעלעך בפני כל עם ועדה— — —

* *

*

בלויז איין פרוי איז געווען אין ירושלים, וואָס האָט זיך נאָך געהאַלטן, וואָס איז ווי אַ פּרינצעסין שטאָלץ ביי זיך אין הויז געזעסן. דאָס איז געווען מרים, די אייניקל פונם כהן גדול שמעון בן בייתוס, וואָס די אַצילים פון יהודה האָבן איר מרתה בת בייתוס גערופן. זי איז געווען די רייכסטע אין ירושלים און איר הויז איז די גרעסטע און פּרעכטיקסטע אין שטאָט געווען. אירע צימערן זיינען געווען מעבלירט און באַפּוצט, ווי אינם פּאַלאַץ ביים מלך אַגריפּס בן אַגריפּס, און די דילן זיינען דראַפּירט געווען מיט די טייערסטע געוועבן. געקליידט האָט זי זיך אין גאָלדגעהאָפטענעם זייד און אַטון פון מצרים, באַצירט מיט רובינען, שוהם און ספּירים. בשעת זי פלעגט גיין יום־כפּור זעען, ווי איר מאַן יהושע בן גמליאל כהן־גדול שטייט אין בית־המקדש און לייענט פונם ספר פּאַרן עולם, פלעגט מען מיט זיידענע דמשק'ער יריעות אויסבעטן דעם גאַנצן וועג פון איר הויז ביזן בית־המקדש. און זינט ער איז אין דער טרויעריקער מהומה אומגעקומען אָן אַ צייט, זיצט זי אין איר שטוב אין אירע אַלמנה־קליידער און טרעט ניט אָפּ פון איר טייערן בן־יחיד יהושע בן יהושע.

מרתה איז אויפן טייערן געוועב אויף דער דיל געזעסן און איר פאַרחלשטן בן־יקיר'ל געמינטערט און געטרייסט, אַז באַלד וועט דער געטרייער אליעזר קומען פונם מאַרק און וועט ברענגען זעמלמעל, וועט זי אויסבאַקן אַ קוכן און דאָס טייער קינד דער־קוויקן— — —

און באַלד איז דער דאָזיקער אליעזר צוריק פון מאַרק געקומען און האָט די טרויעריקע בשורה געבראַכט, אַז גאָר די זעמל-מעל איז שוין פאַרקויפט געוואָרן, אָבער ס'איז נאָך דאָרטן דאָ געווײנטליכע רײנע, מעל.

האָט מרתה אים קורץ געזאָגט:

— גײ גיכער ברענג!

אײדער ער איז אָבער אויפן מאַרק געקומען, איז דער-װײלע די געווײנטליכע מעל שוין אויך פאַרקויפט געוואָרן. האָט ער זיך אומגעקערט צוריק און געבראַכט זײן האַרינטע אַן ענט-פער, אַז ס'איז שוין מער ניטאָ קײן װײסע מעל, נאָר ס'איז אין מאַרק פאַראַן נאָך גראָבע שוואַרצע ברויט.

האָט זי אים ווידער קורץ געזאָגט:

— גײ גיכער, ברענג!

אָבער אײדער ער איז אויפן מאַרק געקומען, איז שוין אויך די גראָבע ברויט פאַרקויפט געוועזן. האָט ער זיך אומגעקערט צוריק און צו איר געזאָגט, אַז ס'איז שוין ניטאָ מער אויך קײן גראָבע ברויט, נאָר מ'קאָן נאָך קריגן גערשטנמעל.

האָט זי צו אים ווידער אַ זאָג געטאָן:

— גײ און ברענג!

נאָר אײדער ער איז אויפן מאַרק געקומען, איז שוין אויך די גערשטנמעל פאַרקויפט געוועזן.

האָט בת-בײתוס די הענט פאַרבראָכן און אַרומגענומען אַזוי איר קאָפּ און אַ שווערער כליפּ האָט זיך איר פון האַרץ אַרויס-געריסן.

דאָס קינד איז גרין און געל געוועזן, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים, אויסגעדאַרט, פאַרטריקנט ווי אַ שפּענדל און אײנגעאַנצן אײנ-געשרומפּן: — ער איז אויף דער זײדענער יריעה געלעגן שטיל און האָט זיך מיט קײן אײנציקן אבר ניט באַוועגט — — —

די מוטער האָט זיך אײנגעבויגן צו אים און געטאָן אַ האָרך: ער האָט נאָך שוואַך געעטעמט — — —

און ווי אַ טיגערין האָט זיך מרתה פון איר אָרט מיט אַ מאָל געטאָן אַ ריס, מיט אַ ווילדן אימפּעט די פענסטער געטאָן אַן עפן-

אויף און האָט גענומען וואַרפן אויפן גאַס די שענסטע כלים פון איר הויז, די זיידענע יריעות, אירע טייערע מלבושים און די רייצנ־דיקסטע צירונג.

— נעם צוריק, דו אל־נקמות, דיין זילבער און דיין גאָלד, דיין שוהם און ספּירים! נעם־צו צוריק דיין ליין, דיין פּורפּור און דיין וואָל! איך דאַרף שוין מער ניט קיין גאָלדגעהאַפּטענעם זייד, קיין אֵטון פון מצרים! — — — איך האָב פאַרלאָרן אַלץ: מיין אישי כהן גדול און מיין איינציק קינד, מיין פרייהייט און מיין לאַנד! אַ סוף, אַ סוף צו אַלץ, אַ טרויעריקער סוף! — — — אָבער אפשר וועט נאָך מיין בן־יחיד לעבן — עס קלאַפּט אין אים נאָך, כאָטש שוין שוואַך, אָן אָדער! איך מוז לויפן, פליען זוכן עפּעס שפּייז, געטראַנק פאַר אים און אים אײַנהאַלטן בײַ׳ם לעבן! — — —

— — — און אָנגעטאָן אין שוואַרצן מיט אַ שוואַרצן שלייער אויפן צעשויבערטן קאָפּ און אָן שיך איז זי ווי האַלב־משוגע מיט שטורים פון איר הויז אַרויס און איבער די גאַסן און די מערק פון שטאָט אַוועק — — —

ס׳האָט געשיינט אַ העלע תמוזדיקע זון אין הימל, און אַ שוואַרצער חושך האָט געהויערט אויף דער ערד; ס׳האָט הייסע שטראַלן אַראָפּגעשיקט די תמוזדיקע זון פון הימל, און פון קעלט געשוידערט האָבן די נשמות פון די מענטשן אונטן אויף דער ערד — — —

און מרתה וואַנדערט איבער שטאָט, גייט און גייט גאַס־איין גאַס־אויס און מאַרק־איין מאַרק־אויס אָן אויפהער... זי גייט איבער די געוועזענע רייכע גאַסן פון דער „אויבערשטער שטאָט”, וואו זי האָט געוואוינט, און איבער די צעשטערטע פּלעצער פון דער ניט־לאַנג נאָך שיינער פּילבאַלעבטער ציון; זי לאָזט זיך אַראָפּ אויף צפון אין דער פאַראָרימטער „אונטערשטער שטאָט”, וואו ס׳הערשט אַ טויטע שטילקייט, וואָס ווערט געשטערט בלויז פונם רעש פון דעם שו א׳ס שטורימבעק אויף די ווענט פון דער פעסטונג־מויער; פון דאָרטן גייט זי ווייטער, קוקט זיך גאָר נים אום אויפן גרויסן ק פ ר־טורים פון חננאל, לאָזט זיך אַראָפּ נאָך נידעריקער אינם

אויסגעטריקנטן טאָל פון ביציתא, וואָס די באַפּעלקערונג פון דער פאַרשמאַכטער שטאָט האָט שוין לאַנג אויסגעשעפּט — דעם דאָרשט צו שטילן — זיין גאַנצע בלאָטע ביזן לעצטן טראָפּן, און פאַרקערט דאַן מערבדיק צום גיחון, וואָס איז אויך געווען אינגאַנצן אויסגע-טריקנט; זי גייט דורך די פאַרוויסטע וויינגערטענער צווישן די ווידער אויסגעטריקנטע „בְּרֵכה העליונה" און „ברכה התחתונה", פאַרביי דעם פּאַלאַץ פונם „רוימישן קנעכט הורדוס"; אָט שלייכט זי זיך אויף דרום דורך די אַמאָל שמעקעדיקע און איצט פאַרפּע-סטעטע פאַרשטאָט פון שילוח און באַלד איז זי שוין אויפן געווע-זענעם וועשער-פעלד, ביים „טויער פון די פערד", ביים „טויער פון די מיסט"...

אומעטום — די זעלביקע בילדער, איינס טרויעריקער און שוי-דערליכער פונם אַנדערן: בילדער פון הונגער און פון בייזע מחלות. איבער די גאַסן האָבן אַרומגעבלאָנקעט בלאַסע און גע-שוואָלענע מענטשן, וואָס זיינען אָפּט געפאַלן און ניט געמערט מער אויפצושטיין. אומעטום אויף דער ערד זיינען געזעסן אָן אַ צייט פאַרוועלקטע און אַלט געוואָרענע מאַנסביל, ווייבער, קינדער און האָבן מיט אויסגעשטרעקטע הענט אָן ווערטער שפּייז געבעטן — און קיינער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף זיי. אומעטום זיינען אויף דער ערד געלעגן גוססים און בר-מינַנס און ס'איז ניט געווען, ווער ס'זאָל די ערשטע די הענט אויף די אויגן טאָן און די אַנ-דערע צו קבר-ישראל ברענגען... ס'איז ניט געווען, ווער ס'זאָל די געשטאָרבענע באַווייבען און ווער עס זאָל פאַר די לעבעדיקע זאָרגן. דער טויט איז אַלעמען הינטער די וועגט געשטאַנען און האָט באַלד שוין אויך אין די פענסטער אין די אויגן אַריינגעקוקט. אַ שטילקייט פון בית-עולם האָט אין דער שטאָט געהערשט — —

און אויף די מויערן זיינען די מלחמה-לייט געשטאַנען, אָנ-געברוגזטע, אָפּט אפילו גאָר צעקריגטע, אָבער אַלע טרויעריקע, גרייט צו שטאַרבן פאַר זייער פרייהייט, און בשום אופן זיך ניט אונטערצוגעבן, און די רוימער רייצן זיך מיט זיי מיט גרויס אַכזריות, באַווייזן זיי פונווייטן מאַסן שפּייזן, וואָס זיי האָבן פון אַרבע פנות עולם צו זיך אין לאַגער צונויפגעזאַמלט — און די

נשמות גייען אויס ביי די גבורים פון יהודה און אַ בייזער יאוש פאַרסמט די הערצער זיי — — —

און עס גייט און גייט אַלץ ווייטער מרתה, זי גייט אַ שעה און צוויי און דריי און מער, זי זוכט אַ שפייז פאַר זיך און פאַר איר קינד, אַ קערנדל אין מיסט, זי זוכט און זי געפינט ניט — — —

און שוואַך געוואָרן איז איר האַרץ און שלאַף איר גוף. ס׳נאָגט אַ ווייטאָג איר די ברוסט און ס׳שפאַלט אין קאָפּ זיך איר דער מאַרך, און טיף באַליידיקט און דערשלאָגן גייט זי ווייטער, ווייטער. זי פילט ניט און זי ווייס ניט, ווי זי איז צוריקגעקומען, צוריק אין ירושלים העליונה, צוריק אויף ציונס באַרג—און אויס־געוואַקסן מיט אַמאָל איז פאַר אירע אויגן די הויז פון רבי צדוק — — —

און זי האָט זיך אָפּגעשטעלט — — —

און זי קוקט צו אים אין פענסטער — — —

ער שטייט, דער הייליקער, אין זיין גרויסן תכלתענעם טלית, מיט די אויגן ערגיץ ווייט פאַרגאַפט, און איז שטיל כּתפלל. ער בעט פאַר דער תקומה פון זיין עלענט פאָלק, ער בעט פאַר דער באַפרייאונג פון זיין הייליק פאָטערלאַנד, דעם לאַנד פון זיינע אָבות. ער בעט אַ נס פון הימל, אַז גאָט זאָל ווי אַמאָל א רעגן שיקן, אַ רעגן פון קע־נער מן, פון ברויט כאָטש פון די קליינע קינדערס וועגן — — —

שוואַרצער פון קויל איז שוין זיין פּנים און אויסגעדאַרט זיין לייב, און וואָס ער האַלט אין מויל—זעט זיך דורכן האַלז; אויס־געטריקנט זיינען זיינע ביינער און איינגעשרומפּן די געדערים; צו־געקלעפּט די צונג איז אים צום גומען און איינגעגראָבן טיף די אויגן. פערציק יאָר שוין פאַסט ער טאָג־איין טאָג־אויס אָן שום הפסקות און ברענגט זיך צו אַ קרבן פאַר זיין טייער פאָלק, דען ער האָט געזעען דעם סוף. אין אָוונט בלויז פון יעדן טאָג שיקט אים יוחנן בן־לוי צו פון בית־המקדש אַ געטריקנטע פייג, וואָס ער זויגט איר נאָכן תענית אויס און וואַרפט איר נאָכדעם דורכן פענ־סטער אויפן גאַס אַרויס— — —

די זון האָלט שוין ביים פאַרגיין, און רבי צדוק שטייט נאָך אַלץ מיט די אויגן צום הימל געקערט. קיין ווערטער הערט מען ניט, ס׳רירן זיך בלויז שטיל די פאַרברענטע ליפּן זיינע. ער קוקט אַרויף צום הימל און וואַרט אָן אויפהער אויף אַ נס, דען בלויז אַ נס קען ראַטעווען דאָס לאַנד, דעם הייליקטום, דאָס פאָלק— — —

ס׳שטייט פאַרחלומט און פאַרטרויערט, אין תּכלתענעם טלית איינגעהילט, דער פאַרחלשטער רבי צדוק אין זיין הויז— — —

און ס׳שטייט פאַרחלומט און פאַרטרויערט, אָנגעטאָן אין שוואַרצע קליידער און איינגעהילט אין אַ שוואַרצן שלייער אויפן צעשויבערטן קאָפּ, מרתה, די טאָכטער פון בייתוס און די אלמנה פון יהושע כּהן גדול, אַ פאַרחלשטע אויפן גאַס— — —

פאַרחלשט איז געווען איר האַרץ פון הונגער און פאַרסמט פון אומענדליכן צער; ס׳האָט איר אָבער חוץ דעם אויך גענומען שטיקן עפּעס אַ באַזונדערס סמ׳ענדיקער שלעכטער ריח, וואָס זי האָט צוערשט דערשפּירט ביים „טויער פון די מיסט”, וואו זי האָט נישט באַמערקנדיק איינגעריכט די פיס און די שלעפּע פונם קלייד— זי האָט אַרויסגענומען אַ ריינע טיכעלע פון רויטע זייד און צוגע־לייגט צום נאָז און מויל און איז אַזוי ווי אַ פאַרגליווערטע גע־שטאַנען— — —

די זון איז שוין אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען, שוואַרצע שאָטנס האָבן זיך גענומען שפּרייטן אין די טאָלן, פונוויטן האָט זיך נאָך געזען בלויז די אָוונטרויט אין מערב. מיט אַ מאָל האָבן זיך איבערן פלאַסטער פון דער שטילער גאַס דערהערט אָפּקלאַנגען פון שטאַר־קע גיכע טריט און פון כּלי־זיין. באַלד איז עמיצער צוגעלאָפן שנעל צום פענסטער פון רבי צדוק און האָט דאָרטן עפּעס אַוועק־געלייגט אָן ווערטער און איז אָן ווערטער תּיכּף צוריק אַוועקגע־לאָפן. דאָס איז געווען דער לויפער פונם הר־הבית.

אַ קורצע ווײַלע איז אַריבער—און דורכן פענסטער האָט רבי צדוק אַרויסגעוואָרפן אויפן גאַס די אויסגעזויגטע פייג...

אַ פאַרציטערטע איז געוואָרן מרתה... אין משך פון לאַנגן פאַרשאָלטענעם טאָג האָט זי אַזוי פיל פּיין און צער דורכגעלעבט, אז דער קאָפּ האָט זיך איר גענומען מישן און זי האָט אָן אַלץ

פאַרגעסן. זי האָט פאַרגעסן, וואוהין און נאָך וואָס זי איז געגאַנ־
גען; זי ניט האָט פאַרשטאַנען, צוליב וואָס זי האָט זיך דאָ ווי אַ
מטורפת אין מיטן גאַס אַוועקגעשטעלט; זי האָט אַפילו אָן איר
קינד פאַרגעסן... איצונד איז איר מיט אַ מאָל אַלץ קלאָר געוואָרן...
זי האָט זיך אָן זיך דערמאָנט, זי האָט זיך אָן איר קינד דערמאָנט,
זי האָט זיך אָן איר ליכטיקן חופּה־טאָג דערמאָנט, אָן איר ליכ־
טיקסטער און גליקליכסטער קינדהייט... ווי טונקל איז די גאָלד גע־
וואָרן, ווי פאַרענדערט די שיינע גינגאָלד און ווי עס שיטן זיך די
הייליקע שטיינער אויף אַלע גאַסן! די טייערע ציונס קינדער, גע־
מאָסטן און געוואויגן און געשאַצט מיט גינגאָלד, זיינען געוואָרן
ווי ליימענע שערבלעך, געוואָרפענע אויף מיסט... די דערצויגענע
אויף פורפור און אויף זייד — האַלזן איצט די בערגלעך מיסט... די
אויפגעוואַקסענע אויף איידלשפּייז — לעקן איצט אויסגעמייקעטס,
כל־המינים שמוץ און קאַל... גליקליכער זיינען שוין די וואָס זיי־
נען פונם שווערד געפאַלן איידער די וואָס זיינען פאַרברענט פון
הונגער! — — —

זי האָט געציטערט פאַר שרעק און איבל... צי וועט איר גו־
מען טועם זיין פרעמדע שפּייעכץ אָדער אויסגעמייקעטס? אָבער זי
האָט אירע אויגן ניט געקענט אָפּרייסן פונם אָרט, וואו די גרוגרת
איז געפאַלן... ס'בלישטשען אירע אויגן, עפּעס אַן אומבאַוואוסטע
קראַפט טרייבט איר, שטויסט איר... „אַ העלפט פאַר מיר און
פאַרן קינד אַ העלפט!"

און זי פילט ניט און זי ווייס ניט, ווי אַזוי דאָס איז גע־
שען — — — זי האָט זיך אַיינגעבויגן, האָט אויסגעשטרעקט איר
צאַרטע האַנט און אויפגעהויבן די אויסגעזויגטע פייג. אין דער
רגע האָט איר ווידער גענומען שטיקן ביז צום פאַלן אין חלשות
יענער סמ'ענדיקער ריח פון די מיסט... זי האָט זיך אָבער באַלד
דערמאָנט, געשטאַרקט זיך און מיטן ריינעם טיכעלע פון רויטע
זייד האָט זי אָפּגעווישט די זאַמד פון פייג. מיט אויגן פול מיט
טרערן און מיט אַ רירנדיקן רחמנות אויף זיך אַליין האָט זי אויף
דער פייג געקוקט אַ קליינע רגע און באַלד אין מויל אַריינגענו־
מען. זי האָט אָפּגעביסן אַ האַלבע און די צווייטע העלפט אין טי־

כעלע פאַרוויקלט. זי האָט זיך מחיה זיין געוואָלט און האָט מיט דאָרשט געגומען די האַלבע גרוגרת זויגן, קייען, אָבער ווי אַ סם־המות איז די פייג אַריין אין די געדערים אירע, ס׳האָט איר באַלד אַ שניידונג און אַ קראַמף אַרומגענומען, צעקרימט געוואָרן איז איר שיינער פּנים און איר שלאַנקער קערפּער, און זי איז אומגעפאַלן אויפן גאַס, געפאַלן ווי אַ סנאָפּ און האָט ניט געמערט מער אויפצושטיין פון אָרט— — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי פאַרענדיקט האָט איר לעבן איינע פון די שענסטע טעכטער ציונס, אָן האָפענונג, אָן טרייסט, איבערלאָזנדיק אויף הפקר איר איינציק עלנט קינד, וואָס איז אויך ווי זי אומגעקומען אָן אַ צייט און שטיל און ווייט פון מענטשנס אויג— — —

*

* *

אויסגעלאָשן לאַנג איז שוין געווען די אָוונטרויט אין מערב, דער הימל איז באַדעקט געוואָרן מיט געדיכטע שוואַרצע וואָלקנס. אַ שוואַרצע טרויער־נאַכט אָן שטערן האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבער דער באַלעגערטער פאַרוויסטער שטאָט, וואו אין חושך איז אויסגעגאַנגען אַ פאָלק פון הונגער און פון בייזע מחלות אין די גאַסן און אויף די מערק דאָרטן אונטן און פונם שונא׳ס שווערד און שפּיז אויף די מויערן דאָרטן אויבן. ס׳זיינען געפאַלן ווי די סנאָפּעס די מענער די גבורים אין די געראַנגלען פון מלחמה און עס זיינען געפאַלן ווי די פליגן די זקנים, די ווייבער און די קינדער אין די געראַנגלען מיטן הונגער און מגפות— — —

— — —און ס׳האָט זיך געמערט אין בת־יהודה אַ געיאָמער און אַ קלאָג— — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

רבי עקיבא און בר־כוכבא

... חרוב איז געווען דאָס געבענטשטע שיינע לאַנד ישראל׳ס, וואָס האָט אַמאָל געפליסט מיט מילך און האָניק; צעטראָטן, האַלב־דערוואָרגן, האָט געשמאַכט דאָס פאָלק פון בר־גיורא און בן־לוי, קוים וואָס ס׳האָט געעטעמט,—אונטערן געשמידטן פויסט פון רוים.

אין חורבות זיינען געלעגן די שענסטע שטעט פון גליל און יהודה און פאַרברענט, פאַרוויסט די רעזידענץ, וואָס מ׳האָט איר נאָמען ניט געטאָרט דערמאָנען, דאָס גרעסטע הייליקטום פון פאָלק.

די בעסטע זין פון פאָלק, די ראַנגלער פאַר זיין פרייהייט, זיינען לעבעדיקערהייט אין קברים פינסטערע־פאַרשטיקטע געווען פאַרשפאַרט געשמידט אין קייטן און האָבן אויפן ביטערן גזר־דין געוואַרט, אויפן לעצטן טאָג. און יעדער טאָג האָט פאַר פיל פון זיי געבראַכט דעם בייז־באַשערטן גורל—פון גולגלתא — — —

בלויז די רייכע לייט פון די ניטפאַרוויסטע שכם און שומרון, די אומווירדיקע און שאַלקהאַפטיקע קנעכט, זיינען ווי די ווערים ביי די פיס געקראָכן פון די רוימער און האָבן זיי אַ ליד געזונגען, אַ חניפה־ליד פון שאַנד און שפלות. אויך צבועים פינסטערע און בוגדים האָבן זיך פאַר גאָלד פאַרקויפט און פאַר כיבודים צו די רוימער, האָבן אויף דער תליה זייער פאָלק געפירט, כדי נושא־חן צו זיין ביי די מנצחים, וואָס דער העכסטער אני־מאמין איז ביי זיי געווען: „ווי צו די באַזיגטע!“...

דערשלאָגן און צעמורשט, צעשמעטערט איז געווען דאָס ראַנגלער־פאָלק יהודה און אין גאַנצן לאַנד האָט זיך געהערט בלויז אַ געזיפץ און אַ געקרעכץ— — —

אָבער אין דער בלוטנדיקער און פאַר׳יאוש׳טער ברוסט פון פאָלק האָט נאָך אַ האָפענונג געט׳ליעט; אינם האַלב־פאַרלאָשענעם בליק זיינעם האָט זיך פון צייט צו צייט אַ העל פייערל אָנגעצונדן; די ביז בלוט פאַרביסענע ליפן פון אָנמעכטיקן צאָרן האָבן זיך עפטער עפענען געגומען און מיט ליבע מילד אַרויסגעצירפּט אַ נאָמען...

און דער דאָזיקער נאָמען האָט זיך דורכגעטראָגן ווי אַ טרייסט־וואָרט פון אַ נביא איבערן צעפייניקטן און דערשטיקטן לאַנד. און ווי אַ פונק צינדט אָן פאַרטריקנט גראָז, האָט דער נאָמען אָנגעצונדן די הערצער און די בליקן פון די מענטשן. און ווי אַ היילנדיקער באַלזאַם איז ער געוואָרן פאַר דער צעוואונדעטער נשמה פונם פאָלק.

און געווען איז דער דאָזיקער באַליבסטער נאָמען—רבי עקיבא בן יוסף פון בני־ברק, דער „רייטוואָגן און רייטער פון ישראל" און דער „פאָטער פון דער וועלט"— — —

* *

*

אַלט איז שוין געווען דער גרויסער, ליכטיקער און וואונדערליכער לערער פון יהודה, הונדערט מיט צעצן יאָר שוין אַלט, אָבער יונג איז ער געווען אין גייסט און עס האָט געוויט פון אים מיט גבורה. הויך איז ער געווען ווי אַ צעדערבוים אין וואַלד לבנון און שטאַרק און מעכטיק ווי אַ פעלזן פון בית־צור. ס׳האָט אַ הפלאדיקע ניטפאַרגייענדיקע ליכט געפלאַמט פון זיינע יונגע זונען־אויגן און מיט אייביקן פרילינג האָט געשיינט זיין הויכער צאַרטער ספּיר־שטערן; אַ שוהם־שיין האָט זיך פאַרשפּרייט אַרום פון זיינע פרישע יוגנטליכע באַקן און פרייד און גליק—פון זיינע אייביק־שמייכלענדיקע ליפּן; מיט הייליקער שיינקייט האָט געגלאַנצט זיין זילבער־זיידנדיקע פּרעכטיק־לאַנגע באָרד און די עדנדיקע שטראַלן־קרוין, וואָס אויף זיין קאָפּ.

דאָס איז געווען אַ גרויסער מאַן און גאָטגעבענטשטער לערער, ראַנגלער, פירער,—אַ מופת פאַר דער גאַנצער וועלט ביז צום סוף פון אַלע דורות — — —

ביז פערציק יאָר פון זיין וואונדערבאַרן לעבן איז ער געד וועזן אַ דינער ביי בן-כלבא שבוע, דעם גרעסטן עשיר פון ירושלים, און האָט געפיטערט זיינע הערטשאַפטן פון שאָף, און נאָכדעם האָט ער גענומען פיטערן די הערטשאַפט פון ישראל.

די שיינע רחל, די טאָכטער פון זיין האַרן, האָט זיין גייסט דערקענט, די גרויסקייט און די שיינקייט פון זיין זעלטענער נשמה, און האָט אים טיף אין האַרצן ליב באַקומען. זי האָט אים אַוועקגעשיקט צו די קוואַלן פון תורה און פון חכמה, וואו ער האָט געלערנט בהתמדה פיר און צוואַנציק יאָר און האָט זיך צום סוף אומגעקערט אַהיים צוריק ווי איינער פון די גרעסטע לערער פון ישראל מיט אַ פיראונצוואַנציקטויזנטיקן שאַר תלמידים. ער איז געוואָרן איינער פון די זיילן פונם פאָלקסגייסט, וואָס ווער עס שיידט זיך אָפּ פון אים, דער שיידט זיך מיטן לעבן. ער איז אַריין בשלום אין פּרדס פון דער העכסטער חכמה און איז אַרויס בשלום. ער האָט דעם פאָלק אַ נייעם פרייען וועג געוויזן אין זיין גייסט, אַ וועג פון סדר און האַרמאָניע: ס׳איז דאָ אַן אחדות, אַן איינאיינציקער שכל אין דער וועלט, אין איר בנין און איר סדר; אַלץ ווערט פאָראויסגעזען, אָבער פריי איז דער ווילן פונם מענטשן צו טאָן גוטס און שלעכטס; אין דער גאַנצער נאַטור און אין דער פירונג פון אַלע וועלטן הערשט דער יסוד פון גערעכ־טיקייט און די וועלט ווערט דורך גערעכטיקייט געמשפּט; פּער־זענליכן גליק קען אַ מענטש דערגרייכן נאָר דורך גערעכטיקייט, דורך גוטע מעשים פאַרן כלל און דורך אָפּזאָגן זיך פון תאוות, וואָס פאַרקנעכטן דעם גייסט צום חומר, דורך מסירת-נפש פאַר גערעכטיקייט און פרייהייט.

דאָס איז זיין היילִיקסטער און שענסטער אידעאַל געוועזן, זיין משיח-אידעאַל!

ווי ווייט איז אָבער דער אידעאַל געוועזן פון לעבן! אויף דער חושכדיקער ערד איז דער שקר, די אומגערעכטיקייט געזעסן אויבן טראָן און האָט געוואָרגן און געטויט דאָס לעבן!

געשמידט אין קייטן האָט געשמאַכט אַ פאָלק, וואָס האָט

דעם משיח־אידעאַל געשאַפן און אין האַרצן טיף געטראָגן, פאַר אַ גאַנצער וועלט געטראָגן!

ער האָט שוין ניט איין מאָל אין זיין לאַנגן־לאַנגן לעבן פאַר משיח'ן זיין בלוט געגאָסן און איז אויך איצט, פונקט ווי מיט זעכציק יאָר צוריק, בלב ונפש גרייט פאַר משיח'ן צו שטאַרבן! ער פילט און ווייס, אַז ער וועט שטאַרבן פאַר משיח'ן, ניט ווי אַלע מענטשן שטאַרבן פאַר זיין גאָט! זיין גרויסער אומגליקלי־כער לערער רבי אליעזר האָט עס אים שוין לאַנג פאָראויסגעזאָגט...

ער ווייס, אַז משיח איז נאָך ניט געקומען, ער גלויבט אָבער, איז זיכער, אַז זיינע טריט דערנעענטערן זיך שוין, ער זעט אים שוין אין גייסט! עס טרינקט זיך דאָך אַ וועלט אין בלוט, עס טרינקט זיך דאָך דאָס הייליק לאַנד אין בלוט, און גוג ומגוג—רוים—וואַקלט זיך אין די יסודות, אונטערגעשווענקט אין די יסודות דורכן מבול בלוט, — דאַן מוז דאָך קומען דער הייליקער דער־לייזער און אָפּשאַפן דעם מבול בלוט, אָפּשאַפן אויף אייביק די מיגליכקייט פון בלוטפאַרגיסונג און פון אַלע פנימער אָפּ־ווישן די טרערן!

עס מוז און וועט געוויס גיך קומען דער לאַנג־געגאַרטער זון פון דוד! ער וואָלט געוויס שוין לאַנג געקומען, נאָך מיט פופ־ציק יאָר צוריק, נאָר צעריסן איז דעמאָלט שטאַרק געווען דאָס הויז יהודה און ס'האָבן גורם געווען די גרויסע זינד צום אָפּרוקן דעם קץ הפלאות... אַנדערש איז עס איצט, ווען בלינדע האָבן שוין דער־זעען, אַז עס מוז באַלד אויסברעכן דער לעצטער און אַנטשיידנ־דיקער געראַנגל מיט עמלק—גוג ומגוג—רוים!

און ער, עקיבא, פילט אין זיך אַ כוח צו פאַרבינדן אַלט און יונג אין דעם איין רעיון; ער פילט זיין כוח איצט ווי זיין כוח דעמאָלט צו פאַרטיידיקן די גערעכטיקייט און פרייהייט.—ווי לע־בעדיק געדענקט ער יענע הייסע ביטערע געראַנגלען פאַרן פאָלק און פאַר זיין הייליקטום. ער האָט געזען ירושלים אין איר גלאַנץ און פראַכט און האָט איבערגעלעבט איר מאוימדיקן חורבן. ער האָט זיך געשלאָגן ווי אַ לייב אין די רייען פון די פאַרביטערטע קנאים קעגן דער פירכטערליכער אייבערמאַכט פון אספסינוס און פון

טיטוס און האָט יאָמערליך געטרויערט איבערן אָפּגיין פון זיין פאָלק מיט בלוט. געבלוטיקט האָט זיין האַרץ איבערן גורל פון אביונים, אלמנות און יתומים, וואָס זיינען הפקר אינם טרויערטאָל געוועזן צו פּיין און טויט, איבערן ביז=באַשערטן גורל פונם קומעדיקן דור — די אומשולדיקע עופעלעך, וואָס האָבן זיך געוועלגערט אויף די מערק און אין די גאַסן פון דער אויסדערוויילטער שטאָט ישראל׳ס, געשוואָלענע פון הונגער און פאַרשרפּעטע פון דאָרשט און בייזע מחלות, — און ער האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז ער געהערט ניט און טאָר שוין קיינמאָל ניט געהערן זיך, נאָר דעם אייביק=בלוטנדיקן, אומפאַרגלייכליך ליידנדיקן פאָלק, זיין קיום און זיין עתיד! ניט טרויערן, ניט וויינען, נאָר טרייסטן, היילן גוף און גייסט, וועקן, רופן צום ווייטערדיקן לעבן, צו וויסן, גלויבן, האָפן אויף אַ קומעדיקער שיינער ליכטיקער משיח=וועלט!

אַז ס׳האָט גובר געווען דעם שונא׳ס האַנט און ס׳איז געפאַלן ציונס פעסטונג און פאַרברענט געוואָרן איז גאָטס הויז פון באַרג מוריה און צעשמעטערט איז יהודה׳ס מאַכט געוואָרן און די געפאַנגענע גבורים אירע זיינען — צוגעבונדן צו די עקן פונם שונא׳ס פערד — געשלעפּט געוואָרן און צעמורשט איבער די שטיינער פון די מערק און גאַסן פון שטאָט רוים, — איז דער שארית הפליטה פונם פאָלק געבליבן אין אבֵלות זיצן אויף דער ערד און א חבורה לערער אויף דרום פון יהודה האָבן זיך געציילט און פעסט באַשלאָסן, אַז ס׳איז בעסער דעם, וואָס איז נאָך ניט געבאָרן, איידער דעם, וואָס איז געבאָרן! זיי האָבן גענומען דרשנען, אַז ס׳איז אַמאָל געווען אַ פאָלק ישראל, אַן אויסדערוויילטס פון גאָט, אָבער גאָט האָט עס פאַרלאָזן און פאַרוואָרפן פאַר די זינד פון דור און פון די פריערדיקע דורות, אַז פאַרמשפּט איז ישראל אויף אונטערגאַנג, אויף כליה, און האָבן מצדיק את הדין געווען, פאַרן פאָלק קיין טרייסט=וואָרט ניט געזוכט און דעריבער ניט געפונען, האָבן נאָך אפילו מיטהעלפן געוואָלט דער כליה מיטן רעיון פון סיגופים, פון נזירות, פון שטרענג זיך אָפּזאָגן פון וויין און פלייש, פון מילך און פרויען — — —

אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין דער חבורה נאָכן

דאָזיקן באַשלוס. נאָר דאָ האָט פלוצלינג זיך געטאָן אַ הייב בן־יוסף פונם אָבל־שטיין, ווי אַ יונגער לייב פון די פעלזנהיגלען פונם ירדן, און האָט אויסגעשריען:

— היה לא תהיה! ישראל לעבט און וועט נאָך לעבן אַזוי לאַנג, ווי ס'וועלן זיין נאָר ערד און הימל! דער אייביקער ישראל'ס וועט ניט פעלשן און וועט מקיים זיין די גוטע צוזאָגן פון גאולה און ישועה, וואָס ער האָט פייערליך פאַרקינדיקט דורך די שליחים זיינע די נביאים, פונקט ווי ער האָט מקיים שטרענג געווען די בייזע תוכחה פון חורבן. ער האָט אין גרימצאָרן אַ פייער אין ציון אָנגעצונדן און ער מוז על־פי־דין און על־פי־יושר באַצאָלן פאַר דער שרפה, און ער וועט ציון אויפבויען צוריק!

— דו האָסט, עקיבא, אונז געטרייסט, דו האָסט געטרייסט אונז! — האָט זיך אַן איינשטימיקער רוף אַרויסגעריסן פון דער חבורה.

און רבי עקיבא איז — געטריבן פונם רוף פון האַרצן — אַוועק אין פאָלק. מיט אַ ילקוט אויף די אַקסלען און מיט אַ שטעקן אין דער האַנט האָט ער יאָרן לאַנג, צענדליקער יאָרן אומגעוואַנדערט איבער נאָענטע און ווייטע לענדער, איבער ימים, איבער אינזלען, וואו עס האָבן זיך געפונען נאָר די קינדער פון זיין פאָלק; ער איז אויסגעווען אין די מדינות פון קליין־אַזיע און קאַווקאַז, צווישן שוואַרצן ים און ים הכספי, אין די לענדער פון פרת, חדקל און איראַן; האָט דערלאַנגט אויך קיין מצרים, קירענאַאיקע און לוב, קיין איטאַליע און גאַליע. ער איז געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט און פון דאָרף צו דאָרף, פון הויז צו הויז און פון מענטש צו מענטש און האָט אומעטום געבראַכט אַ וואָרט פון טרייסט און אַ היילונגס־באַלזאַם פון האָפענונג און אויפלעבונג, האָט געוועקט דעם מוח און דאָס הארץ פון די באַזיגטע, באַליידיקטע, באַדריקטע.

און די ווערטער פונם גרייזגרויען יונגנמאַן פון דער שטאָט בני־ברק האָבן געברענט ווי פייער.

ווי אַ נביא האָט ער פאַר זיין פאָלק ערשיינט.

פון די וועלדער און די היילן, פון גריבער און פון פעלזנ־

שפּאַלטן זיינען אַרויס די דערשלאָגענע, דערדריקטע און דערניד־ריקטע, וואָס האָבן זיך פאַרבאָרגן אינם טרויער־טאָג פון צאָרן. און ס'איז נאָכגעגאַנגען נאָך זיין נייעם נביא דאָס פאָלק ישראל.

ס'זיינען געגאַנגען גרויע גרייזן, זקנים און ישישים, ברע־נענדיק פון דאָרשט נאָך פרייהייט, ווי די מונטער־פרישע יוגנט. ס'זיינען יונגעלייט געגאַנגען, דרייסטע־מעכטיקע ווי לייבן. ס'זיינען אויך געגאַנגען ווייבער, יונגע טעכטער, שיינע ווי גאַזעלן, און מיט פריידיקע נצחון־לידער, ווי מרים, דבורה און יהודית, האָבן זיי מוט און גלויבן, גענוואַגטקייט, שטאָלץ און גבורה געגאָסן אין די הערצער פון די אַנשי־חייל.

דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך דאַן אָפּגערופן אויף בן־יוסף'ס רוף, אויפן רוף פונם פאָטער פון אביונים, אלמנות און יתומים, — און עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ מאַוימדיקע שריפה פון מרידה אויפן גאַנצן שטח פון דער רוימישער אימפּעריע. גאַנץ מזרח און גאַנץ דרום האָט געברענט אין פלאַמען רויט ווי בלוט.

צוערשט האָט זיך אויפגעהויבן די יידישע נציבין, וואָס אויפן גרעניץ צווישן סוריא און בבל, דערנאָך די האַלב־יידישע מלוכה פון הדייב אויף די ברעגעס פון חדקל און צום סוף אויך דאָס גאַנצע ניט־יידישע לאַנד בבל און די אַנדערע מדינות פון אַרם־נהרים; באַלד האָבן זיך אויפגעהויבן אויך די יידן פון מצרים, קירענאַאיקע און לוב און פונם אינזל קיפּראָס, און ועל־כולם דאָס לאַנד יהודה, וואָס האָט אַראָפּגעטרייסלט שוין פון זיך דעם שטויב פון קנעכטשאַפט און האָט מיט אימפּעט זיך געשטעלט בראש פון דער מלחמה. צו די יידן זיינען צוגעשטאַנען אויך די אַנדערע פעלקער פון די לענדער, וואָס האָבן געוועלט אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון רוים, — און אַלע האָבן זיי געשטעלט זיך אונטער די פרייהייטס־פאָנעס פון די איידלסטע תלמידים רבי עקיבא'ס, די איבערמענטשליכע גבורים נריה־לוקואַס און אַרטימיון, די ברידער שמעיה און אחיה פון שטאָט לוד, פפוס און לולינוס.

אַ גייסט פון פרייהייט און פון גבורה, אַ פלאַמעדיקער גייסט פון אויפשטאַנד, פון מרידה האָט באַהערשט די יידן פון די ווייט־סטע לענדער, פון בבל ביז יהודה און פון יהודה ביז די מדינות

פון צפון־אַפריקע, ווי זיי וואָלטן געוואָלט צו ווייזן געבן זייערע דם־שונאים, אַז ס׳איז נאָך ניט אומגעקומען זייער אומה און איר גייסט און אַז זי האָט נאָך כוח זיך אײַנצושטעלן פאַר איר קיום.

ס׳האָט געפלאַקערט די מלחמה קעגן רוים פון צפון און פון מזרח און פון דרום, און ווען זי וואָלט געפירט געווען לפי איין אופן און אין איין צייט, וואָלט דאַן געוויס געקומען צו רוימס טיראַנישער ממשלה דער לאַנג־דערוואַרטער סוף און דער אָנהייב פון דער גאולה פון דער וועלט. דער פאַרביטערטער געראַנגל אָבער האָט זיך אָנגעהויבן אין די דריי זייטן ניט אין איין צייט און אויך ניט אויף איין אופן, האָט ער זיך געענדיקט טרויעריק און ביטער. טראַיאַנוס־קיסר האָט אין אַ נייעם מבול בלוט דער־טרונקען דעם אויפשטאַנד פון די יידן און האָט פון זיי גענומען אַ בלוטיקע נקמה. ער האָט פאַרוויסט גאַנצע שטעט און לענדער, האָט פאַרטיליקט אַלע יידן פון אינזל קיפּראָס, קירענאַאיקע און אַלכּסנדריא של מצרים. ער האָט אומגעבראַכט די בעסטע פירער פונם פאָלק און האָט געוואָלט טרעפן אים אין האַרצן...

גרויס איז געווען דער טרויער פונם חורבן פון נציבין און אַנדערע מקומות אין בבל און קליין־אַזיע און מצרים, אָבער נאָך גרעסער איז געווען דער טרויער איבער די הרוגי לוד אין לאַנד יהודה, וואָס זיינען געווען די נשמה פון דער משיחישער באַוועגונג. דער טרויער האָט אָבער ניט אַריינגעבראַכט קיין יאוש אין די הערצער פון די יידן. די מרידה איז דערשטיקט געוואָרן בלויז אויף אַ קורצער רגע. ס׳איז ניט פאַרלאָשן געוואָרן ס׳פייערל פון האָפענונג אויפן גואל און אויף דער גאולה. מ׳האָט געגלויבט, אַז אָנשטאָט אַ סך גרויסע פירער וועט זיך באַלד באַווייזן איינער און דער גרעסטער, דער איינציקער, דער זון פון דוד, וואָס רבי עקיבא דאַרף דער ערשטער אים דערקענען — — —

* * *

באַלד האָבן זיך גענומען ווייזן צייכנס, וואָס האָבן פאַר־שטאַרקט דעם גלויבן, אַז די „טריט פון משיח׳ן" זיינען נאָענט און

אַז „אינגיכן, גאָר אינגיכן וועט צוריק אויפגעבויט ווערן דער בית־המקדש אויפן באַרג מוריה" און ס'וועלן מקוים ווערן אַלע הבטחות פון די אַמאָליקע נביאים.

ס'האָבן טראַיאַנוס'ן ניט געהאָלפן זיינע אַלמעכטיקע חיילות און זייערע שאַלקהאַפטיקע מנהיגים, לופוס, קיטוס, ס'האָבן אים קיין נוצן ניט געבראַכט זיינע בלוטיקע מזבחות פאַר מענטשליכע קרבנות, — די הצלחה האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים, ס'האָבן ניט אויפגעהערט קיין מרידות פון די פעלקער אין זיין קיסריות און ער האָט שוין מער ניט געקענט אויסשפּרייטן זיין הערשאַפט אויף נייע לענדער. פון שברות־הלב איז ער קראַנק געוואָרן און באַלד געשטאָרבן אין דער פרעמד, ווייט פון רוים. קיסר איז געוואָרן אַדריאַנוס, וואָס האָט אַליין פאַרמשפּט און געלאָזט טויטן די גרעסטע האַרן פון זיין פאָרגייער, וואָס האָבן זיך אין ימים יידיש בלוט געבאָדן, און עס זיינען געראַטעוועט געוואָרן די צוויי פאַרהייליקטע גבורים פון יהודה, די ברידער פּפּוס און לולינוס, וואָס האָבן אויך גע־זאָלט אומקומען אין לוד. פון אַ מוראדיקער ערדציטערניש זיינען פלוצלינג אונטערגעגאַנגען די צוויי גרעסטע פעסטונגען פון רוימס ממשלה אין יהודה, די שטעט חמתן און קיסריא של ים, און ועל־כולם האָט אַדרינוס קיסר אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צוריק אָפּצובויען ירושלים פון אירע חורבות, האָט באַשטימט דערויף דעם ג ר ע ק י ל ס און האָט מבטיח געווען אַן ערלויבעניש צו געבן אויפ־צובויען דעם דריטן בית־המקדש.

די יידן האָבן זיך דערמאָנט, אַז אויך כורש מלך פרס האָט באַפרייט די יידן פונקט פופציק יאָר נאָכן ערשטן חורבן, און האָבן אין די אַלע צייכנס אַיינגעזעען „עקבתא דמשיחא".

ליכטיק איז דעם פאָלק געוואָרן, גרויסע און דערהייבענע האָפענונגען האָבן אים באַגייסטערט, ער האָט זיך אַ נייע שיינע וועלט אין דער פאָרשטעלונג געבויט. ער האָט געגלויבט, אַז אַ שיינע שפּראָצונג וועט איצט ווערן ציון, אַז דערהויבן וועט גאָטס באַרג איצט ווערן איבער אַלע בערג, אַז אַלע פעלקער וועלן קומען אין גאָטס נייעם הויז דעם אמת און גערעכטיקייט צו זעען און צו הערן, בכדי דעם גאָט פון אמת און גערעכטיקייט דאָ צו

דערקענען און צו באַנייען זיך אין אים. פון די העכסטע הימלען וועט אַ מאַן אַראָפּ איינגעהילט אין הימל־שיינקייט און אין הייליקייט, וועט אין האַנט אַ סצעפּטער האַלטן — ניט צו הערשן, נאָר צו לערנען און צו פירן אין וועג פון אייביקער ליכט און אמת, פון גערעכטיקייט און גוטס, — דער מלך המשיח, וואָס וועט ווערן דער איינציקער און אָנערקענטער לערער פון דער גאַנצער וועלט אויף תּמיד און אויף אייביק. און דעמאָלט וועט מקוים ווערן די פאַרקינדיקטע הבטחה פון „באחרית הימים״—דער אייביקער און אַבסאָלוטער יושר און ברידערליכער שלום צווישן מענטש און מענטש און צווישן פאָלק און פאָלק — — —

און דער נביא און שליח פון אָט דעם פאַרקינדיקטן משיח, וואָס דאַרף קומען, איז געווען רבי עקיבא, וואָס האָט אומדערמידליך אַלץ געוואַנדערט איבער נאָענטע און ווייטע לענדער, ימים, אינזלען, ווערבנדיק אַלץ מער און מער תּלמידים פון זיין פאָלק, וואָס ער אַליין, האָט ער געהאַלטן, איז דערווייל מסוגל צו באַנעמען די אידעע אין איר ריינסטער ריינקייט, ווייל ער האָט מער פאַר אַלעמען געליטן. און ער האָט געגלויבט, אַז ווען דער גואל וועט ערשיינען, וועט ער אויסלייזן די וועלט און אַלע וועלן אים דערקענען, און ער האָט געוואַרט אויף אים און די תּלמידים זיינע האָבן אויך אויף אים מיט פיל געדולד געוואַרט, געוואַרט מיט טיפער פרייד און גליק.

עס זיינען אָבער יידן אַנדערע געווען, וואָס האָבן געזאָגט, אַז משיח איז שוין לאַנג געקומען און האָט זיך שוין פאַר אַלעמען אַנטפּלעקט, האָט שוין אויסגעלייזט די וועלט פון אירע זינד און מ׳דאַרף שוין מער קיין פאָלק ישראל ניט און ניט זיין הייליקטום.

אויך די שומרונים האָבן תּכלית שנאה פיינטגעהאַט יהודה׳ס הייליקטום און די אויפלעבונג פון פאָלק, און זיי האָבן געשפּונען און געוועבט געהיים תּחבולות זיין האָפענונג צונישט צו מאַכן. זיי האָבן באַנייט דעם אַלטן בלבול פון זייערע אָבות אויף די יידן אין די צייטן פון די מלכי פרס און האָבן אַוועקגעשריבן צו אַדריאַנוס־קיסר אַ מסירה, אַז די ווידעראויפגעבויטע ירושלים וועט ווערן אַ שטאָט פון איבערקערענישן און מדינהשאַפטליכע

מהומות און דער בית־המקדש וועט ווערן אַ נעסט פון פייער פון מרידה קעגן רוים.

און די מסירה האָט געווירקט.

אַז אַדריאַנוס האָט זיך דערפילט פעסטער אויפן טראָן, האָט ער גענומען זוכן געלעגנהייטן צוריקצוציען די הבטחות, וואָס ער איז פריער געצוואונגען געווען צו געבן זיינע פעלקער, כּדי איינצושטילן זייערע אויפגערודערטע געמיטער. ער האָט ניט גע־קאָנט אָפּשאַפן זיין געגעבענע ערלויבעניש צו בויען דעם בית־המקדש, האָט ער אַלץ אָפּגעלייגט דעם ענין; דאָ האָט ער געהייסן בויען אים ניט אויפן פריערדיקן אָרט, דאָ מאַכן אים גרעסער אָ ער קלענער פונם אַלטן בית־המקדש. די יידן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין בית־רמון אינם טאָל פון יזרעאל אויף אַ ישוב־הדעת וועגן דעם. אַז ס'איז קלאָר געוואָרן די כּוונה פונם קיסר, איז די אויפרעגונג געוואָרן אומגעהייער גרויס און ס'האָט געהאַלטן ביי אַן אויסבראָך פון אַ נייער מרידה אינם גאַנצן לאַנד. נאָר דער אָרימער נאָדלמאַכער רבי יהושע בן חנניה האָט מיט קלוגע רייד אָפּגעהאַלטן דעם ניט צוגעגרייטן פאָלק פונם ניט אויסגערעכנטן טריט. די קנאים אָבער האָבן אָנגעהויבן בהתמדה און שטרענג געהיים גרייטן דאָס פאָלק צו אַ לעצטן אַנטשיידנדיקן אַרויסטריט קעגן רוים. די הכנות האָבן געדויערט גאַנצע צען יאָר.

אַדריאַנוס האָט זיך גענומען טראָגן מיט אַ בייזן רעיון — צו אַסימילירן די בני ישראל מיט די רוימער דורך געמישטע חתונות און אַנדערע תחבולות, בכדי יהודה זאָל פאַרשלונגען ווערן אין די פעלקער און ס'זאָל מער ניט געדאַכט ווערן זיין נאָמען. דעמאָלט וועט די רוימישע אימפעריע ווערן זיכער פון מרידות. ער האָט גע־מאַכט אַ נסיעה איבער די מדינות פון זיין אימפעריע און האָט אומעטום אָפּגעטאָן מעשים תעתועים, בכדי מבזה צו זיין די יידן און זייער גלויבן. די יידן האָבן געפאָלגט די לערער זייערע, האָבן די ליפּן ביז בלוט פאַרביסן און געשוויגן: זיי האָבן זיך געהיים געגרייט. האָט אַדריאַנוס, וואָס האָט זיך פאַר זייער קלוג געהאַלטן, געזעען די הכנעה פון די יידן און האָט גענומען אַרויסגעבן גזירות

אָן אַ שיעור, איינע שטרענגער פון דער אַנדערער, האָט שווערע שטייערס אַרויפגעלייגט אויף אַלע יידן, האָט פאַרווערט אַ סך יידי־שע מנהגים און האָט ווילד געלאָזט פאַרשוועכן די הייליקייטן פון די יידן. די יידן האָבן נאָך מער די ליפּן זייערע פאַרביסן און האָבן בייז־בשורהדיק געשוויגן: זיי האָבן זיך שטרענג בסוד געגרייט, געגרייט אויף אַלע זייטן. צום סוף האָט דער בלינדער הערשער באַשלאָסן אויסצובויען ירושלים אויף אַ ניט יידישן שטייגער, צו מאַכן איר פאַר אַ געצנדינערישע שטאָט און האָט איר געגעבן אַ ניי־עם נאָמען „עליאַ קאַפּיטאָלינאַ" אויף זיין נאָמען און אייפן נאָמען פון זיין גאָט יופּיטער פון קאַפּיטאָליום. רבי יהושע בן חנניה, וואָס איז דעמאָלט געוועזן שוין נשיא פון סנהדרין אין יבנה, האָט זיך געזעען מיטן קיסר אין אַלכּסנדריא של מצרים, אָבער ער האָט ביי אים גאָר־נישט פועלן געקענט. ער האָט ניט אויסגעהאַלטן און איז געשטאָרבן פון אַ האַרצשלאָג. אַ סך גדולים פון ישראל האָבן פונקט אַזוי ניט אויסגעהאַלטן די באַליידיקונג און זיינען אויסגעשטאָרבן אָן אַ צייט. דער צאָרן פון פאַרביטערטן פאָלק האָט געברויזט, ווי אַ צעקאָכטער ים. עס האָט זיך געגרייט אַ שטורים און עס איז ניט געוועזן קיין מענטש, וואָס זאָל זיך שטעלן אינם בראָך, „מיט אַן עצה און אַ גוטן רעיון". דאָ איז פּלוצלינג געקומען פון זיינע לאַנגע נסיעות איבער קיליקיע, קאַפּוטקיא, פריגיע און גאַלאַטיע—רבי עקיבא!

ער איז געוואָרן נשיא פון סנהדרין נאָך רבי יהושע בן חנניה און האָט זיך געשטעלט בראש פון גאַנצן פאָלק פון ארץ ישראל און פון כּל תּפוצות הגולה. ער האָט גענומען אין זיינע הענט דעם גאַנצן ענין פון אויפשטאַנד, וואָס מוז און וועט באַלד אויסברעכן. ער האָט געברענט פון קנאה פאַר דער תּקומה פון זיין פאָלק, וואָס פון אים הענגט אָפּ דער גורל פון דער וועלט, אָבער ער האָט געאַרבעט אי זייער פאַרזיכטיק אי שנעל צוצוגרייטן ס'פאָלק מיט שכל און מיט כּוח צום גרויסן טאָג פון דעם באַפרייאונגס־קאַמף.

און מיט אים זיינען מיטגעגאַנגען פיר און צוואַנציק טויזנט בחורים פון יהודה, די געטרייסטע, איבערגעבנסטע תּלמידים, די בעסטע, איידלסטע פון פאָלק, די אומפאַרגלייכלעכסטע גבורים, וואָס זיינען יעדע רגע מיט טיף־התפּעלותדיקער שמחה גרייט גע־

ווען אויף מסירת-נפש פאַרן פאָלק און פאַרן לאַנד און פאַר דער הייליקסטער און טייערסט-ליבסטער תּורה פונם גרעסטן לערער — —

אַדריאַנוס איז געווען זיכער אין דער הכנעה פון די יידן, ער האָט ניט געזען און ניט געשפּירט, וואָס עס האָט זיך געטאָן אויפן ברייטן שטח פון זיין קיסריות, און האָט ניט געוואוסט פון דער שטאַרקער באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגענומען די יידישע ישובים אין אַלע רוימישע מדינות. וואָרים די יידן האָבן זיך גע-קליגט צו פאַרבאָרגן זייערע מעשים און אָפּצוווענדן די בייזע אויגן פון די רוימישע שפּיאָנען. און זיי האָבן אין משך פון צען יאָר אָנגעזאַמלט כּלי-זיין אָן אַ שיעור אין די אַרסענאַלן אין היילן און אין שלוכטן פון די בערג אין גליל און אין דרום פון יהודה, האָבן צוגעגרייט גרויסע מאַסן געלערנטע חיילות נאָכן שטיי-גער פון די רוימער און האָבן געשאַפן גוטע און געהיימע וועגן צום אַריבערפירן די מחנות קריגער און די וואָגנצוגן לאַדונגען פון אָרט צו אָרט. און אַז ס'איז צייטיק געוואָרן דאָס בייז פון רוים, איז אויסגעבראָכן די מלחמה קעגן איר, אַ שווערע און אַ לאַנגע, און ס'האָט פלוצלינג פאַר די אויגן פונם פאָלק ערשיינט אַ וואונ-דערבאַרער מאַן, וואָס מען ווייס ניט, פונוואַנען ער האָט זיך מיט אַ מאָל באַוויזן, און ער האָט זיך גלייך געשטעלט בראש פון גאָטס חיילות קעגן גיפטיקן עמלק—גוג ומגוג—רוים. באַוויזן האָט ער זיך צווישן די פיר און צוואַנציק טויזנט איבערגעבנסטע תּלמידים פון בן יוסף, ווי דער בעסטער אויסדערוויילטסטער פון זיי אַלע. ער איז געווען מילד און ליב און גוט צו שוואַכע, אָרימע, דערנידע-ריקטע, באַליידיקטע, צו די ענווים פון דער ערד, צו אַלמנות און יתומים, צו פאַרוואָרלאָזטע, פאַרלאָזענע קליינע קינדער, צו תּינוקות של בית רבן, און ער איז פאַרביטערט אָן אַ גבול געווען צו די שטאַר-קע און די בייזע פון דער ערד, צו אַכזרים און צו בוגדים. ס'האָט אויף אים גאָטס גייסט גערוט, אַ גייסט פון טיפסטער העכסטער חכמה און גאָטספאַרכטיקייט. און מונטער, מעכטיק, דרייסט איז ער געווען, ווי נאָך קיינער ניט ביז אים און נאָך אים. מיט אַ וואָרט פון זיי-נע לעפצן האָט ער געטויט רשעים און מיט אַ בליק פון זיינע אויגן האָט ער אַ צערייצטן לייב באַזיגט און האָט זיך רייטנדיק

געזעצט אויף אים ווי אויף אַן אייזל. און געשווינד און פלינק איז ער געווען ווי אַ יונגער אינד און האָט די ערד געשלונגען מיט זיין גאַנג. הויך און שלאַנק איז ער געווען, ווי אַ צעדער פון לבנון, און פרעכטיק-שיין, ווי די זון אין שענסטן פרילינג-חודש בעת איר אַרויסגאַנג פון אונטער איר הימל-חופה פרי באַגינען איבער די בערג פון גליל, פון אפרים און יהודה. ער איז געווען ענוו מער פון אַלע מענטשן און שטאָלצער פון זיי אַלעמען, ער איז געווען אי לאַם אי לייב, אי מענטש אי הימלסגייסט. זיין נאָמען איז געווען: שמעון בן-גִּרְיָה פון בית דוד.

אַז דאָס פאָלק האָט אים צום ערשטן מאָל דערזעען, האָט עס אין אים דערקענט זיין לאַנג געגאַרטן ליכטיקן און אויסדער-ווײלטסטן גבור, דעם סמל פון זיין אייגענער און גאַנצער קראַפט, פון זיין גבורה און זיין פעסטן גייסט; האָט אין זיין געשטאַלט דערשפירט די טיפסטע געפילן פונם האַרצן פון דעם גאַנצן פאָלק, זיינע איניקסטע פאַרלאַנגען און זיין שטאַרקסטן רצון, אויך די גאַנצע פאַרביטערטקייט פון זיין נשמה און זיין שווערן צאָרן; האָט אין אים דערקענט דעם גאָטגעבענטשן מנהיג, וואָס וועט אָנוואַרפן אַ מורא אויף דער בייזער וועלט פון חושך, שקר און פון רשעות און וועט פירן און דערפירן דאָס פאָלק צו אַ נייער וועלט פון ליכט, פון אמת און פון גוטס, — און האָט אויסגעשריען אַ פריידיקן: „הָאָח!" און אַז רבי עקיבא האָט אים צום ערשטן מאָל דערזעען אין דער גאַנצער שיינקייט פון זיין גבורה און אין דער הימלישער דערהייבנקייט פון זיין נשמה, איז זיין האַרץ גערירט געוואָרן ביזן טיפסטן גרונד און ער האָט אין אַ שטורמישער התפעלות אויסגערופן:

— אָט דאָס איז ער, דער, וואָס די נביאים האָבן אים שוין לאַנג פאַרקינדיקט אונז, אויף וועמען מיר האָבן אַזוי לאַנג פאַרבענקט געוואַרט און נאָך וועמען ס'איז אויסגעגאַנגען אונזער האַרץ, — דער מלך המשיח! דרך כוכב מיעקב! אַ שטערן האָט אויפ-געשיינט אויף יעקב'ס הימל און איצט וועט מקוים ווערן די נבואה וועגן משיחס-צייטן! נאָך אַ ביסל — און גאָט וועט אויפ-טרייסלען דעם הימל און די ערד, דעם ים און די יבשה! ער

וועט צעטרייסלען אַלע פעלקער, וועט איבערקערן טראָנען פון מלוכות און וועט פאַרטיליקן די מאַכט פון די קיניגרייכן פון די פעלקער,—און ס׳וועט גרעסער זיין דער כבוד פונם לעצטן הויז איידער דער כבוד פונם ערשטן! נאָך אַ ווײַלע—און ס׳וועט גע־בראָכן ווערן די מאַכט פון רוים און דערנידעריקט איר שטאָלץ, ישראל וועט דערהייבן ווערן און גאָטס כבוד וועט באַווייזן זיך אויף אים!

דאָס פאָלק האָט אויסגעבראָכן אין אַ יובל פון התפעלותדי־קער פרייד, וואָס איז אַריבערגעשטיגן יעדן גבול, און האָט גע־שטורימט אין עקסטאַז:

— אַ שטערן־זון, אַ שטערן־זון האָט זיך צו אונז אַנטפּלעקט און ס׳וועט זיין נאָמען אייביק שיינען אונז: בר־כוכבא, אונזער מלך המשיח, דער גואל אונזערער בן־דוד!

דער תנא רבי יוחנן בן תורתה האָט אויסגעשריען צו רבי עקיבא אין גרויס גרימצאָרן:

— עקיבא, גראָזן וועלן אַריין אין דיינע באַקן און בן־דוד וועט נאָך אַלץ ניט זיין געקומען! איך זע פון דער מרידה ניט קיין גוטן סוף!

דאָס פאָלק האָט אָבער הערן ניט געוואָלט די רייד פון כפירה, האָט געגלויבט דעם גרויסן און פאַרהייליקטן באַליבטן רבי עקיבא און האָט געזען דעם פּנים פון בר־כוכבא ווי דעם פּנים פון משיח, וואָס איז פון גאָט געשיקט וואָס גיכער צו דערלייזן זיין באַדריקטן פאָלק. די פיר און צוואַנציק טויזנט תלמידים פון רבי עקיבא האָבן ווי אַ לייבוואַך אַרומגערינגלט זייער לערער און בר־כוכבא׳ן, זיי האָבן אָנגעצונדן אין פאָלק דעם פייער פון שנאה און דעם פלאַם פון נקמה צו די רוימער און ס׳האָבן זיך גענומען ציען צו בר־כוכבא אַלץ נייערע און אַלץ גרעסערע מחנות ראַנג־לער, ביז ער איז געווען אין שטאַנד צו שטעלן זיך אָפן אין מלחמה קעגן רוים.

* *

*

אַ סך גרויסע שונאים האָט געהאַט בר־כוכבא פון אַלע זייטן פון נאָענט און פון ווייט, הן פון היידן הן פון יידן. די רוימער

און די גריכן האָבן אויסגעשפּרייט אַ נעץ פון אויסלוגער צו כאַפּן אים, פאַרמשפּטן אין טויטן אויף אַ קרייץ ווי אַ מורד במלכות; די שומרונים האָבן געשטרעבט אַליין צו ווערן די איינציקע באַזיצער און באַהערשער פונם לאַנד און געוואָלט אים אומברענגען ווי דעם מלך פון די יידן; טייל יידן האָבן גע׳טענה׳ט, אַז משיח וועט נאָך קומען אין סוף ערשט פון די צייטן, און האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ „זון פון ליגן"; אַנדערע ווידער האָבן, פאַרקערט, פאַרזיכערט, אַז משיח איז שוין לאַנג געקומען, און האָבן געהאַט שטאַרק מורא, דער שטערן־זון זאָל ניט פאַרנעמען יענעמס אָרט... אַזוי האָט מען אים פיינט געהאַט, פאַראַכט אים, אויסגעטראַכט אויף אים בלבולים, פאַר אַ מכשף אים געמאַכט, געשענדט אומזיסט זיין נאָמען און געוואָלט אים זען אין קבר מיט רשעים. ער איז אָבער געווען אַ צדיק און אַ חסיד און אַ ענוו, ריין פון זינד, און קיין פאַלשקייט איז ניט געווען אין זיין מויל און אין זיין האַרץ. ער האָט זיך אַליין ניט אַרויסגעגעבן פאַרן מלך המשיח און ער האָט ניט גע־זוכט פאַר זיך קיין כבוד און קיין גוטס, ער האָט פאַר זיך לחלוטין גאָרנישט ניט געוואָלט. איין־איינציקער פאַרלאַנג האָט פולגע־מאַכט זיין האַרץ, איין איינציק ציל האָט אים באַפליגלט אין זיין קורצן לעבן אויף דער ערד — אומצוקערן צו די קינדער פון זיין פאָלק די פרייהייט פון אַ אומה און אויפצושטעלן די מלוכה פון ישראל ווי אַ מלוכה פונם הימל אויף דער ערד אויף נייע יסודות פון אַבסאָלוטן יושר, פון אַבסאָלוטער גערעכטיקייט און ניט גע־פעלשטער ברידערליכער ליבשאַפט, לפי דער תורה פון זיין לערער רבי עקיבא, דעם תלמיד פון איש־גמזו און פון הלל, — אַ מוסטער פאַר דער וועלט! אָבער די מלוכה מוז אַפריער פריי־ווערן פון פרעמדן יאָך, פונם שווערן יאָך פון רוים, וואָס האָט צוויי הונ־דערט יאָר געוואָרגן און געשטיקט דאָס פאָלק ישראל, אים גע־פרעסן מיטן גאַנצן מויל, זיין בלוט געזויגן און ווילד געשמעטערט און גענאָגט די ביינער זיינע, ביז ער איז געבליבן כמעט אָן אַ נשמה. בר־כוכבא האָט געגלויבט, אַז בלויז דער אונטערגאַנג פון דער דורכגעפוילטער רוים און די תחיה פון ישראל אין ירושלים וועט ברענגען די באַפרייאונג פאַר דער גאַנצער וועלט, און אַז

אַנדערש—וועט קיינמאָל ניט אויפהערן די רשעות און דער אומ=גליק אויף דער ערד! ער איז געווען אַ פלאַימדיקער גבור הן בגוף און הן ברוח, וואָס ס'איז זיין גלייכן ניט געווען ניט פאַר אים און ניט נאָך אים. ער האָט געזעען ווייט, ער האָט געזעען דעם גורל פון זיין פאָלק און פון דער וועלט ביזן סוף פון אַלע דורות,—און ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין אַן אַנטשיידנדיקן געראַנגל אויף לעבן און אויף טויט, און ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַלז און אַנטבלויזט זיין ברוסט צום טויט, האָט זיין וואונדערבאַרן לעבן און זיין הייליקע נשמה אָפּגעגעבן פאַר זיין פאָלק און פאַר דער וועלט! און אָט דערפאַר איז ער עס פאַררעכנט צווישן חוטאים און צווישן פושעים, בעת ער האָט באמת געליטן פאַר די זינד פון דער גאַנצער פאַלשער וועלט! — — —

דאָס פאָלק אָבער האָט אים מיט זיין האַרץ באַנומען, האָט געגלויבט אין אים ווי אין מלך המשיח און איז געווען אינגאַנצן אויף זיין צד. ס'האָבן זיך צו אים געצויגן יידן=קריגער פון אַלע לענדער פונם גלות, פון נאָענטע און ווייטע. דען רבי עקיבא האָט אָן אויפהער געוועקט דאָס פאָלק, גערופן אים צו קומען צו בר=כוכבא, און זיינע רייד זיינען אין די אויגן פון גאַנץ ישראל געווען גלייך ווי די רייד פונם לעבעדיקן גאָט. ער האָט ווידער אומגעוואַנדערט איבער פרעמדע לענדער, ווערבירט ראַנגלער פאַרן ענין פון דער גאולה און געזאַמלט גרויסע געלט=נדבות ביי אַלע רייכע לייט פאַר די נויטן פון געראַנגל און פאַר עניים און אביונים, אלמנות און יתומים פון יהודה, און אין צעטיילן האָט ער ניט געמאַכט קיין חילוק צווישן די קינדער פון זיין פאָלק און די אָרימע פון אַן אַנדער פאָלק, דען צו אַלעמען איז ס'האַרץ זיינס גוט געווען. תמיד האָט געשיינט זיין פנים און ס'האַרץ האָט זיך געפרייט, האָט ניט געשראָקן זיך פאַר קיין סכנה און אין אַלדאָסבייז, וואָס האָט מיט אים פאַסירט, האָט ער אַלעמאָל אויך גוטס געפונען. ער האָט דורכאויס געהאָפט, אַז זיינע אַלטע אויגן וועלן נאָך דערזעען די גאולה פון זיין פאָלק און דעם אויפבוי פונם הייליקטום,—און ער האָט צוגעצויגן די הייסע פלאַטערדיקע הערצער פון די יונגע און האָט אָנגעצונדן די קאַלטע אָפּגעטעמפטע

הערצער פון די אַלטע, און פון אַלע זייטן און אויף אַלע וועגן האָבן געצויגן שאַרן פון מתנדבים צו קומען זייער פאָלק צו הילף צווישן די גבורים פון בר־כוכבא.

* *

*

די לעצטע בייזע גזירות פון אדריאַנוס האָבן פולגעמאַכט די מאָס. די הייליקע שטאָט פון ישראל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאָט פון געצנדינער און אויפן אָרט פון גאָטס הויז אויפן באַרג מוריה איז אויסגעבויט געוואָרן אַ טעמפל צו יופיטער, וואָס די יידן האָבן געמוזט צאָלן לטובת אים אַ שווערן שטייער; עס זיינען געשענדט געוואָרן די הייליקסטע עיקרים פונם גלויבן פון גאָטס פאָלק און ס׳האָט אים געטראָפן טיף אין האַרץ. ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז דערמיט ווערן בטל אַלע זיינע האָפענונגען אויף אַ גאולה, עס האָט עס ניט געקאָנט אַריבערטראָגן,— און ס׳האָט סוף־כל־סוף אויסגעבראָכן די לאַנג צוגעגרייטע מרידה און ס׳האָט זיך צעפלאַקערט אַ בלוטיקע מלחמה. פיר הונדערט טויזנט אומגעווייניליכע גבורים זיינען געגאַנגען מיט בר־כוכבא, וואָס איטליכער פון זיי האָט געקענט „רייטנדיק אויף זיין פערד אויסרייסן אַ צעדער פון לבנון", און זיי האָבן זיך געוואָרפן אין פייער פון די שלאַכטן, ווי שטורימדיקע לייבן אין אַ רגע פון סכנה, און אָנגעוואָרפן אויף די רוימער אַ בייזע אימה. צוויי טויזנט יונגע לייט פון די דאָזיקע גבורים האָבן געוואָלט ווייזן דעם חייל פון די רוימער די גבורה פון זייער האַרץ און זייער שטאַרקע ליב־שאַפט צום געבאָרנלאַנד און האָבן מיט דער אייגענער רעכטער האַנט אַראָפגעהאַקט איין פינגער פון דער צווייטער האַנט. דאָס האָט אַרויסגערופן אומצופרידנקייט פון די מנהיגים און מ׳האָט עס מער נאָכדעם ניט געטאָן. בראש פון דער מחנה פון ישראל איז געריטן בר־כוכבא אויף אַ פירכטערליכן לייב און זיין געשטאַלט איז גלייך געווען צו אַן אריאל, צו אַ לייב געשיקט פון הימל צו משפטן די ווילדע חיות פון דער ערד, און זיין גרויסער בלאַנ־קער שווערד איז גלייך געווען צום פלאַמענדיקן שווערד פונם גאָט

פון נקמה. זיינע גבורות האָבן אריבערגעשטייגט אַלע דערוואַרטונ־
גען פון מענטשנס כוחות. דעמאָלט איז אויך אויף אַלע שרים פונם
חייל פון יהודה אַרויף אַ גייסט פון הפלאדיקער גבורה, דען שמעון
האָט אָפּגעטיילט פון זיין גייסט אויף זיי און זיי האָבן אויך
אַרויסגעוויזן זיך ווי לייבן. אָבער מער פון אַלץ האָבן זיינע רייד
געווירקט אויף די חיילות ווי אַ טוי פון גאָט צו דערקוויקן דאָס
האַרץ און די נשמה מיט גלויבן, האָפענונג און העלדנמוט. און
אויף זיי אַלעמען, אויף אים מיט זיינע שרים און חיילות, האָט
געווירקט ווי אַ ליכטיקער מופת פונם הימל — רבי עקיבא, וואָס
האָט ניט אָפּגעטראָטן פון זיין ליבלינג בעת די שטורימס פון
מלחמה און זיין שיינע זילבערדיקע באָרד האָט אויפן ווינט גע־
פלאַטערט ווי אַ פאָן פון זיכערן נצחון פון דער גאולה. זיינע נביאות־
דיקע רייד פון טרייסט, פון האָפענונג און גלויבן זיינען געווען
ווי אַ לעבנסבאַלזאַם פאַר די הערצער פון די ראַנגלער, און זיי
זיינען געוואָרן דער סמל פון מסירת־נפש און זיי האָבן אויפגעטאָן
וואונדערליכע גבורות, זיי האָבן צעשמעטערט די רוימישע חיילות,
איינגאַנצן געבראָכן זייער קראַפט און די מעכטיקע און שטאָלצע
קיסריות פון רוים האָט געטאָן אַ ציטער — — —

דער רוימישער פּראָקוראַטאָר טורנוס־רופוס אין יהודה,
אַ מאַן פון פאַלשקייט און פון אומרעכט און אַ בלוטדאָרשטיקער
רוצח, וואָס איז געזעסן אין דער פונסניי באַפעסטיקטער קיסריא
של ים, איז ניט געווען ביכולת צו באַשטיין מיט זיינע סך לעגיאָ־
נען קעגן די חיילות פון בר־כוכבא, וואָס האָבן פאַרפלייצט דאָס
גאַנצע לאַנד. ער האָט אָפּגעטראָטן פון אַלע פעסטע שטעט און
די מורדים זיינען געקומען און זיך באַזעצט און באַפעסטיקט זיך
אין זיי. אין משך פון אַ יאָר האָבן די יידן איינגענומען פופציק
פעסטע שטעט און ניין הונדערט פינף און אַכטציק אָפענע שטעט
און דערפער. אַלע רוימער האָבן פאַרלאָזן די לענדער יהודה,
שומרון און גאַנץ גליל און די יידן זיינען געוואָרן אַליין די הער־
שער אינם גאַנצן לאַנד. אויפן צווייטן יאָר האָבן זיי איינגענומען
אויך ירושלים, האָבן אָפּגערייניקט איר פון טומאה און בר־כוכבא
האָט תיכף גענומען בויען דעם דריטן בית המקדש. ער האָט אויך

אויסגעגאָסן יידישע מטבעות. די שמחה פון די יידן איז געווען אָן א גבול. זיי זיינען געווען ווי טרוימער, זיי האָבן אין זייער זיסן חלום שוין עין בעין געזעען די פולע גאולה פונם גאנצן פאָלק און דעם קיבוץ גלויות, דאָס פאַרוויסטע לאַנד מיט איר פאַרבּרענטער הויפּטשטאָט צוריק אויפגעבויט פון די מוראדי־קע חורבות, דאָס פאָלק אויפגעריכט פון עלנט און דעם הייליקטום — באַנייט אין זיין שענסטער פּראַכט. די גבורים פון יהודה האָבן געבלאָזן אין שופרות און געשאַלט פון שמחה אין טרומייטן; די לויים האָבן געשפּילט אויף פלייטן און אויף האַרפן און די טעכ־טער פון ישראל זיינען אַרויס אין טענץ מיט טימפּאַנען און גע־זאַנג. רבי עקיבא איז געזעסן מיט בר־כוכבא אַרומגערינגלט מיט זיינע פיר און צוואַנציק טויזנט תלמידים און מיט אַלע ראַנגלער, האָט געשיינט פון טיפער פרייד און גליק און האָט דאָס פאָלק געלערנט און אים פאָראויסגעזאָגט אַ גלענצנדיקן עתיד. פון די טיפענישן פון פאָלקס האַרצן האָט זיך אַרויסגעריסן אַ התפעלותדיקער אויסרוף:

— ס'זאָל לעבן אונזער מלך המשיח, דער שטערן־זון שמעון בן נריה פון בית דוד!

און אַ באַגייסטערטע שירה פון פרייד און גליק האָט זיך צעגאָסן אין דער לויטער־קלאָרער לופט פונם גאַנצן לאַנד — אַ הללויה צום אויבערשטן גאָט, דעם אייביקן פון ישראל — — —

* *

*

די אומגעהייערע גלענצדיקע נצחונות פון בר־כוכבא, וואָס האָט שטורימדיק געטריבן די רוימישע לעגיאָנען פון די גרעניצן פון ארץ ישראל אויף צפון אַלץ טיפער אין סוריא און אויף מערב צום ברעג פון ים הגדול, האָבן אין ערשטן יאָר פון דער מלחמה געמאַכט זייער אַ שטאַרקן רושם אויף די פעלקער פון די שכנישע מדינות. אפילו די שומ ונים, די אייביקע צוררים פון יהודה, האָבן אויף אַ קורצער ווילע פאַרגעסן זייער אַלטע שנאה, האָבן זיך גע־צויגן צו די פאָנען פון בר־כוכבא און געשטעלט זיך מיט די יידן

אין איין שורה אין מלחמה קעגן רוים, וואָס אויך זיי האָבן זייער פיל פון איר געליטן. זיי האָבן געמיינט, אַז מחמת ירושלים איז געוואָרן טמא פון די היידן, האָט זי איצט איר הייליקייט פאַרלאָרן און אָנשטאָט איר וועט דער באַרג גריזים ווערן אָנערקענט אויך דורך יהודה פאַרן הייליקן אָרט, וואו ס׳דאַרף ווערן אויפגעבויט דאָס הויז פון גאָט, און אַזוי וועלן די שומרונים ווערן די מושלים אינם גאַנצן לאַנד. אויך פון די פרעמדע געצנדינערישע אומות האָבן זיך איינגעפונען באַלד אַ סך, וואָס האָבן זייער האַנט געגעבן דעם מנהיג פון די יידן, מחמת זיי האָבן אויך געוואָלט אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם שווערן יאָך פון רוים. צוויי בלויז קליינע טיילן יידן פון די ספרים-לייט זיינען געבליבן פעסטע קעגנער פון בר-כוכבא און פון זיין גערויסן פאַר דעם פאָלקס גאולה: די וואָס האָבן געהאַלטן, אַז משיח וועט נאָך קומען און מ׳מוזליידן און וואַרטן ביזן קץ הפלאות, און די וואָס האָבן געזאָגט, אַז ער איז שוין לאַנג געקומען און ס׳גליק וועט קומען, ווען מ׳וועט אים אָנערקענען. אי די אי יענע האָבן געהאַלטן פאַר אַ שלום מיט די רוימער.

אַז אַדריאַנוס האָט באַקומען די ערשטע ידיעות וועגן דער מרידה אין יהודה, האָט ער זיך גאָרנישט געקימערט, ווייל ער האָט פאַראַכט די יידן ווי באַזיגטע און זייערע אומזיניקע פּרובן, וואָס וועלן ווערן לייכט דערשטיקט. אָבער אַז ער האָט בעקומען אַלץ מערערע ידיעות וועגן די רוימישע מפּלות און וועגן דער צעפלאַקערטער שרפה אויך אין די איבעריקע לענדער פון מערב-אַזיע, האָט ער זיך זייער שטאַרק דערשראָקן פאַרן סוף פון דער מלחמה און האָט גענומען האַסטיק שיקן צו טו-נוס-רופוס אַלץ מער און שטאַרקערע לעגיאָנען, אָבער זיי האָבן אויך קיין שום הצלחה ניט געהאַט. צוויי יאָר איז אַוועק זינט ס׳איז געגרינדעט געוואָרן די נייע מלוכה פון ישראל, און דעם קיסר׳ס אַלע קאָמאַנדירן האָבן זיך אומגעקערט צוריק קיין רוים מיט שאַנד. צום סוף איז אַדריאַנוס געצוואונגען געווען צו שיקן קיין יהודה זיין גרעסטן און בעסטן

קריגסהויפטמאַן, סעקסטוס יוליוס סעווערוס, וואָס האָט געהאַט גע־פירט אַ מלחמה אין בריטאַניע צו דערשטיקן דאָרטן אַ מרידה.

ווי נאָר רבי עקיבא האָט דערהערט וועגן דעם גאַנג פון רוים׳ס גרעסטן מלחמה־מאַן אויף דער מלוכה פון יהודה, איז ער ווידער אַוועק אין די לענדער פון קליין־אַזיע, קיין בבל און קיין פּאַרטיע, כדי מעורר צו זיין די דאָרטיקע יידן, זיי זאָלן אַלע כוחות אָנשטרענגען און שיקן צו בר־כוכבא׳ן פאַרשטאַרקונגען מיט מענטשן, מכשירים פון מלחמה און מיטלען פון דערנערונג, אויך צו בעטן פאַר בר־כוכבא׳ן הילף פון די פּאַרטער, וואָס האָבן דורות לאַנג געפירט אומאויפהערליכע מלחמות מיט די רוימער. ער האָט אומעטום געהאַט הצלחה, אָבער זי איז שוין ניט געווען אַזוי גרויס, ווי ער האָט פריער עס דערוואַרט. דען בבל און קליין־אַזיע זיינען געווען אָפּגעגאַנגען מיט בלוט פון דער פאָרי־קער מרידה אין די צייטן פון טריינוס און פּאַרטיע איז געווען איינגעמאַטערט פון די פאָריקע מלחמות.

אַז סעווערוס איז געקומען מיט אַן אומגעהייערן חייל קיין יהודה, האָט ער דערזעען, אַז די יידן האָבן זיך באַפעסטיקט אין מעכטיקע נאַטור־פעסטונגען אויף פעלזן־בערג און צווישן פעלזן־שפּאַלטן און אין פעסטונגען, געבויטע פון מענטשנס הענט, מיט גוואַלדיק גרויסע שטאַרקע מויערן און וואַלן; ער האָט זיך אויך דערוואוסט, אַז בר־כוכבא׳ס חייל איז אומגעהייער גרויס און שטאַרק, פאַרביטערט און אָנגעגורט מיט גבורה פון פלאַמענדי־קער קנאה פאַרן פאָלק און לאַנד, וואָס איז ווי דער אָפּגרונד טיף און שטאַרקער פונם טויט. בכן האָט ער באַשלאָסן ניט צו פּרובן קיין שלאַכט אויפן פרייען פעלד קעגן דעם אומפאַרגלייכ־ליכן בר־כוכבא׳ן, נאָר צו פאַרציען די מלחמה, צו פאַרמאַטערן און שוואַך מאַכן די יידן דורך קליינע אָפּטע אומאויפהערליכע אָנפאַלן און ברענגען צו אַ הונגער, וואָס זאָל צווינגען זיי צום אונטערגעבן זיך. ער האָט געזעען, אַז אַ פאָלק פון ערדאַרבע־טער, וואָס לעבט נאָר פון דער פּרוכט פון זייער ערד און פון די תבואות זייערע, האָט אַוועקגעוואָרפן זיין גראָבאַייזן און אַקעראייזן און גענומען זיך פאַר שווערד און שפּיז און פאַר־

זאַמלט זיך אין פעסטונגען אויף אַ קליינעם שטח ערד, האָט ער גוט פאַרשטאַנען, אַז די נויט אין ברויט און וואַסער וועט אונ־טערברעכן זייער מאַכט. דעריבער האָט ער קודם־כל אַרומגע־רינגלט דעם גאַנצן שטח ערד, וואו ס׳האָבן זיך געפונען די מחנות פון די יידן, און האָט אויף אַלע וועגן אַוועקגעשטעלט אַ שמירה ניט צו לאָזן זיי אַריינגיין און אַרויסגיין און האָט אָפּגע־שניטן זיי די מיגליכקייט צו באַקומען שפּייז־מיטלען.

ווייטער האָט סעווערוס צעשטערט דעם בונד פון רבי עקיבא און בר־כּוכבא מיט די מלוכות פון פּרת, חידקל און אי־ראַן, האָט געשלאָסן שלום מיט די פּאַרטער און די פעלקער פון ארם־נהרים, וואָס האָבן שוין געהאַט אָנגעהויבן אַ נייע מלחמה קעגן רוים אין הסכּם מיט רבי עקיבאַ׳ן. נאָכדעם האָט ער אי־בערגעגעבן דעם רוימישן געוועזענעם פּראָקוראַטאָר פון יהודה, טורנוס־רופוס׳ן, אַ שליחות אַריינצוגיין אין אַ געהיימען אָפּמאַך מיט די מנהיגים פון די שומרונים, געבן זיי הנחות, זיי אָפּציען דערמיט פון זייער פריינדשאַפט מיט בר־כּוכבאַ׳ן און דורך זיי פאַרשפּרייטן נעצן פון מרגלים אין גליל און יהודה; אויך צוצו־ציען צו זיך די יידן, וואָס האָבן געזאָגט, אַז מ׳דאַרף אָפּגעבן גאָט דאָס זייניקע און דאָס זייניקע — דעם קיסר. און נאָך די אַלע הכנות האָט דער גרויסער שר־צבא פון רוים אָנגעהויבן די מלחמה. מיט אַ נייעם אויפגעזאַמלטן חייל פון פעניקיע, סוריאַ און אַרמעניע האָט ער פון צפון מיט אַ שטורים אַריינגעריסן זיך אין גליל און האָט איינע נאָך דער אַנדערער פאַרנומען די דריי גרויסע שטאַרקע פעסטונגען: כָּ ב וּ ל, ש י ח י ן און מ ג ד ל־צ ו ב ע י ם, וואָס זיינען געלעגן צווישן עַכּוֹ און כִּנֶרֶת. די מלחמה איז געווען אַ גרויסע און אַ שרעקליכע. גאַנץ גליל איז געוואָרן פול מיט בלוט, וואָס האָט אַריינגעשטראָמט אין נעבנטייך פון ירדן און אין קישון, וואָס פאַלט אַריין אין ים הגדול. אין די טייכן זיינען געוואָרן צוויי חלקים וואַסער און איינער בלוט — —

איצט איז פאַר די רוימער אָפן געוואָרן דער וועג אין מיטן לאַנד, זיי זיינען אַריין אין טאָל פון יזרעאל און האָבן דאָרטן חרוב געמאַכט נאָך אַנדערע דריי פעסטונגען: כּפר־דיכרא, כּפר־בּיש

און כְּפַר־שַׂחֲלִים, און פון דאָרטן זיינען זיי אַוועק און מיט אַ מחנה פון הונדערט טויזנט מאַן האָבן זיי באַלעגערט די ריזיקע און פעלזנפעסטע שטאָט טור־מלכא, וואָס איז געשטאַנען אויף איינעם פון די פעלזיקע הויכע בערג פון אפרים. די שטאָט טור־מלכא האָט געהאַט אַן אומגעהייערע באַפעלקערונג און אַלע ערב יום טוב פלעגט מען פאַר די אָרימעלייט פון שטאָט צעטיילן דריי הונדערט קערב מיט לאַבנס ברויט. מ׳האָט געזאָגט, אַז פון טור־מלכא האָט זיך עס אָנגעהויבן די מרידה און פאַרשפרייט זיך איבערן גאַנצן לאַנד. אין דער שטאָט איז געווען אַ מנהג, אַז בשעת מ׳פלעגט פירן דעם חתן מיט דער כּלה צו דער חופּה, פלעגט מען פאַרן עולם מיט גרויס פאַראַד טראָגן אַ האָן מיט א הון. איינמאָל איז בעת אַ חתונה דורכגעגאַנגען אַ מחנה רוימער און זיי האָבן אַוועקגעגזלט דעם האָן מיט דער הון און באַליידיקט די איינוואוינער פון אָרט. איז אויסגעבראָכן אַ קריג, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אינם אָנהייב פון דער מרידה.—איצט האָבן זיך די רוימער אַרויפגעוואָרפן אויף דער שטאָט, מיט אַ באַזונדער ווילדקייט און אַכזריות. דער קאָמענדאַנט פון שטאָט דער גבור בר־דרומא, האָט איר פאַרטיידיקט מיט איבערמענטשליכער גבורה, און אַז ער האָט דערזעען, ווי זיין העלדישער חייל גייט אָפּ מיט בלוט, האָט ער זיך געווענדט צו גאָט מיט ווערטער פון טיפסטן שוידערליכן יאוש: „אויב דו העלפסט אונז ניט, טאָ העלף כאָטש אויך ניט אונזערע ערגסטע שונאים!״ דער סוף איז געווען אַ מאוימדיקער: די רוימער האָבן איבערגעגעבן צום שווערד גאָר די איינוואוינער פון שטאָט און האָבן געקוילעט און געשניטן דריי טעג און דריי נעכט און מחמת די שטאָט איז געווען זייער גרויס, איז בעת אין איין טייל שטאָט האָט זיך געהערט אַ קרעכץ פון גוססים און אַ געשריי פון פאַרוואונדעטע און פאַרפייניקטע, האָט זיך אין אַ צווייטן טייל שטאָט געהערט אַ שטים פון שמחה פון חתנים און אַ געזאַנג פון לייט, וואָס טרינקען ווייז — — —

באַלד איז געקומען דער גורל אויך פון ירושלים, וואו ס׳איז פאָרגעקומען אַ גרויסער געשלעג. די רוימער האָבן זי ווידער אָפּגענומען ביי די יידן, האָבן ווידער געמאַכט פון איר אַ תּל, אויף

וויפיל זי האָט באַוויזן אָפּצוטרייסלען פון זיך דעם שטויב פון חורבן און אויפצוהייבן זיך פון אירע חורבות. די אויפגעבויטע טיילן פון בית המקדש זיינען ווידער צעשטערט געוואָרן דורכן שונא. די מחנות פון יהודה זיינען געצוואונגען געווען אָפּצוטרעטן צו דרום פון דער שוואַך באַפעסטיקטער ירושלים, און אַלע, וואָס זיינען נאָך אין שטאָט פאַרבליבן, זיינען געוואָרן אויסגעשניטן אָדער גענומען אין געפאַנגענשאַפט.

כמעט אַלע פעסטע שטעט און אַלע פעסטונגען זיינען איינע נאָך דער אַנדערער אַריינגעפאַלן אינם שונא׳ס האַנט און פאַרן הייל פון בר־כוכבא איז שוין ניט געווען מער קיין אָרט אויפן פאַרבליבענעם קליינעם שטח ערד, און זיי האָבן אַלע זיך פאַרזאַמלט אין דער אומגעוויינליך גרויסער פעסטונג־שטאָט בֵּיתָּר, צו דרום־מערב פון ירושלים.

* *

*

אומגעהייער גרויס איז געווען בֵּיתָר, וואָס איז געשטאַנען אויף די ברעגעס פונם טייך יורדת הצלמון, און איז פול געווען מיט מענטשן, וואָס ס׳איז ניט געווען צו זיי קיין צאָל. פון אַלע עקן און קאַנטן פונם לאַנד, פון גאַנץ גליל און יהודה, זיינען אַהער אָנגעקומען אלפים ורבבות אַנטרונענע פון שונא׳ס שווערד אין משך פון לאַנגע יאָרן. פיר הונדערט בָּתֵּי כְּנֵסִיּוֹת זיינען דאָ געווען; אין איטליכן בית־הכנסת זיינען געווען פיר הונדערט קינדער־לערער, וואָס איטליכער פון זיי האָט געהאַט צו פיר הונדערט תלמידים. און זיי פלעגן זאָגן: „אויב ס׳וועלן אָנפאַלן די שונאים, וועלן מיר זיי מיט אונזערע שרייב־שטעקנס דערשטעכן".

און אין שטאַרק באַפעסטיקטן כְּרַךְ בֵּיתָר, דער קרוין פון עמק השרון, האָט זיך פאַרשפאַרט בר־כוכבא מיט זיינע גרויסע מחנות חייל און האָט די שטאָט נאָך מער באַפעסטיקט. זי איז געוואָרן אַ צווייטע ירושלים, וואָס פון איר זיין אָדער ניט זיין איז אָפּגעהאַנגען דער גורל פון דער גאַנצער אומה אויף אַלע דורות.

זי איז געוואָרן דער מלחמה־פּלאַץ, וואו דאָס פאָלק האָט אָנגע־שטרענגט די לעצטע כוחות זיינע צו ראַטעווען זיין פאָטערלאַנד, זיין היילים, זיין פרייהייט. דאָ האָט זיך אָפּגעשפּילט די שוידער־ליכסטע און דערהייבנסטע טראַגעדיע פונם פאַרפייניקטן פאַר־שקלאַפטן פאָלק, וואָס האָט — כאָטש קליין אין צאָל און אָרים — געוואַגט צו שטעלן זיך קעגן דעם גוואַלדיק גרויסן, רייכן, מעכ־טיקן און אויסגעפּרובטן חייל פון דער שטאָלצער רוים, וואָס האָט אַ וועלט מיט בלוט פאַרגאָסן, איר אײַנגעשמידט אין שקלאַפן־קייטן, אַרויפגעלייגט אויף איר אַ יאָך פון אײַזן און מיט דער אייגענער צעפוילטקייט פאַרסמט איר קערפּער און נשמה, — אַ טראַגעדיע, וואָס האָט אויף דער ערד צו זיך קיין גלייכן קיינמאָל ניט געהאַט — —

מער ווי אָנדערטהאַלבן יאָר האָט עס געדויערט, ביז יוליוס סעווערוס האָט געקענט צוקומען צו ביתר. איבער די חורבות פונם גאַנצן לאַנד, איבער בערג מענטשן־ביינער און איבער טייכן בלוט איז ער צו איר געקומען און איר באַלעגערט. פונקט ווי אַלע פעסטונ־גען אין ארץ ישראל, האָט סעווערוס געוועלט אויך ביתר אָפריער אויסמאַטערן מיט הונגער און ערשט נאָכדעם אָנפאַלן אויף איר מיט דער גאַנצער רציחה פון מלחמה־שטורים. ער האָט אָפּגע־שניטן אַלע וועגן, וואָס דורך זיי האָט מען געקענט צופירן שפּייז קיין ביתר, און האָט זיך ניט דערוועגט אָנצוהייבן אַן אָפענעם געשלעג. בר־כוכבא האָט אָבער געהאַט צוגעגרייט געהיימע וועגן אונטער דער ערד, וואָס דורך זיי האָט מען אַן אויפהער אַריינגע־פירט פון דרום און פון מזרח שפּייז פאַר דער אומגעהייערער באַ־פעלקערונג פון דער באַלעגערטער שטאָט, און זיינע מחנות פלעגן כסדר אַרויס פון שטאָט, אָנפאַלן אויף די רוימישע קאָהאָרטעס און אפילו אויף גאַנצע לעגיאָנען, דערמיט אַרויספאָדערן זיי אויף אָפענע געשלעגן און אָנמאַכן פאַרוויסטונגען אין זייערע ריי־ען. אַזוי האָט עס זיך געצויגן קרוב צו אַ יאָר און ס'איז ניט געווען צו זעען קיין סוף.

די אַלטע אײַנוואוינער פון ביתר האָבן צווישן זיך געלעבט אין שלום און אין ליבשאַפט, זייגען זייער דרייסט געווען, האָבן ניט געהאַט קיין מורא פאַר מלחמה און האָבן איינער דעם אַנ־

דערן געהאָלפן, און דעריבער זיינען זיי אַרויס גאַנץ אפילו אין דער צייט, ווען טיטוס האָט צעשטערט אַלע פעסטונגען פון יהודה. אויך איצט זיינען זיי אַלע מיט איין האַרץ געווען צו פירן אַ פאַרביטערטן גערעאַנגל קעגן די רוימער און ביזן סוף צו שטיין פאַר זייער פעסטונג-שטאָט, דעם שארית הפליטה, וואָס איז זיי פון זייער לאַנד פאַרבליבן. זיי האָבן אַלע ליב געהאַט בלב ונפש דעם פאַרהייליקטן בר-כוכבא און זיינען אים געטריי געוועזן אָן אַ גבול. ער איז געוועזן זייער האָפענונג און שטאָלץ, דער מלך המשיח, און זיינען אָן שום שאלות יעדע רגע גרייט געווען צו גיין פאַר אים אין פייער אויפן טויט. אויך שמעון האָט צו די איינוואוינער פון ביתר געפילט דאָס זעלביקע, וואָס זיי צו אים, ער האָט אין זיי געגלויבט און האָט אין אַלץ געטרויט זיי. פונם ערשטן טאָג אָן, זינט ער איז פון רבי עקיבא'ן און פונם פאָלק דערקענט געוואָרן פאַרן מלך המשיח, איז זיין רעגירונג געפירט געווען מיט שטילקייט און מיט ליבשאַפט און גערעכטיקייט. דער גרעסטער גבור אין מלחמה און שטורימדיקסטער לייב איז אין זיין פאָלק געווען דער שטילסטער צניעותדיקסטער לאַם. ער האָט קיינמאָל ניט גערודפט און קיינמאָל קיין שום בייז געטאָן אפילו זיינע גרעסטע שונאים. ער איז געווען דער גרעסטער סבלן צו יענעמס גלויבן און צו יענעמס מיינונג. ער האָט פון קיינעם קיינמאָל ניט געפאָדערט אָנערקענונג. פונקט ווי די אמת פרומע פרושים און די באַליבטע חסידים זיינע, די אסיים, אַזוי האָבן אויך די מינים, נוצרים און די גנאָסטיקער אונטער זיינע פליגלען שוץ באַקומען. תכלית שנאה האָט ער פיינט געהאַט בלויז די בוגדים, וואָס האָבן זייער פאָלק פאַרקויפט צו זיינע גרעסטע שונאים, צו די רוימער. זיי האָט ער שוינען ניט געקענט און האָט זיי ניט געשוינט. אַ גאַנצע לאַנד, דאָס הייליקסטע פון אַלע לענדער, דאָס פאָטערלאַנד ווערט חרוב; אַ פאָלק, דאָס שטילסטע צניעותדיקסטע פאָלק פון אַרבעט הן אין פעלד און הן אין שטאָט, דאָס פאַרפייניקטסטע און ליידנדיקסטע פון אַלע פעלקער, דאָס אייגן פאָלק גייט אָפּ מיט בלוט, וואָס שטראָמט דורך טייכן שוין אין גרויסן ים אַריין, — און דאָ שטייען בוגדים, קאַלטע רוצחים, און העלפן-מיט דעם

חורבן פונם לאַנד און דעם אונטערגאַנג פון פאָלק! דאָ האָט בר־כוכבא ניט געקענט פאַרבלייבן רואיק און האָט שטרענג באַשטראָפט די תליינים פונם פאָלק. פאַרפינסטערט און פאַרטרויערט איז אומגעגאַנגען שמעון בן־נריה אין געצעלט: אַ פאָלק פון לויטערע גבורים, וואָס גייט מיט שמחה פאַר זיין פרייהייט אויפן טויט און וואַרפט אַ בייזע מורא אָן אויפן שטאַרקסטן שונא, און בלייבט דאָך פאָרט באַזיגט! די גרעסטע פעסטונגען, אַפילו די מעכטיקסטע כבול און טור־מלכא, וואָס קיינער האָט ניט געגלויבט, אַז ס׳זאָל ווען קענען קומען אין זייערע טויערן אַ פיינד און אַ באַלעגערער, וואָס אַפילו די רוימער האָבן זיי ניט געקענט נעמען ניט מיט גבורה און ניט מיט חכמה פון מלחמה,—זיינען אַלעמאָל אויף איין אופן פלוצלינג, אומגעריכט געפאַלן! איצט האַלט עס שוין ביי דער לעצטער פעסטונג ביתּר, וואָס שטייגט אַריבער מיט איר איבערמענטשלי־כער גבורה און מסירת־נפש אַלע מיגליכסטע דערוואַרטונגען. אָבער דאָ איז אויך דאָס זעלביקע: די רוימער ליידן מפּלות נאָך מפּלות,—און דאָך טרעטן זיי ניט אָפּ; דאָס פאָלק פון ביתּר שלאָגט זיך ווי די לייבן צוגלייך מיט בר־כוכבא׳ס אויסגעפּרובטע העלדישע חיילות, האַלט אָפּ די גלענצנדיקסטע נצחונות,—און קען דעם שונא דאָך פון אָרט ניט רירן! פון דרויסן איז דאָך ביתּר׳ס פעסטונג גלייך שטאַרק פון אַלע זייטן, און דאָך דערוויסן זיך די רוימער אַלץ מער די שוואַכערע אינווייניקסטע ערטער און פאַלן אָן אויף זיי מיט נייעם שטורים, וואָס אים אָפּצושלאָגן קאָסט די יידן זייער טייער. די לעצטע צייט האָבן די רוימער אָנגעהויבן שוין אַנטפּלעקן ניט ווייניק געהיימע וועגן און אָפּשניידן דעם צופיר פון שפּייז און נייטיקע מכשירים פאַר דער שטאָט... ס׳איז דאָך קלאָר, אַז דאָ קומט פאָר אַ כסדרדיקע בייזע בגידה פון אינעווייניקסטע געניטע לייט, פאַרקויפטע צו די רוימער?

אויפגעציטערט איז געוואָרן שמעון ביים דאָזיקן געדאַנק.

קיין היידן זיינען דאָך אין ביתּר גאָר ניטאָ—טראַכט בר־כוכבא ווייטער—און די שומרונים שלאָגן זיך אין די ערשטע רייען צוגלייך מיט יידן. זיי זיינען, אמת, צאָרנדיק געוואָרן בשעת זיי האָבן דערזעען די באַנייאונג פון ירושלים און די התחלה פונם

בנין בית=המקדש אויף מוריה אָנשטאָט גריזים און אַ סך פון זייע=
רע מנהיגים מיט זייערע מחנות חייל האָבן זיך צוריקגעצויגן פונם
בונד מיט יהודה, אָבער אייניקע פון זיי האָבן זיך באַלד צוריק=
געקערט און דעם בונד באַנייט. ווי פייערליך זיי האָבן אים צו=
געשוואָרן דעמאָלט, אַז זיי וועלן ביזן סוף זיך ראַנגלען, ביז דער
פולקומער גאולה פון אַלע שבטים פון ישראל. באַזונדערס האָט
זיך אויסגעצייכנט זייער מוטיקער און קלוגער נשיא פּפּוס. ווי
ביטערליך ער האָט געוויינט ביי דער טרויעריקער בשורה, אַז רו=
פוס דער טיראַן האָט פאַרברענט די אָנגעהויבענע בנינים פונם
בית המקדש און פאַראַקערט ציון ווי אַ פעלד. און וואָסערע גבורות
ס׳האָט אַרויסגעוויזן שומרונס חייל אונטער זיין הנהגה! ניט איין
מאָל האָט פּפּוס זיך אַליין אַריינגעריסן, פונקט ווי אַמאָל דוד׳ס
דריי גבורים, אין דער מחנה פונם שונא און געבראַכט פון דאָרטן
צייכנס פון נצחון,—צווישן זיי אַ רינג פון ריינסטן גאָלד אַפילו
מיט רופוסעס חתימה! ווי גוט, ווי ליב עס איז די אחדות צווישן
פעלקער! בפרט די אחדות צווישן די שבטים פון ישראל! זאָלן די
שומרונים זיין ניט גאָר קיין ריינער שבט ווי יהודה, דאָך פליסט
ישראל׳ס בלוט אין זיינע אָדערן; זאָל דער גלויבן זייערער ניט
גאָר ריין זיין ווי די אמונה פון יהודה,—דער עיקר אָבער איז
דאָך איינער. און דאָס האָט זיי געבראַכט אונטער איינע און די=
זעלביקע ראַנגלערישע פאָנעס. די שכנים אַלע האָבן ביסלעכווייז
אָפּגעוואָרפן זיך און צו די רוימער זיך אַליין פאַרשקלאַפט,—
שומרון און יהודה זיינען אָבער צום ערשטן מאָל אין אַ פעסטן
בונד פאַרבונדן און וועלן שוין ביזן סוף צוזאַמען בלייבן, ביז דער
פולער גאולה און אויך נאָכדעם!... אָבער אַ טייל שומרונים, און אַ
גרויסער, האָט זיך פאָרט דאָך אָפּגעריסן!...

די דאָזיקע רעיונות האָבן שמעונען צום סוף נאָך מער צע=
טומלט. ער זעט קלאָר אַ פעסטע שאַלקהאַפטיקע האַנט פון בגידה
פון דער פעסטונג כבול אָן און קען זי ניט דערשפּירן. זי איז
ווייזט אויס, גאַנץ טיף פאַרבאָרגן און געפינט זיך אפשר דווקא
גאָר ניט ווייט פון אים. אפשר איז דער בוגד גאָר איינער פון
זיינע נאָענטסטע לייט? ער דערמאָנט זיך, אַז פּפּוס האָט אים שוין

אַמאָל געזאָגט, אַז צווישן די מינים און די איבעריקע נייע כּתות זיינען דאָ אַ סך אומגעטרייע, וואָס מאַכן זיך אַרויס פון גיין זיך ראַנגלען קעגן שונא; ער האָט געהערט, אַז געוויסע יידן זיינען צופרידן מיטן חורבן בית המקדש און ווילן אויך דעם חורבן פונם פאָלק ישראל „פאַרן גליק פון אַלע מענטשן"... דאָס איז שרעקליך, דאָס איז שענדליכע בגידה, וואָס קען מיט קיין זאַך ניט פאַר־ענטפערט ווערן. אַ פאַרשפאַרט פאַרפייניקט פאָלק שטרענגט אָן די לעצטע כּוחות צו פאַרטיידיקן זיין פרייהייט, זיין לאַנד, זיין לעצטע פעסטונג, — און דאָ קומט עמיצער פון פאָלק, צום שונא אַ פאַרקויפטער, און גיט אַרויס דעם פיינד די סודות פון דער פאַרטיידיקונג, אַנטפּלעקט אים די געהיימע וועגן, וואָס דורך זיי פלעגט מען ביז אַהער דערלאַנגען שפּייז דער פאַרהונגערטער פאַר־שמאַכטער שטאָט, און ברענגט דערמיט איר מחלות און מגפות. אַזאַ פאַרברעכער פאַרדינט ניט קיין רחמנות ניט פון גאָט און ניט פון לייט. וואו איז ער אָבער, אָט דער בוגד? ווי דערגייט מען אים? אפשר זיינען זיי אַ סך, די בוגדים? זיי קענען דאָך ברענגען די ענדגילטיקע מפּלה און דעם חורבן פונם גאַנצן פאָלק!

טרויעריקע מחשבות קומען שמעונען אין קאָפּ, ספקות גאַ־ליק־ביטערע און גיפטיקע, אַ סם'ענדיקער יאוש... ער איז, דאַכט זיך, אַרומגערינגלט מיט אַ סך חכמים, פאַרבליבענע רעשטן פון רבי עקיבא'ס פיר און צוואַנציק טויזנט איידלסטע אומגעקומענע תּלמידים, און קיינער קען קיין עצה אים ניט געבן, ווי גאָט וואָלט זיי דעם שׂכל אומגעקערט אויף הינטער און פאַרנאַרישט זייער זין! פאַרוואָס קומט דער לערער ניט פון די נסיעות זיינע? ווי לאַנג וועט ער וואַנדערן איבער פרעמדע לענדער און וועקן דאָרט אומזיסט די שלאָפנדיקע מיט אַן אייביק־האַרטן שלאָף ניט צום דערוועקן? קאַלט, פאַרגליווערט זיינען דאָרט געוואָרן די הער־צער פון די ברידער, קיינער קומט שוין מער צו הילף ניט דעם פאָלק פון לייבן, וואָס ראַנגלט זיך פאַריאושט אויך פאַר זייער פרייהייט! וואָלט דער לערער דאָ געווען, וואָלט ער געוויס אַן עצה שוין געפונען קעגן אַלע אומגליקן, וואָס האָבן דאָס לאַנד געטראָפן פאַר דער צייט פון זיין ניט זיין דאָ! ער וואָלט אַ טרייסט

געפונען פאַר די ראַנגלער, פאַרן פאָלק, וואָלט אַ האָפענונג גע־בראכט, מוט און נייעם גלויבן אין די הערצער איינגעגעבן און וואָלט די אָפּהענטיק־געוואָרענע ווידער אויפגעמונטערט, ווידער אין גבורים זיי פאַרוואַנדלט! דען ער, שמעון, מוז ביי זיך זיין נביא האָבן, נייטיקט זיך אין נביא׳ס הילף, אין רבי עקיבא׳ס הילף, און אויך דאָס פאָלק דאָ, וואָס פאַרפילט אַלץ מער די שיטערווערנדי־קע רייען פון די ראַנגלער, מוז ביי זיך זיין נביא האָבן, ניי־טיקט זיך אין נביא׳ס הילף, אין רבי עקיבא׳ס הילף! דען שוואַך געוואָרן איז די אמונה פונם פאָלק און שוואַך זיין האָפענונג אויף נצחון... אָבער רבי עקיבא קומט ניט, גאָרנישט איז פון אים באַ־וואוסט, קיין שליח קומט שוין מער אַפילו ניט פון אים, קיינער־קיינער ברענגט פון אים קיין בשורה ניט! וואו איז ער איצט, דער טייערסטער, דער הייליקסטער, דער ליבסטער, וואָס האָט די שטערן־קרוין אויף זיין קאָפּ אַרויפגעלייגט? צי לעבט ער גאָר? אפשר האָבן אים די בוגדים ערגעץ אויפן וועג אויסגעלוגט און אומגעבראַכט? ס׳קען אַנדערש גאָר ניט זיין. ווי שווידערליך דאָס איז! דאָס פאָלק האָט זיין פאָטער דעם געטרייען אָנגעוואָרן, וואָס איז פאַר אים אַ פעלז געווען, זיין הייליקסטער, וואָס האָט אַ וואָרט געזאָגט און גאָט האָט נאָך זיין וואָרט געטאָן!

און פלוצלינג האָט בר־כוכבא אויסגעשריען, מיטן בליק גע־ווענדט צום הימל:

— מיר ראַנגלען זיך דאָך פאַר דיין אמת, גאָט, פאַר דיין גערעכטיקייט, פאַרן פאָלק דיינעם און פאַר דיין הייליקטום,— דאַרפסטו דאָך מיט אונז נאָר זיין און ניט מיט אונזערע דם־שונאים! פאַרוואָס זשע גייסטו ניט אַרויס, גאָט, צווישן אונזערע חיילות? פאַרוואָס, פאַרוואָס פאַרלאָזטו אונז, דעם קליינעם רעשט ישראל׳ס? צי זיינען מיר דען זינדיקער פון אַלע אומות, אַז אונזער אומגליק, אונזער שאַנד זאָל גרעסער זיין פונם אומגליק, פון דער שאַנד פון אַלע פעלקער פון דער ערד? אויב די ווערטער פון בן־יאיר פון מצדה זיינען ריכטיק, אַז דו האָסט אויף הפקר אונז אויף אייביק פאַר די זינד אונזערע פאַרלאָזן, דאַן בעט איך בלויז איין זאַך ביי דיר, דו שעפער און אַלצקענער: הער אויס מיין

תפילה און טו דאָס צוליב די תינוקות של בית־רבן פון די פיר הונדערט בתי־כנסיות פון דיין לעצטער גרעסטער שטאָט, פון ביתר דער פאַרפייניקטער, וואָס זיינען גרייט אַרויסצוגיין פאַרבייטן די די רבו רבבות געפאַלענע גבורים פון ישראל אין דער אַנטשיידנ־סטער מלחמה קעגן רוים, די איבערגעגעבנסטע תלמידים פון דיין געטרייסטן קנעכט עקיבא, — טו דאָס צוליב זיי און העלף כאָטש ניט די רוימער! דאַן וועלן די ייִנגסטע קינדער אונזערע, די ער־ליכסטע און פון זינד די ריינסטע, אַרויס אין זייער פעסטן גלויבן אין דער גערעכטיקייט פון אונזער זאַך און מיט די שרייב־שטעקנס פאַרטרייבן די גוואַלדטוער פון אונזער ערד! אָ הער, גאָט, אויס מיין תפילה!

אַז בר־כוכבא האָט געענדיקט די ווערטער פון זיין תפילה, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז זיין פעטער, דער ברודער פון זיין מו־טער, אלעזר המודעי, זיצט אין זאַק אין תענית, וועלגערט זיך אין אַש און איז תמיד אין גאָטס הויז אין ביתר מתפלל פאַרן שלום און פאַרן גליק פון פאָלק ישראל, פאַר דער זיכערקייט און גאַנצקייט פון דער שטאָט און פאַר דער אויפריכטונג פון ירושלים. ער איז אַ הייליקער, אַ אַסי, דער דאָזיקער אלעזר, ליבט זיין פאָלק און ליבט זיין לאַנד, איז אָבער אַ קעגנער פון מלחמה קעגן רוים; ער האַלט, אַז מיט חייל און מיט כוח קען מען ניט באַזיגן רוים, אַז נאָר בדרך נס מן השמים וועט קומען די גאולה פונם פאָלק און אַליין טאָרן די מענטשן גאָרניש טאָן. ער איז אַלע טאָג מתפלל מיט אָט די ווערטער:

— האַר פון אַלע וועלטן! זיץ ניט היינט אין דין און משפט ניט דיין פאָלק! מיש זיך דאָ אַריין און ברענג אים אַ ישועה, ווי דו אַליין פאַרשטייסט, דאָך מיט חסד נאָר און ניט מיט דין! באַלייכט דעם שכל פון די עלטסטע און די ראשים פון דיין פאָלק, זיי זאָלן קענען פירן אים אין גוטן וועג און אַרויספירן צום גליק!

יאָ, ער איז אַ הייליקער, אלעזר, — האָט ווייטער געשפונען זיין געדאַנק בר־כוכבא, — און זיין תפילה שטאַרקט די קריגער, גיט זיי האָפענונג און מאַכט זיי מוטיק אַרויסצוגיין פון פעסטונג און אָנצופאַלן מיט גבורה אויפן שונא דעם באַלעגערער. גליקליך

איז די שטאָט מיטן חסיד אירן, וואָס פאַרבייט א צט רבי עקיבאַ'ן. דאָס איז אויך מן השמים און דאָס איז אַן ערבות פון נצחון!

ס'האָט אויפגעלעבט בר=כּוכבא'ס גייסט ביים לעצטן רעיון, וואָס האָט אויפגעבליצט ביי אים אין מוח, ווי אַ ליכטיקער פונק האָפענונג, אַז ניט אַלץ איז נאָך פאַרלאָרן, אַז ניט פאַרלאָזן האָט דער פאָטער וואָס אין הימל זיין זון דעם בכור ישראל, אַז ביז דער לעצטע רגע טאָר מען ניט אַריינפאַלן אין יאוש. אַ נייער מוט האָט אָפּגעפרישט זיין האַרץ, ס'האָט צוריק זיך אומגע= קערט צו אים דער פריערדיקער כּוח און ער איז געוואָרן ווידער פעאיק אויף די גרעסטע גבורות. דאַן איז שמעון פון גע= צעלט אַרויס מיט לויכטנדיקע אויגן און האָט צום חייל זיך גע= ווענדט מיט טרייסטנדיקע רייד:

— ברידער, קינדער פון מיין פאָלק! אַ געטליכער געדאַנק האָט מיין נשמה מיר באַלויכטן, אַז גאָט איז דאָך מיט אונז נאָך, אַז ער האָט אַ הייליקן געשיקט אונז, וואָס האָט אין זיך דעם כּוח פון בן=עמרם'ס הענט, די אויפגעהויבענע צום הימל מיט אַ תּפילה פאַר דער גאולה פון זיין פאָלק פון עמלקס הענט! זאָלן אונז ניט שרעקן מער קיין הונגער און מגפות, זאָלן אונזער מוט ניט ברעכן די פושעים און די בוגדים! דאָס זיינען עס די לעצטעליידן פונם קץ הפלאות! רוים מוז פאַלן, געציילט זיינען די טעג פון איר ממשלה און נאָענט איז דער טאָג פון גאָטס מלוכה פון אייביקער גערעכטיקייט אויף דער גאָרער וועלט! פאַר גאָט, זיין אמת און זיין פאָלק!

— און פאַרן מלך המשיח! — איז געוועןדער ענטפער פון דעם גאַנצן חייל יונגע קינדער, די ערליכסטע און פון זינד די ריינסטע, וואָס האָבן די שולן זייערע פאַרלאָזן און זיינען שטעלן זיך געקומען אין די ערשטע שורות פון די קריגער, צו פאַרבייטן די געפאַלענע תּלמידים פונם גרויסן לערער.

— און פאַרן מלך המשיח! — האָט זיך גלייך דערהערט אויך פון די עלטערע חיילות.

און ווי צעבייזטע לייבינס וואַרפן זיך אויף די יעגער, וואָס רויבן זייער קליינוואַרג, האָבן די חיילות פון בר=כּוכבא מיט

צאָרנדיקסטן שטורים זיך אַרויפגעוואָרפן אויסער פעסטונג אויפן לאַגער פון די רוימער, בליצשנעל אונטערגעצונדן די באַלעגערונגס־בנינים, געשלאָגן די פאַרקנעכטער רוק און לענד און אָנגעמאַכט אין די לעגיאָנען אַ מהומה. דער שטרענגער סדר פון דער רוימישער אַרמיי איז ביז גאָר צעשטערט געוואָרן און די געהאָרזאַמקייט—געפאַלן— — —

אַ ביטערע פאַר׳יאוש׳טקייט האָט ארומגענומען רוימס גאַנצן חייל, פונם לעצטן זעלנער ביזן שר־הצבא, און יוליוס סעווערוס האָט שוין געהאַט באַשלאָסן אָפּצוטרעטן— — —

אין אָט דער רגע איז אים צו הילף געקומען—פּ פּ ו ס דער שומרוני!

* *

*

אַ מענטש אַ שפּל׳ער איז געווען פּפּוס, אָבער, ווי אַ שלאַנג, מוראדיק געשייט. ער האָט אַלע מענטשן תכלית שנאה פיינט געהאַט, אַלע פעלקער, אויך דעם אייגן פאָלק פון שכם און שומרון. ער האָט געפילט אַ ווילדן תענוג אין טאָן שלעכטס. יענעמס ליידן זיינען געווען ווי אַ באַלזאַם צו זיין הארץ. האָלט געהאַט האָט ער— בלויז זיך. זיין אייגענער נפש איז געווען זיין גאָט, צו וועמען ער האָט געדינט, ווי אַ פאַרקאָכטער געצנדינער; איז גרייט געווען צו אָט דעם גאָט צו ברענגען און האָט צו אים געבראַכט די בלוטיקסטע קרבנות—יחידים־מענטשן און אויך גאַנצע פעלקער.

און געזוכט האָט ער—כבוד און עשירות. כדי אָט די צוויי צילן צו דערגרייכן, זיינען געווען כשר אַלע מיטלען. דער בעסטער מיטל איז געווען—פאַרפלאָנטערן צוויי צדדים און מער אין אַ נעץ פון שקרים און נבלות, וואו אַלע צדדים זאָלן אומקומען, נאָר אים מאַכן קודם גרויס און רייך. און ווי דער שטן, האָט ער נאָכדעם אַלץ געלאַכט.

דער באַקוועמסטער צודעק פאַר אַלע מיטלען איז געווען ביי אים—די צביעות. ער האָט זיך אומעטום אַרויסגעשטעלט פאַר גוט און פרום און פאַר געטריי. און אומעטום און אַלעמאָל האָט׳ס

אים אָפּגעגאָלטן. און ער איז געוואָרן גרויס און רייך.

אין דעם פאָלק פון שומרון און איר סביבה האָט ער אַ סך יאָרן געהיים געזייט גיפטיק־בייזע שנאה צו יהודה און ער איז געוואָרן ראש פון די שומרונים. ער האָט זיך לאַנג פאַרקויפט שוין צו די רוימער און האָט געטאָן אַלץ און געמסרט אויף די יידן. אינם פּראָקוראַטאָרס הויז אין קיסריא של ים איז ער שטענדיק אַן אייגענער מענטש געווען, דער איינציקער, וואָס פלעגט אין אַלע צייטן פון טאָג און נאַכט צוגעלאָזן ווערן צום קיסר׳ס שטעלפאַרטרעטער אין שומרון און יהודה. זייער אָפט פלעגט פּפּוס פאַרברענגען ביחידות מיטן פּראָקוראַטאָר און זיי פלעגן ביידע שמועסן וועגן גורל פון יהודה און פון שומרון. און נאָך יעדן שמועס פלעגט די אייזערנע האַנט פון רוימישן טיראַן נאָך שווערער זיך אַראָפּלאָזן אויף דער געשטיקטער בת־יהודה און שומרון פלעגט באַקומען אַלץ מער הבטחות; נאָך יעדן שמועס פלעגן אויסוואַקסן אַלץ מער נייע תליות אויף גולגלתא און די קברים־תפיסות פלעגן פול ווערן מיט תפוסים.

פּפּוס האָט אָבער געטאָן זיין בייזע מערדערישע אַרבעט פאַרזיכטיק און שטרענג געהיים. פאַר די יידן האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר זייער גוטן פריינד און פאַר אַ שונא פונם פרעמדן יאָך, וואָס דריקט גלייך ביידע שבטים־קרובים, און זיי האָבן אים געגלויבט און ער האָט געהאַט אַ גוטן נאָמען אין יהודה.

אַז ס׳האָבן זיך פאַרמערט די בייזע גזירות פון אַדריאַנוס און האָבן אָנגערירט דעם פאַרמעגן און דעם גלויבן אויך פון די שומרונים, האָט זיך אָנגעצונדן אויך אין זייער האַרץ אַ צאָרן קעגן רוים און זיינען נאָך די גרויסע און באַוואונדערטע נצחונות פון בר־כוכבא צוגעשטאַנען צו יהודה ווי ברידער אין איין צרה און אין איין געראַנגל פאַר איין תכלית פון באַפרייאונג. דעמאָלט האָט זיך פּפּוס געשטעלט בראש פון אַן אַרמיי שומרונים צו הילף בר־כוכבאן. ער האָט אָבער געשלאָסן אַ געהיימען בונד מיטן קריגסהויפּמאַן פון רוים און מיטן קיסר׳ס פּראָקוראַטאָר צו העלפן זיי אין דער מלחמה און צו פאַרטיליקן די גבורים פון יהודה דורך געשייטע־קונציקע תחבולות און דורך פאַרנאַרן זיי אין נעץ. דורך דער הילף פון

זיין אַרמיי ביי די שטאַרקסטע ערטער פון די פעסטונגען פלעגט ער תּמיד אָפּציען די חיילות פון יהודה אויפן פרייען פעלד אָדער אין מסוכּנדיקע ערטער, וואו זיי פלעגן אָנווערן פיל כּוחות און דערווייל פלעגן די פעסטונגען באַצוואונגען ווערן. ער האָט גע־האָפט, אַז ער וועט דערנאָך נאָכן רוימישן נצחון באַלוינט ווערן פון רוים און וועט נאָך ווערן הערשער פונם גאַנצן לאַנד, ווי אַמאָל הורדוס דער אדומי...

אַז די שומרונים זיינען צאָרנדיק געוואָרן אויף בר־כּוכבא פאַר זיין אויפלעבן ירושלים און דעם היילקטום אויפן באַרג מוריה און האָבן זיך צוריקגעצויגן פונם בונד מיטיהודה, האָט פּפּוס דווקא זיך אַרויסגעזאָגט ווי דער שטאַרקסטער אָנהענגער פון בונד: ער האָט געצילעוועט זיך ווייט — פון אינעווייניק דווקא אין רעכטן האַרצן פון יהודה!

אַ סך חכמים פון יהודה, יועצים און קריגסלייט האָבן סוף כּל סוף אָנגעהויבן צו באַמערקן דעם צביעותדיקן אויפפיר פון פּפּוס דעם שומרוני, און האָבן אויפגעהערט צו גלויבן אים און האָבן שמעונען געוואָרנט צו היטן זיך פונם שלייען שלאַנג. אָבער שמעון האָט עס ניט געקענט זיך פאָרשטעלן, מ׳זאָל זיך קענען שלאָגן קעגן רוים און אין דעם אייגענעם מאָמענט איר העלפן. אין לעצטן גליקליכן געראַנגל איז אים אָבער קלאָר געוואָרן אַלץ. אין דער צייט, ווען בר־כּוכבא׳ס חיילות זיינען נאָך זיין אומגעריכטן לעצטן רוף אַרויס פון שטאָט צו שטורימען די רוימער, איז פּפּוס מ׳יט די שומרונים זיינע מיט אַ צופאַל ניט געווען דערביי, — האָבן די יידן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון, וואָס האָט געקענט ווערן אַן ענד־גילטיקער און ברענגען זיי די לאַנג געווינטשטע גאולה. דען דער רוימישער קריגסהויפּטמאַן האָט זיך דעמאָלט איבערצייגט, אַז די יידן פאַרמעגן ניט־אויסגעשעפּטע גבורה און אויך מיטלען פון מלחמה, אַז זיי באַקומען אלץ מער און מער פאַרשטאַרקונגען, שפּייז־מיטלען און וואַסער דורך אַ געהיימען וועג אונטער דער ערד, וואָס ער האָט אים ניט געקענט אַנטדעקן, און האָט געוועלט שוין שליסן שלום מיט בר־כּוכבא. אָבער דאָ איז גלייך געקומען די בגידה פון

די שומרונים, וואָס האָבן אָנגעוויזן די צעקלאַפּטע רוימער אַ פאַר־באָרגענעם אַריינגאַנג אין דער שטאָט דורך אַ ווייטער הייל.

סעווערוס האָט באַלד פאַרנומען דעם אַריינגאַנג אין דער הייל, אָבער ער האָט זיך ניט דערוועגט אַריינצוגיין אַהין און דורך איר אָנצופאַלן אויף דער שטאָט. איז צו אים געקומען פפוס און האָט אים פעסט פאַרזיכערט, אַז ער וועט עפענען פאַר אים די טויערן פון שטאָט, אויב אים וועט געלינגען אויפצוּוועקן אין בר־כוכבא׳ס האַרץ אַ חשד פון בגידה אויף רבי אלעזר המודעי, דען ער איז מגין אויף דער שטאָט, און כל זמן ער לעבט, וועט דער רוימער איר ניט נעמען.

גאַנץ ביתר האָט שוין געוואוסט פון דער נבלהדיקסטער בגידה פון פפוסין און פון די חברים זיינע און די אויפרעגונג איז געווען אומגעהייער. דאָס פאָלק האָט זיך פאַרזאַמלט אין גאָטס הויז מתפלל זיין פאַר אַ ישועה פונם נייעם אומגליק. אין דער דאָזיקער צייט האָט פפוס אַ פאַרשטעלטער אַריינ־געגנבעט זיך אין שטאָט און איז אַריין אין מקום קדוש. רבי אלעזר איז געשטאַנען אין זיין זאַק און אין זיין טלית און אויפן קאָפּ מיט אַש אין תענית און האָט געבעטן גאָט פאַרן שלום פון דער שטאָט און פונם פאָלק. פפוס האָט זיך דורכגע־שלייכט דורכן עולם גלייך צו רבי אלעזר און האָט אים עפּעס שטיל איינגערוימט אין אויער. רבי אלעזר איז געווען פאַרטיפט אין תפילה און האָט גאָרנישט ניט געזען. אייניקע פון עולם האָבן באַלד דערקענט דעם בוגד און ס׳איז געוואָרן אַ טומל, אַז רבי אלעזר, וואָס איז געווען באַוואוסט פאַר אַ קעגנער פון מלחמה, שטייט אין פאַרבינדונג מיט די בוגדים, וואָס ווילן אי־בערגעבן די שטאָט דעם שונא. אַז מ׳האָט וועגן דעם איבערגע־געבן בר־כוכבא׳ן, וואָס איז דעמאָלט אויך געווען אין מקום קדוש, האָט ער געהייסן און מ׳האָט צוגעפירט צו אים דעם בוגד. אַז שמעון האָט ביי אים געפרעגט, וואָס ער האָט גע־זאָגט צו רבי אלעזר, האָט ער, ווי אַ געניטער און געוויינטער שפּיאָן, געדרייט מיט דער צונג אַזוי, אַז עס זאָל אַרויסרופן אַ חשד פון בגידה. ער האָט אַזוי געזאָגט:

— ווי איז מיר, אויב איך וועל זאָגן, און ווי, אויב איך וועל ניט זאָגן; אויב איך וועל זאָגן, וועט מיך דער קיסר טויטן, און אויב ניט — וועסטו מיך טויטן, — איז שוין בעסער, איך זאָל אליין זיך טויטן, בכדי עס זאָלן ניט אַנטפּלעקט ווערן די סודות פון דער מלוכה.

דעמאָלט האָט מען צוגעפּי"ט אויך רבי אלעזר'ן. דער צדיק תּמים האָט געענטפערט, אַז ער ווייס גאָרנישט פון וואָס צו זאָגן.

דערויף האָט פּפוס אַ שטויס געטאָן רבי אלעזר'ן און אויסגעשריען:

— וואָס הייסט דו ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן?!

רבי אלעזר המודעי איז געווען שרעקליך אָפּגעשוואַכט פון די סך תּעניתים און סיגופים, האָט דעם שטאַרקן שטויס ניט אויסגעהאַלטן, איז אומגעפאַלן און ניט געמערט מער אויפצושטיין.

אין דער רגע איז אַרויס אַ בת־קול פונם הימל און האָט געזאָגט:

— דו האָסט צעבראָכן אין דיין בלינדקייט דעם אָרים פון ישראל און בלינד געמאַכט זיין רעכטע אויג, דעריבער וועט פאַרטריקנט ווערן דיין אָרים און ס'וועט טונקל ווערן ס'רעכטע אויג דיינס!"

ס'איז געוואָרן אַ געוואַלדיקע מהומה. דאָס האָט אויסגענוצט דערווייל דער בוגד פּפוס און איז אַנטלאָפן.

ניט געוואָרן איז דער צדיק, דער פאָלקס־פאַרהייליקטער, וואָס דורך זיין זכות האָבן די רוימער ניט געקענט איינעמען די שטאָט. אַן אימה איז אָנגעפאַלן אויפן פאָלק, די ראַנגלער זיינען אָפּהענטיק געוואָרן, דער מוט זייערער איז געפאַלן און זייער גבורה איז פאַרשוואונדן.

בר־כּוכבא'ס שטערן האָט זיך באַלד פאַרלאָשן — — — —

די רוימער האָבן דרייסט פאַרנומען די געהיימע הייל און האָבן אָפּגעשניטן דעם צופיר פון לעבנס־מיטלען פאַר דער שטאָט. דער יאָר איז געווען זייער אַ הייסער און דער טייך פון ביתּר, יורדת הצלמון, וואָס פליסט אַרויס פון אונטערן באַרג צלמון אין די הרי אפרים, איז אויסגעטרינקט געוואָרן פון זיינע וואַסערן מחמת דער גרויסער היץ פון דער זון און דאָס ביסל וואַסער, וואָס איז נאָכדעם נאָך אין טייך פאַרבליבן, האָבן די רוימער אָפּגעפירט אין אַ זייטיקן קאַנאַל. ס׳האָבן זיך פאַרשטאַרקט דער הונגער און דער דאָרשט אין שטאָט און ס׳האָבן זיך פאַרמערט בייזע מחלות און מגפות. מענטשן זיינען געפאַלן ווי די פליגן און דער יאוש איז געוואָרן אַלץ גרעסער און אַלץ ביטערער. און דאָך האָבן די חיילות זיך געהאַלטן פעסט, האָבן זיך געראַנגלט ווי די לייבן און אַ סך מאָל אָפּגעשטויסן די אַטאַקעס און די שטורימס פון די רוימער, וואָס זיינען אַלץ צוריקגעקומען אין אַלץ גרעסערע צאָלן. סוף־כל־סוף האָבן די רוימער מיט זייערע אײַזערנע טאַראַנען אויפגעבראָכן די אומגעוויינליך פעסטע מויערן פון ביתּר, האָבן אָבער אַלץ נאָך ניט דערוועגט זיך אַריינצורייסן זיך אין שטאָט. נאָר איינמאָל אין אַ שבת, ווי דאָס האָט שוין ניט איין מאָל פּאַסירט, האָבן זיך די רוימער אַריינגעריסן אין שטאָט, ווייל זיי האָבן שוין לאַנג געוואוסט, אַז די יידן מיידן אויס אום שבת צו געברויכן כלי־זיין און צו פירן שלאַכטן. די יידן האָבן ניט געקענט אויסהאַלטן דעם אָנגריף, אָבער די רוימער האָבן זייער טייער פאַרן נצחון זייערן באַצאָלט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן אימהדיק־פאַרביטערטער געראַנגל אין ביתּר׳ס גאַסן, וואָס האָט געדויערט אַ סך טעג. יעדן פּונקט, אפילו איטליך הויז האָבן די רוימער שטורימען געמוזט, און ביי יעדער אַטאַקע זיינען אומגעקומען מאַסן רוימער צוגלייך מיט די פאַרצווייפלטע קנאים. ביתּר׳ס גאַסן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטראָמענדיקע טייכן בלוט, וואָס אין זיי זיינען געווען אויך געוואַלדיק גרויסע שטראָמען רוימיש בלוט. מ׳האָט דערציילט, אַז די רוימער האָבן געשטאָכן און געשאָכטן די לייט פון ביתּר אַזוי לאַנג, ביז דאָס בלוט האָט אַרויסגעפלאָסן פון די טירן, פון די רינעס און

די גריבער אויף די גאַסן און די פערד האָבן אין אים געזונקען ביז צו די נעזערי׳ דער שטראָם בלוט האָט געקייקלט פעלזנשטיי־נער—אַ משא פון פערציק סאָה, דען דער שטראָם בלוט איז מיט אַ שטורימדיקן כּוח געגאַנגען ביז אין גרויסן ים אַריין און האָט אין זיין שטורמישן געלויף אונטערגעשווענקט, מיטגעריסן און מיטגעשלעפּט גרויסע פעלזן. דריי הונדערט מוחותלעך פון קליינע קינדער זיינען צעשמעטערט געוואָרן אויף אַ שטיין אין ביתר. אַחוץ אלפים ורבבות אומגעקומענע פון הונגער און מגפות, זיינען אין דער מלחמה אַליין דערהרגעט געוואָרן פינף הונדערט אַכטציק טויזנט מאַן. מ׳האָט אויך דערציילט, אַז אַדריאַנוס־קיסר האָט געהאַט אַ וויינגאָרטן גרויס ווי פון טבריא ביז ציפּורי און מ׳האָט געמאַכט אַרום אים אַ צוים פון די הרוגי ביתר... און זיבן יאָר האָבן די אומות העולם געמיסטיקט זייערע וויינגערטענער מיט ישראלס בלוט— — —

די רוימער האָבן ביזן גרונד חרוב געמאַכט ביתר— — —

רוים האָט אָבער ניט געקענט באַרימען זיך מיט דעם נצחון. יוליוס סעווערוס האָט אָנגעוואָרן אין דער דאָזיקער מלחמה אַזויפיל מענטשן, אַז אַדריאַנוס האָט ניט געוואַגט צו ריידן וועגן דעם מצב פונם חייל און דער סענאַט האָט ניט באַוויליקט פאַרן קיסר קיין טריאומפאַלישע פּראָצעסיע, ווי מיט פינף און זעכציק יאָר צוריק פאַר טיטוסן— — —

ניט ביליק האָבן די לייט פון ביתר אָפּגעגעבן זייער פרייהייט, זייער לעבן. זיי זיינען ביזן סוף געשטאַנען און געשטריטן—שוין ניט אויף לעבן, נאָר אויף טויט. זיי האָבן אומגלויבליכסטע גבורות פאַר דער גאַנצער וועלט אַרויסגעוויזן, וואָס מאַכן בלאַס די גבורות פון אַלע אַנדערע גבורים פון אַלע צייטן.

און איבער אַלעמען איז געשטאַנען שמעון. ער האָט שוין אַלע האָפענונגען פאַרלאָרן, דאָך האָט נאָך אין זיין האַרץ אַ פונק האָפענונג געטליעט, אַז גאָט וועט סוף כל סוף דאָך זיך דערבאַרי־מען איבער זיין בלוטנדיקן פאָלק, איבערן פאָלק פון קליינע קינדער, וואָס זיינען נאָר פאַרבליבן און שטייען איצט מיט אים אין פייער

פון מלחמה. ער האָט נאָך ביז דער לעצטער רגע אַלץ געגלויבט, אַז רבי עקיבא לעבט נאָך און וועט נאָך קומען צו דער צייט — און אלץ וועט ווערן אַנדערש, וועט זיך ענדערן לטובה פונם אומגליקליכן און עלנטן יתומים־פאָלק! ער האָט געגלויבט, געהאָפט און האָט גבורות, וואונדער אויפגעטאָן; ער האָט נאָך עפּעס ראַטעווען געוואָלט; ער האָט נאָך אין גערעכטיקייט געגלויבט, ער האָט נאָך אויפן זכות געהאָפט פון די ריינסטע פון די מענטשליכע נשמות, פון די קליינע קינדער, פון די תינוקות של בית רבן, וואָס דאָס הארץ אַפילו פונם אל נקמות האָט געדאַרפט ווייך ווערן צו זיי! אָבער אַז ער האָט דערזעען דעם טרויעריקסטן סוף; אַז ער האָט דערזעען, אַז אויך דער לעצטער ניצוץ האָפענונג איז אינגאַנצן שוין פאַרלאָשן, אַז פאַרלאָשן און פאַרלאָרן איז זיין שטערן, אַז עס איז קיין טרייסטער און קיין טרייסט ניטאָ; אַז ער האָט דערזעען, ווי עס זיינען אומגעקומען די לעצטע קינדער פון דער הייליקסטער שטאָט ביתר׳ס שולן, ווי די רוימער האָבן אַרומגעוויקלט זיי אין ספרי־תורות און אָנגעצונדן זיי אין פייער, ווי די מוחות פון די לעצטע דריי הונדערט ביתר׳ס קינדער זיינען צעשמעטערט געוואָרן אויף אַ פעלז און ער האָט זיי העלפן ניט געקענט, — איז ער צו צום פעלזנשטיין, האָט זיך קוים אָנגעשפאַרט אָן אים, די הענט צום הימל אויפגעהויבן און אויסגעשריען מיט גרעסטן יאוש און פאַרביטערונג:

— דו האָסט דיין בויגן ווי אַ שונא אָנגעשטעלט און ווי אַ פיינד — דיין רעכטע האַנט! האָסט דערמאָרדעט אַלע ליבסטע פונם אויג אין געצעלט פון ציון אינם פייער פון דיין צאָרן־טאָג, געשאָכטן אָן רחמנות, פאַרטיליקט אַלץ, וואָס איך האָב געמאָסטן און געוואויגן, געצערטלט און דערצויגן! דאָן וויל איך איינס פון דיר, דו אל נקמות: זאָל קומען ז י י ע ר בייז פאַר דיר און טו צו ז י י, ווי דו האָסט צו מ י ר געטאָן, ווי דו האָסט געטאָן צו די קינדער מיינע, די טייערסטע, די איידלסטע און פון זינד די ריינסטע! טו צו ז י י פאַר זייערע שווערסטע זינד פון גיהנום און פאַרברעכנס, וואָס קיינמאָל־קיינמאָל ניט צו מוחל זיין!

נאָך די דאָזיקע שוידערליכסטע רייד האָט בר־כוכבא די

הענט אַראָפּגעלאָזן און שטיל אַרויסגעצירפּט די דאָזיקע לעצטע ווערטער זיינע:

— בעט פאַר מיר, מיין רבי, רחמים, בעט אויך פאַר דיין פאָלק, בן-יוסף, דען דו ביזט דאָך דער געטרייסטער זון צו גאָט! —

און האָט דערנאָך דערלאַנגט זיין קאָפּ אַ שלאָג צום שטיין און איז אומגעפאַלן — — —

דאָס איז געשעען דעם ניינטן טאָג אין פינף און זעכציקסטן אָב נאָכן חורבן פון זרובבלס בית המקדש —

איבער די שלאַכט-פּלעצער פון דער פאַרוויסטער ביתר האָט אומגעוואַנדלט אַ פינסטערע געשטאַלט און האָט געגישטערט צווישן די הרוגים. דאָס איז געווען דער מענטשן-טייוול פּפּוס השומרוני. ער האָט געזוכט דעם טויטן קערפּער פון בר-כוכבא. צום סוף האָט ער אים געפונען ליגנדיק ביים פעלזנשטיין. אַ גרויסע שלאַנג האָט געהאַט אַרומגענומען מיט זיין קערפּער דעם האַלז פון דעם יונגן לייב יהודה׳ס, פון דעם מלך שמעון בן נריה פון בית-דוד, דעם זון פון לעצטן גרויסן שטערן, וואָס האָט אויפגעשיינט אויף ישראל׳ס הימל. צופוסנס פון בר-כוכבא איז געלעגן אַ דערהרגעטער אויך דער אַלטער לייב, וואָס דער לעצטער מלך פון ישראל איז אויף אים געריטן אין משך פון די לעצטע יאָרן פון זיין וואונדערליכן לעבן.

פּפּוס האָט אַראָפּגענומען די שלאַנג אָפּגעשניטן שמעון׳ס קאָפּ, אַוועקגעטראָגן אים צום קריגסהויפּטמאַן פון קיסר און געזאָגט:

— זע, מיין האַר, דעם גרעסטן אויפטו פון דיין געטריי-ען קנעכט!

יוליוס סעווערוס איז פול געוואָרן גרימצאָרן אויפן פאַרדאַר-בענעם שומרוני און האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— דו ביזט אַ נידעריקע בריאה, פּפּוס, אַ מנוול און אַ רמאי! ווען גאָטס האַנט וואָלט ניט געטויט אים, וואָלט קיין שום מענטשנס האַנט ניט געקענט אים גובר זיין!

* *
*

די מעכטיקסטע שטאָט ביתּר, די גרעסטע אינם לאַנד, איז געווען פאַרברענט, איר וואונדער־העלדישע באַפעלקערונג פאַר־טיליקט און פאַרוואַנדלט אין מאוימדיקע היגלען ביינער; בר־כּוכבא׳ס ביינער זיינען אויך געלעגן צווישן זיי — אַ סמל פונם סוף פון אַלע האָפענונגען און חלומות. דערשלאָגנקייט און יאוש פון די מענטשן פונם פאָלק, וואָס זיינען נאָך אין לאַנד פאַרבליבן און ווייטער באַארבעט זייער ליבע ערד; אַכזריותדיקסטע קאַלטקייט צום חורבן פונם לאַנד און צום אונטערגאַנג פון פאָלק מצד געוויסע יידישע חבריות, וואָס האָבן זיך דערמיט געפרייט אפילו, דען זיי האָבן איינגעזעען דערין אַ „מופת פונם הימל״, אַז די יהדות דאַרף אונ־טערגיין און אַז אויף די חורבות פון ירושלים מוז געבויט ווערן — אַ נייע רוים, וואָס וועט איר פאַרבייטן און וועט די וועלט באַ־נייען און שוין אויף אַלעמאָל באַפרייען; אַן אויסגעשפרייטע נעץ פון בגידה און מסירה ניט נאָר מצד שומרונים, נאָר אפילו מצד ניט וויניק יידישע געלערנטע ספרים־לייט, וואָס האָבן דעם חורבן נאָך פאַרגרעסערט — — —

און דאָך — איז נאָך ניט שטיל דאָס לאַנד געוואָרן פון מלחמה — — —

רבי עקיבא האָט נאָך גרויסע צרות און עינויים פונם וועג זיך אומגעקערט פון זיינע לאַנגע וואַנדערונגען איבער די לענ־דער פון ארם־נהרים און איראַן, וואו אים איז ניט געלונגען אויפ־צוהייבן די פעלקער קעגן רוים און צו באַקומען פאַר בר־כּוכבא׳ן הילף. ער איז צו שפעט געקומען, ער האָט זיך אָבער אַלץ נאָך ניט מיאש געווען פון דער האָפענונג אויף דער גאולה. ער האָט אין האַרצן טיף געטרויערט אויפן גורל פונם איידלסטן בר־כּוכבא, וואָס זיין נשמה איז געווען צו דער נשמה פונם רבי׳ן צוגעבונדן און וואָס האָט אָן רבי׳ן לעבן ניט געקענט. רבי עקיבא האָט גע־גלויבט אָבער, אַז בר־כּוכבא לעבט נאָך ערגיץ, אז זיין נשמה איז געווען די נשמה פונם מלך המשיח, אַז געשטאָרבן איז אַן אַנדערער, אַ שוואַכערער, הגם געוויס אַן איידעלער, וואָרים נאָר

אַן איידעלער קען שטאַרבן פאַרן אמת... ער האָט געגלויבט, אַז ניט פאַרלאָשן איז דער שטערן פונם הימל יעקב׳ס — — —

און ער איז ווידער איבער דעם פאַרוויסטן לאַנד אַוועק די טרוקענע ביינער פונם פאָלק צונויפצוהויפן, איבער זיי אָדערן צו באַציען, אַ הויט אויף זיי אַ נייע אָנצוציען און אַ לעבעדיקן אָטעם אין זיי אַריינצוהויכן — — —

און עס האָבן ווידער ציען צו אים גענומען די שרידים היחידים פון זיין געוועזן־גרויסן שאַר תּלמידים און ווידער איז אַ גאַנצע מחנה אויפגעשטאַנען, אַ מחנה נייע מונטערע גבורים — — —

פון אַלע פעלזן־שפּאַלטן און פון די קלופטן פון די בערג זיינען מאַסן גבורים, דאָרט באַהאַלטענע, אַרויס, האָבן איבערן לאַנד פאַרשפּרייט זיך, זיינען טיילנווייז אויפן שונאַ׳ס מחנות אָנגע־פאַלן און אים ווידער ציטערן געמאַכט — — —

אין דער פעסטונג כְּפַר־חָרוּב, ניט ווייט פון טבריא דער שטאָט, האָבן זיך געפונען די צווי באַוואוסטע ברידער פּפּוס און לוליַנוּס, נאָך בר־כוכבאָ׳ן די וויכטיקסטע תּלמידים רבי עקיבא׳ס, וואָס זיינען ניצול שוין פיל מאָל געוואָרן פונם שווערד פון דעם רוצח קיטוס, דעם קנעכט פון טראַיאַנוס־קיסר, און פון רופוס דעם טיראַן, דעם תּליונישן שליח פון אַדריאַנוס־קיסר. — בשעת מ׳האָט איינמאָל זיי געפירט צום טויט, האָט דער פּראָקוראַטאָר אַזוי גע־זאָגט צו זיי מיט שפּאָט: „אויב איר זייט זין פון פאָלק פון חנניה, מישאל און עזריה, זאָל קומען אייער גאָט און מציל זיין אייך פון מיין האַנט, ווי ער האָט זיי געראַטעוועט פון נבוכדנצר׳ס האַנט״. האָבן די דאָזיקע גבורים פון ישראל אים אַזוי געענטפערט: „נבוכדנצר איז געווען אַן אָנשטענדיקער קיניג און ער איז ווערט געווען, ס׳זאָל דורך אים אַ נס געשעען; דו ביזט אָבער אַ הדיוט און ביזט ניט ווערט, עס זאָל דורך דיר אַ נס געשעען; מיר זיינען חייב מיתה צום באַשעפער, און אויב ניט דו וועסט אונז פאַר־לענדן, זיינען ביים אייבערשטן פאַראַן אַ סך שלוחים, וואָס קענען טרעפן און דערשלאָגן אונז, און גאָט האָט אונז איבערגעגעבן אין דיין האַנט דערפאַר נאָר, ווייל ער דאַרף פון דיר געצאָלט נעמען״.

קיטוסעס משרתים האָבן זיך געהאַלטן אין עסקן אַרום צו־

גרייטן די תליות, ווי ס׳איז געקומען אַ באַפעל פון רוים, אַז ס׳איז געוואָרן אַ נייער קיסר און קיטוס איז אויס פּראָקוראַטאָר פון יהו. ה.

אַזוי זיינען די ברידער פּפּוס און לוליַנוס געבליבן לעבן, און שפּעטער, ווען אַדריאַנוס האָט געבראָכן דעם שלום־אָפּמאַך מיט די יידן, האָבן זיי זיך ווידער געשטעלט בראש פון אויפשטאַנד אין צפון־ארץ־ישראל און זיינען געוועזן בר־כוכבא׳ס ערשטע און גרעסטע מיטהעלפער אין משך פון די ערשטע גליקליכסטע צוויי יאָר פון זיין רעגירן. אַז יוליוס סעווערוס האָט זיך אַריינגעריסן אין צפון־ארץ־ישראל, זיינען די צוויי ברידער אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט, אָבער סוף־כל־סוף איז זיי געלונגען צו אַנטלויפן. נאָכן חורבן ביתר זיינען די דאָזיקע צוויי וואונדערליכע גבורים ווידער געווען די ערשטע, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן אויף רבי עקיבא׳ס נייעם רוף און געשטעלט זיך ווי מנהיגים פון די גדודים, וואָס האָבן זיך איבערן לאַנד פאַרשפּרייט און געמאַכט פאַרוויסטונגען אין רוימס חיילות. זיי האָבן געמיינט, אַז ס׳וועט זיי אָפּגילטן ווידער אומצוקערן די הצלחה פון מלחמה צו יהודה׳ס פאָן און איינער פון זיי ביידן איז געוואָרן קיניג נאָך בר־כוכבאין, אָבער זיי האָבן ניט געקענט בייקומען די איבערמאַכט פון רוים און ביידע זיינען זיי געפאַלן פונם שווערד פון יוליוס סעווערוס. אין פאָלקס זכרון זיינען זיי פאַרבליבן — קדושים.

* * *

נאָך אָט דעם דורכפאַל פונם לעצטן פּרוב יהודה׳ס צו ראַטעווען די פרייהייט, האָט אַדריאַנוס אָנגעהויבן אַ נייע בלוטיקע נקמה. ער האָט ווידער באַשטימט פאַר פּראָקוראַטאָר איבער גליל, שומרון און יהודה דעם אַכזר רופוס, און דער דאָזיקער טיראַן, וואָס האָט געליטן מיאוסע מפּלות אויף די פעלדער פון די שלאַכטן אין גליל און יהודה, האָט איצט אַרויסגעוויזן די גרעסטע גבורות קעגן אומבאַוואָפנטע און שוואַכע. אין דריי ערטער האָט ער צוגעשטעלט חיילות אויפצופּאַסן, אַז די רעשטן ראַנגלער זאָלן ניט אַנטלויפן אין די אַרומיקע מדינות, און ווער עס פלעגט אַריינ־

פאַלן אין די הענט פון די רוימישע סאָלדאַטן, פלעגט ווערן אויף אַן אָרט געטויט.

אַ גאַנץ קליינער צאָל ראַנגלער איז געלונגען זיך צו ראַטע־ווען. זיי זיינען אַנטלאָפן קיין בבל און אַראַביע, וואוהין די רוי־מער זיינען דאַן נאָך ניט דערגאַנגען. דער גרעסטער טייל מענער זיינען אומגעבראַכט געוואָרן און טויזנטער געפאַנגענע, ווייבער און זקנים האָט מען געשלאָסן אין אייזערנע קייטן, און געבראַכט קיין חברון און קיין עזה אויף די מערק צו פאַרקויפן זיי פאַר דינסטן און פאַר קנעכט. און היות געפאַנגענע איז זייער פיל געווען, האָט מען זיי פאַרקויפט פאַר קליינגעלט. אַ טייל האָט מען אַוועקגעפירט קיין אלכסנדריא של מצרים, וואו זיי זיינען אויסגעשטאָרבן פון הונגער אָדער ביים אַריבערפאָרן דערטרונקען אינם ים געוואָרן.

אַ סך ראַנגלער האָבן זיך באַהאַלטן אין היילן און אין פעלזן־שפאַלטן אין די בערגיקע מקומות, דען אַדריאַנוס האָט באַשלאָסן אויסצוראָטן אַלע יידן, וואָס זיינען פעאיק נאָר געווען געווער צו טראָגן. די דאָזיקע אומגליקליכע זיינען אומגעקומען אין זייערע באַהעלטענישן פון הונגער און פון קראַנקהייטן און די לעבן־געבליבענע פלעגן זיך דערנערן מיטן פלייש פון זייערע דערהרגעטע ברידער, וואָס האָבן זיך ווי מיסט געוואַלגערט אויף די פעלדער. אָבער אויך אין די באַהעלטענישן האָבן זיי קיין שום מנוחה ניט געפונען. די שונאים האָבן געזוכט תחבולות, ווי זיי פון דאָרט אַרויסצונאַרן, און האָבן געלאָזט אויסרופן אין גאַנצן לאַנד, אַז ווער עס וועט זיך אַליין אונטערגעבן און אָפּגעבן די כלי־זיין, וועט דאָס לעבן אים געשאָנקען ווערן, און פאַרן צונויפקום־אָרט איז באַשטימט געוואָרן דער טאָל פון יזרעאל ביי בית־רמון, וואו די מרידה האָט זיך אָנגעהויבן. אַז ס'האָט זיך דאָרטן שוין געהאַט אויפגעקליבן אַ סך אַזוינע באַהאַלטענע, האָט רופוס דער טיראַן זיי שענדליך אָפּגענאַרט: ער האָט זיי אַרומגערינגלט מיט רוימישע לעגיאָנען, וואָס האָבן זיי אויסגעקוילעט פאַר אַדריאַנוס'ן אין די אויגן, וואָס איז אַהין צו יענער צייט געווען געקומען.

אַזוי זיינען אומגעקומען אַלע קריגער פון יהודה אָן אַן איבער־בלייבס כמעט. די שטעט און דערפער זיינען געוואָרן חרוב און

פאַרוואַנדלט אין בערג רואינען און דאָס גאַנצע לאַנד איז גע־וואָרן אַ וויסטער מדבר.

עס זיינען אָבער נאָך פאַרבליבן שטעט, וואָס האָבן זיך אין אויפשטאַנד ניט באַטייליקט אָדער האָבן זיך אין משך פון דער מלחמה אונטערגעגעבן אָן אַ לאַנגן ווידערשטאַנד, און דאָרטן האָט נאָך געלעבט אַ יידישע באַפעלקערונג. איז אַדריאַנוס געבליבן אומצופרידן. ער האָט דאָס גאַנצע פאָלק פאַרטיליקן געוואָלט, עס זאָל פון אים קיין רעשט נישט בלייבן, בכדי אויסצוואָרצלען מיטן שורש דעם מרידה־גייסט. ער האָט געזעען ווי די יידישע אומה טרינקט זיך אין איר אייגן בלוט, ווי ס׳ליגט איר גוף צעשמעטערט אונטער זיינע פיס, ווי אירע קינדער וועלגערן זיך דערהרגעטע ווי מיסט אויף די פעלדער פון זייער פאָטערלאַנד, — און ס׳איז נאָך ווייניק אים געווען; דער געלערנטער רוצח איז נאָך אַלץ ניט זאַט געוואָרן פון נקמה! זיין שנאה צו דער יידישער אומה איז געוועזן אַזוי גרויס, אַז ער האָט געשטרעבט אַפילו איר נאָמען אויסצומעקן פונם בוך פון די לעבעדיקע פעלקער. ער האָט אַרויס־געגעבן אַ סך אכזריותדיקע גזירות מיטן צוועק אויסצוואָרצלען די עצם לערע פון דער יהדות, צו פאַרלעשן דאָס ליכט ישראל׳ס און צו פאַרדאַרבן זיין נשמה— — —

נאָכן פאַראַקערן ירושלים ווי אַ פעלד, האָט אַדריאַנוס צפונדיק פון איר אויסגעבויט אַ נייע שטאָט און איר באַזעצט דורכאויס מיט היידן: אויסגעדינטע לעגיאָניסטן, פעניקיער, סיריער, גריכן. אַ נאָמען האָט ער איר געגעבן ווידער „עליאַ קאַפּיטאָלינאַ״, ווי פאַר דער מרידה נאָך, און האָט אונטער טויט־שטראָף פאַר־באָטן יידן אַפילו אַריינצוגיין אין שטאָט. אין משך פון צוויי דורות איז דער נאָמען ירושלים אַפילו פאַרגעסן געוואָרן: אַפילו דער פּראָקוראַטאָר פון ארץ ישראל האָט ניט געוואוסט, וואו געפינט זיך עס אַ שטאָט מיט אַזאַ נאָמען. אויך דאָס לאַנד האָט מען גע־נומען רופן ניט „יודעאַ״, נאָר „פּאַלעסטינאַ״ אויפן נאָמען פון די פּלשתים, וואָס זיינען דעמאָלט גאָר אויף דער וועלט שוין ניט גע־ווען. אויפן אָרט פון בית־המקדש איז אויסגעבויט געוואָרן אַ טעמפּל פאַרן קאַפּיטאָלינישן יופּיטער, דעם הויפּט־גאָט פון די

גריכן און די רוימער, מיט אַ סטאַטוע פון אַדריאַנוס. די גאַנצע שטאָט האָט אַדריאַנוס פול געמאַכט מיט געצנבילדער פון גריכנ-לאַנד און רוים, פעניקיע און מצרים. אויפן צפונדיקן טויער פון דער שטאָט, וואָס פירט קיין בית-אל, האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ בילד פון אַ חזיר, כּדי אויפצורעגן און דערצאָרענען די יידן. אויפן באַרג גריזים, וואָס איז הייליק ביי די שומרונים, האָט אַדריאַנוס אויסגעבויט אַ טעמפּל צו יופּיטער. דאָס זעלביקע איז אָפּגעטאָן געוואָרן אויך אין אַ סך אַנדערע באַזונדערס פאַרהייליק-טע שטעט און ערטער פון ארץ-ישראל.

איז דאָס אַלץ נאָך ווייניק פאַר אַדריאַנוס׳ן געווען, האָט ער אונטער טויטשטראָף פאַרווערט די יידן אָפּצוהיטן שבת און ימים-טובים און צו יידישן די קינדער זייערע; האָט באַגרעניצט חתונות, פון אונטער דער חופה אַרויסגעכאַפּט און פאַרשלעפּט די כּלות צו די מערדער די סאַטראַפּן און פאַרבאָטן בכלל אַלע מנהגים פונם גלויבן; דערצו אַרויפגעלייגט אויף די יידן אומדערטרעגליך גרוי-סע שטייערס, וואָס זיינען מיט דער גרעסטער אכזריות אויפגע-מאָנט געוואָרן. אָבער שטרענגער פון אַלץ איז געווען די גזירה פונם מלכות אויפן ענין לערנען תורה און צוגרייטן אַ נייעם דור מסירת-נפשדיקע לערער. אַדריאַנוס האָט זייער גוט פאַרשטאַ-נען, אַז כּל-זמן ס׳וועט זיין אַ יידישע דערציאונג פון דער יוגנט, וועט ניט ווערן אויסגעפירט זיין גרינדליכער און ברייטער פּלאַן פון שמד, — און ער האָט זיך אויף די לערער פונם פאָלק אַרויפגעוואָרפן מיט בעסטיאַלישסטער אכזריות, בפרט אויף די, וואָס האָבן געהאַט אַ וואָסערע-ס׳איז שייכות צו דער מרידה — — —

ס׳האָט אין לאַנד געשוויבלט און געגריבלט פון שפּיאָנען. פון די זיכערסטע באַהעלטענישן האָט מען אויסגעזוכט יידן, מאַנס-ביל, ווייבער, אַלט און יונג, און מ׳האָט זיי מאַסנווייז געטויט נאָכן אָנטאָן זיי די שרעקליכסטע עינויים. דאָך זיינען געווען זייער ווייניק פאַלן פון ניט ביישטיין דעם נסיון און פון שמד. די מאַסן פונם פאָלק האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר לייכטע מצוות ווי פאַר האַרבע און ס׳זיינען אומגעקומען אויף קידוש-השם אָן אַ צאָל און אָן אַ שיעור. דער עצם קיום פונם פאָלק איז אויף אַזאַ אופן

געשטאַנען אין סכנה. ס'איז ניט געווען ווער ס'זאָל אָן עצה געבן, וואו דאַרף זיין די גרעניץ. דער גרעסטער טייל פון די מנהיגים און געלערנטע לייט זיינען אָדער אויך געקומען אין מלחמה אָדער אומגעבראַכט געוואָרן נאָכדעם אויף די קרייצן דורך רופוסעס תּליִנים. קיין לערער און קיין פירער, קיין סנהדרין, קיין שום וועג-ווייזער. פאַרצווייפלט איז געווען דער מצב פונם פאָלק — — —

דאַן האָבן זיך אויפגעזאַמלט געהיים די לעצטע איבערגעבלי-בענע חכמים אין אויבערשטן געמאַך פון הויז נתזה אין שטאָט לוד אויף אַ ישוב-הדעת וועגן גורל פונם פאָלק. יושב-ראש איז גע-ווען רבי עקיבא און חברים-אָנטיילנעמער — די געטרייע פריינד זיינע רבי שמעון און רבי ישמעאל בן אלישע כהן גדול; דער איבערמענטשליכער מענטשנפריינד רבי יוסי פונם אומרואיקן גליל און דער גוטהאַרציקער און גרויסער קנאי-בעל-ויכּח רבי טרפון, רבי עקיבא'ס נאָענטסטער אוהב נאמן, וואָס האָט זיין גאַנצן גרויסן פאַרמעגן אַוועקגעגעבן פאַרן פאָלקס באַפרייאונג; דער ווייטזעעדיקער איסי רבי יהודה בן בבא החסיד און דער גרויסער מאַן פון גייסט רבי חנניה בן תרדיון; דער לערער פון אייביקער ליבע, שלום און גערעכטי-קייט רבי ישבב הסופר און דער הונדערט-דרייסיק-יאָריקער בײנקער נאָך אַ טויט פון קדושים רבי חוצפית המתורגמן, דער שיינענדיקער רבי יהודה בן דמא און דער כל-ימיו-פאַסטנ-דיקער רבי חנינא בן חכינאי און נאָך אַנדערע, וואָס זיינען אַלע געווען פאַרמשפּט'ע אויף טויט — — —

אין טיפסטן טרויער אויף די אלפים ורבבות פון ישראל, וואָס זיינען אומגעקומען פאַר משיח'ן און פאַרן פאָלקס גאולה און וועלגערן זיך אָן קבורה אויף די פעלדער פון יהודה ווי בערגער מיסט, האָבן די דאָזיקע מנהיגים אויסגעדריקט דעם שאַרפסטן צער פונם האַרצן איבער די אומדערטרעגליכסטע יסורים פונם פאָלק, וואָס ווערט ווילד-אכזריותדיק געראָדפט פון רופוס'ן דעם בלוטיקן טיראַן. דען פאַר אַלץ האָט דער אַלטער פּראָקוראַטאָר געגעבן טויט-שטראָף: פאַר כאַפּן לערנענדיק געהיים — אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ; פאַר דאַוונען — אַראָפּשינדן די הויט; פאַר לייגן תּפילין —

לעכערן דעם מוח; פאַר בענטשן אתרוג — אויסשניידן די צונג, פאַר עסן פסח מצה — תליה; פאַר יידישן אַ קינד — פאַרשטיינען; פאַר טראָגן יידישע מלבושים — פרעגלען לעבעדיקערהייט אויף אָנגעברענטע בלעכן... און אַזוי ווייטער אָן אַ סוף — — — און ס׳האָבן די פאַרזאַמלטע אין לוד געציילט זיך און באַשלאָסן, אַז אויף אַלע מצוות פון דער תורה מעג מען עובר זיין און ניט געהרגעט ווערן, חוץ אויף דריי, וואָס פאַר זיי דאַרף מען זיך מוסר־נפש זיין, ווייל זיי זיינען די עיקרים און די יסודות פון דער יהדות: די אמונה אין דער איינציקייט פון גאָט, די צניעותדיקע ריינקייט פון פאַמיליענלעבן און די הייליקייט פון לעבן פונם מענטשן, וואָס איז באַשאַפן בצלם אלהים — — —

אַזוי האָבן די לערער אויסגעדריקט די ברענענדיקסטע ליבע זייערע צום פאָלק, פאַרלייכטערט אים זיין לעבן און געזעען פאַרזיכערן זיין קיום. צו זיך אָבער אַליין זיינען זיי אַלע זייער שטרענג געבליבן, זיינען אויפן טויט געגאַנגען פאַר אַ לייכטער מצווה ווי פאַר אַ האַרבער. און אַז דאָס פאָלק האָט דאָס געזעען, האָט עס פאַר זיך אַ מוסר אַראָפּגענומען און האָט אויך פאַר זיך קיין פאַרלייכטערונג ניט געוועלט.

מ׳האָט בחדרי חדרים זיך באַהאַלטן, אויף דעכער און אין היילן, אין גריבער, פעלזנשפּאַלטן און מדבריות, כדי צו לערנען תורה און געטריי צו בלייבן דער גייסטיקער ירושה פון די אבות; מ׳האָט געקליגט זיך און געזוכט תחבולות, ווי אָפּצווענדן פון זיך די בייזע אויגן פון די רוימער און איינצוהיטן זיך פון זייערע מחבלים, און אַז מ׳איז אַריינגעפאַלן — איז מען געגאַנגען רואיק אויפן טויט. עס זיינען אויך געווען אַ סך, וואָס האָבן ניט געוועלט באַהאַלטן זיך, האָבן אָפן אָפּגעהיט די מצוות און זיינען מיט שמחה אומגעקומען אויף קידוש השם. בפרט האָבן זיך אויסגעצייכנט די חסידים פונם דור, וואָס האָבן ניט געקענט אַריבערטראָגן די חרפה פארן חילול הכבוד פון די קדושים די „הרוגי ביתר“, וואָס טורנוס־רופוס האָט אונטער טויט־שטראָף

פאַרוועריט זיי צו קבר־ישראל ברענגען און זיי זיינען געוואָרן צו אַ מאכל פון רויבפייגלען און חיות רעות אָדער זיינען צעפוילט געוואָרן אויף די פעלדער און פאַרסמט די לופט. זיי האָבן זיך מיט דער גרעסטער מסירת־נפש אָפּגעגעבן מיט דער קבורה פון די בערג הרוגים, זיינען אָבער אָפּט אויך אַליין אַנטפלעקט גע־וואָרן און האָבן פאַרמערט מיט זיך די אומגעציילטע צאָל פון קדושים — — —

* * *

דאָס פאָלק האָט אימהדיק געליטן פון די רוימער, האָט פון זיי געהיט זיך און האָט ווי דעם שוואַרצאַפּל פון אויג געהיט פון זיי די ליבסטע פירער זיינע, וואָס רופוס האָט אונטער די אויגן זיי צום טויט פאַר׳משפט; האָט געהיט זיך און וואָלט זיך איינגע־היט ביז דער צאָרן וואָלט אַריבער, האָט געהיט די גרויסע לערער זיינע און וואָלט זיי איינגעהיט ביז אַ ליכטיקערער צייט, — ווען ניט די אייגענע מהרסים און די אייגענע מחריבים! ס׳זיינען געווען בוגדים, וואָס האָבן זיך צו רוים פאַרקויפט מחמת ווילדער תאוה צו כבוד און צו געלט, ווי פּפוס דער שומרוני, וואָס איז אויף אייביק פאַרשאָלטן אין יהודה און פאַרהאַסט אין שומרון. ס׳זיינען אויך געווען לייט פון די כּתות מינים, וואָס האָבן גע־וואָלט נושא־חן זיין אין די אויגן פון די הערשער און זיי ווייזן, אַז זיי זיינען ניט קיין יידן און גייען ניט אין איין וועג מיט זיי אין ענינים פון אמונה. ס׳זיינען אויך געווען עקסטרעמע גנאָס־טיקער, וואָס האָבן צוליב צוועקן פון „העכערער דערקענטעניש" און „גליק פון אַלע" „מענטשן" געשטרעבט לגמרי אָפּצושאפן די יידישע אומה פון דער וועלט און זיך געפרייט ווי מיט אַ גוטער זאַך מיט איר פאַרטיליקונג — — —

און זיי אַלע האָבן יעדער אויף זיין אופן נאָכגעיאָגט די יידן אויף שריט און טריט און ס׳איז פון זיי קיין באַהעלטעניש און מקום־מקלט ניט געווען. זיי זיינען אַלע ספרים־לייט געווען,

האָבן פײנטגעהאַט דאָס פאָלק,—און האָבן אויפמערקזאַם געמאַכט די רוימער אויף אַלע עצות און תחבולות פון די פרומע יידן אָפּ־צוהיטן זייער גלויבן און געלערנט זיי, ווי מ׳קען מאַכן פאַרגעסן די תורה פון די יידן און אָפּמעקן אַפילו דעם זכר פון דער אומה. און דורך זיי האָבן די רוימער געוואוסט דאָס לעבן פונם פאָלק און האָבן אויסגעשפרייט אַ נעץ פון אויסלוגער אויף אַלע הייזער פון די יידן אינם גאַנצן לאַנד, — און עס האָט זיך געמערט אין לאַנד יהודה אַ געיאָמער און אַ קלאָג — — —

עס זיינען צו די רוימער אין די הענט אַריינגעפאַלן די באַהאַלטענע לעצטע רעשטן פון בר־כוכבא׳ס מחנות, און ס׳איז פאַר זיי געווען נאָך ווייניק; זיי האָבן מאַסן פונם פאָלק פאַרטי־ליקט, זקנים, ווייבער, קינדער, און זייער בלוטדאָרשט איז נאָך אַלץ ניט זאַט געוואָרן... מיט כל אַמצי כוחות האָבן זיי די לע־רער פונם פאָלק געזוכט, די פאַרזאַמלטע אין לוד, אום זיי אומ־צוברענגען,—און ערשט דאַן וועט זיי געשטילט ווערן דאָס האַרץ — — —

* *

*

רבי עקיבא און די חברים זיינע האָבן גוט געוואוסט, אַז בייזע שונאים אָן אַ צאָל לויערן אויף זיי פון אַלע זייטן מיט צוגעגרייטע כלים פון גרוילנדיקן טויט, און דאָך האָבן זיי מיט איבערמענטשליכער התמדה געזאַמלט אַרום זיך אַלץ מער און מער די יוגנט, אַלץ מער און מער תלמידים פונם פאָלק, גע־לערנט זיי, געטרייסט, געמונטערט זיי, געוועקט צום ווייטערדיקן לעבן; די האָפענונג, דעם גלויבן איינגעפלאַנצט, אַז קיין שום וואַסער וועט ישראל ניט דערטרענקען און קיין שום פייער—ניט פאַרברענען, אַז ס׳וועט צעשמעטערט ווערן יעדער שווערד אָן דעם מירמל פון זיין האַלז; אַז ער וועט אייביק לעבן און דער־לעבן זיין באַפרייאונג דורך משיח, וואָס לעבט און איז דורך רוים געשמידט אין קייטן, וועט ווערן אָבער נאָך איר גאַנצן

אונטערגאַנג באַפרייט און ברענגען די גאולה פון דער וועלט — —, —

זיי האָבן זייער זאַך געטאָן — דאָס פאָלק געלערנט, געמונ־טערט און גערופן אים צום לעבן; אָבער אויך די רוימער האָבן זייער זאַך געטאָן — געשטיקט דאָס פאָלק און איבערגעענטפערט זיינע בעסטע זין צום טויט. די תפיסות זיינען פולגעוואָרן מיט געפאַנגענע תנאים, און די שמחה פון טורנוס־רופוס איז געוואָרן גרויס, אָבער נאָך גרעסער איז זיין פרייד געוואָרן, אַז אים האָט זיך איינגעגעבן מיט דער הילף פון די בוגדים און די מוסרים צו פאַנגען מיטגלידער פון דעם געהיימען צוזאַמענקום אין לוד. מיט אַ רציחה פון צעווילדעוועטער משוגעת האָט זיך רופוס אַרויפגע־וואָרפן אויף די קרבנות זיינע, האָט געלאָזט זיי פייניקן מיט כל המינים בלוטיקע עינויים, וואָס בלויז די געשייטע און פאַרשייטע רוים האָט זיי צוטראַכטן געקענט, און געלאָזט זיי טויטן מיט אַ פאַמעליכדיקן טויט פול מאוינ־דיקסטע ליידן. און געטאָן האָט ער עס אַלץ מיט אַזאַ בלוטדאָרשטיקן און חוצפּהדיקן תענוג, וואָס מסוגל איז אויף דעם בלויז אַ חיה רעה אין געשטאַלט פון אַ פּאַט־ריציער — — —

דער גרעסטער רוב תנאים, אַחוץ יחידים רודפי שלום, האָבן אָנגענומען רבי עקיבא'ס מיינונג, אַז די תורה איז די נשמה פונם פאָלק און אָן איר איז זיין לעבן ניט קיין לעבן, און האָבן מקבל געווען באהבה די יסורים און עינויים, מיט פלא'דיקער גבורה פונם האַרצן באַגעגנט און אויסגעהאַלטן דעם אכזרישן גזר־דין און זיינען געשטאָרבן מיט אַ טויט פון הייליקע גבורים פאַר זייער אידעאַל.

* *

*

אַז ס'איז אַרויס די גזירה פון דער מרשעת רוים אומצו־ברענגען די גרעסטע חכמים פון ישראל, האָבן זיי זיך געווענדט צום שר־טבחים מיט אַ בקשה צו געבן זיי דריי טעג אויף צו דערוויסן זיך, צי דער גזר־דין איז געחתמעט אויך אין הימל.

— אויב מירן שולדיק זיין, — האָבן זיי געזאָגט, — וועלן מיר ליידן לפי דער גזירה פונם באַרימהאַרצעדיקן גאָט.

און מיט יראת הכבוד האָבן די חברים געטאָן אַ בליק אויף רבי ישמעאל בן אלישע, וואָס איז אויסדערוויילט געווען פאַר אַ כהן גדול אין בר-כוכבא׳ס בית-המקדש, — און ער האָט זיך געריי-ניקט, איינגעוויקלט זיך אין טלית און אין תפלין און מיט אַ הייליק-הייסן ציטער האָט ער אַרויסגערעדט דעם שם המפורש. תיכף איז אַ רַעַש אַרום אים געוואָרן און אַ ווינט האָט כהרף-עין אים פאַרטראָגן גלייך אין העכסטן הימל.

— וואָס טוסטו, ילוד אשה, דאָ אין העכסטן הימל? — האָט גבריאל המלאך אים געפרעגט.

— איך דאַרף דערוויסן דאָ, צי די גזירה איז פון הימל.

— יאָ, מיין זון ישמעאל, די גזירה איז פון הימל! צען חכמים פון ישראל ווערן איבערגעענטפערט צום טויט דורך רוים.

— פאַר וועלכע זינד?

— פאַר מכירת יוסף! די עלטערן האָבן געזינדיקט און די קינדער מוזן ליידן, ווייל עס שוויגט ניט די אייביקע גערעכטי-קייט. אַלע טאָג שטעלט זיך די מדת הדין פאַרן כסא הכבוד און טענה׳ט: „איז דען אין דיין תורה כאָטש איין איינציקער אות אומ-זיסט געשריבן? עס שטייט דאָך קלאָר, אַז ווער עס גנב׳עט אַ נפש און פאַרקויפט אים, קומט אים טויט, און דאָ האָבן די צען ברידער יוסף׳ן פאַרקויפט, צו די ישמעאלים אים פאַרהאַנדלט, און זיי זיינען ניט באַשטראָפט געוואָרן". דעריבער מוזן די גרעסטע צען צדיקים און געליבטע פאַר זיי אַ קרבן זיין! איר מוזט אָנ-נעמען אויף זיך דעם דאָזיקן גזר-דין פון הימל, דען פון אייערע אָבות אָן איז נאָך ניט געווען אַ דור, וואָס זאָל האָבן אַזוינע היי-ליקע ווי איר!

האָט רבי ישמעאל גלייך אַראָפּגענידערט, די חברים זיינע גאָטס וואָרט דערציילט, — און אַלע האָבן גרייטן זיך צום טויט גענומען, הן די וואָס זיינען שוין געווען אין תפיסה, הן די וואָס זיינען דאָרט נאָך ניט געווען — — —

די ערשטע זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן צוויי—רבי ישמעאל און רבי שמעון, אַן אוראייניקל פון הלל פון בית דוד.

רבי ישמעאל איז געווען אַ באַרימהאַרצעדיקער מאַן און זיין לערע איז געווען אַ לערע פון ליבשאַפט און פון חסד צום מענטשן אויף דער ערד. ער פלעגט שטענדיק זאָגן, אַז די תּורה איז געגעבן געוואָרן צום לעבן דורך איר און ניט צו שטאַרבן, און האָט פאַרגרינגערט דאָס לעבן פונם פאָלק. אַליין פאַר זיך אָבער איז ער געווען אַ מחמיר און האָט זיין לעבן אָפּגעגעבן פאַר זיין לערע — — —

רבי שמעון האָט אויף אים געטאָן אַ קוק און זיך צעוויינט...

האָט רבי ישמעאל אים געפרעגט:

— וואָס וויינסטו, יונגער פירשט? נאָך אַ טריט — און דו וועסט דאָך די שוועל אַריבער אין געצעלט אַריין פון די צדיקים!

האָט רבי שמעון אים געענטפערט:

— עס גייט דאָס הארץ מיר אויס, דען איך ווייס ניט, פאַר וועלכע אייגענע זינד איך קום עס אום...

דערויף האָט רבי ישמעאל אים געזאָגט:

— דערמאָן זיך, ברודער: אפשר האָט אמאָל געטראָפן, אַז אַ מענטש איז צו דיר געקומען מיט אַ שאלה אָדער מיט אַ דין־תּורה און דו האָסט געלאָזט אים וואַרטן ביז דו וועסט אויסטרינקען דיין כּוס, אָנטאָן זיך דיין קלייד, אָדער אָנטאָן דיינע שיך? דאָס הייסט דאָך פּייניקן אומזיסט אַ מענטשן,—מוז מען אָפּקומען דערפאַר!

— לערער מיינער, דו האָסט מיך געטרייסט? — האָט רבי שמעון אים געענטפערט.

האָבן ביידע גענומען בעטן זיך ביים תּלין:

— איך בין אַ כּהן גדול,—בכן טויט מיך פריער, איך זאָל ניט זעען מיין חבר׳ס טויט!

— איך בין אַ פירשט פון דוד׳ס הויז, — בכן טויט מיך פריער, איך זאָל ניט זעען דעם טויט פונם גרעסטן דינער פונם הייליקטום!

האָט דער תּלין געהייסן גורל וואַרפן, — און דער גורל איז געפאַלן פריער אויף רבי שמעון.

שטיל און רואיק האָט רבי שמעון אויסגעשטרעקט זיין האַלז אויפן מזבח, — און דער תּלין האָט אים קאַלט און רואיק אראָפּגעהאַקט דעם קאָפּ און אראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד — — —

אויפגערודערט איז געוואָרן רבי ישמעאל, האָט אויפגעהויבן דעם אָפּגעהאַקטן קאָפּ, מיט ברענענדיקסטער ליבשאַפט אים צוגעדריקט צום האַרצן, דערנאָך צוגעלייגט די אויגן זיינע צו די אויגן און זיין מויל צום מויל און אָנגעהויבן מיט אַ ביטער קול צו וויינען און צו שרייען:

— געדענק, אַלמעכטיקסטער, וואָס מיט אונז איז איצט געוואָרן, און זע־צו אונזער שאַנד! דער ליכטיקער און שיינער קאָפּ, וואָס האָט די העכסטע חכמה פון דער וועלט באַגריפן, וועלגערט זיך אין מיסט! די ריינע זונענדיקע אויגן, וואָס האָבן געזען פון איין עק וועלט און ביזן צווייטן, זיינען געוואָרן מיט געוואַלד פאַרלאָשן, און דאָס טייער הייליק מויל, וואָס פּערל און אבנים טובות האָבן זיך פון אים געשאָטן, איז איצט מיט שטויב און אַש פאַרלייגט! — — —

דעם קיסר׳ס טאָכטער, וואָס איז מיט איר פאָטער אויך דערביי געווען, האָט רבי ישמעאל׳ס ביטערן געוויין דערהערט, האָט אַרויסגעקוקט פון פענסטער און איז פון דער שיינקייט פון זיין פּנים איבערראַשט געוואָרן. דען ער איז פון די זיבן שענסטע פון דער וועלט געווען און זיין פּנים איז צו אַ מלאך גלייך געווען. זי האָט געבעטן ביי איר פאָטער אים צו לאָזן לעבן. האָט ער איר געענטפערט, אַז אַלץ וועט ער איר געבן, אַחוץ די לערער פון ישראל. האָט זי אים געבעטן, ער זאָל באַפעלן, מ׳זאָל דעם כּהן גדול גאַנצערהייט אראָפּשינדן די הויט פון קאָפּ און פון געזיכט, בכדי אין איר צו קוקן, ווי אין אַ שפּיגל. דערויף האָט אַדריאַנוס איינגעשטימט און מ׳האָט אַזוי געטאָן. אַז דער תּלין האָט דערגרייכט צום אָרט פון תּפלין של ראש, האָט רבי ישמעאל אַרויסגעלאָזט אַ מאורמדיק געשריי, אַז די ערד האָט זיך צעטרייסלט און דער הימל האָט אַ וואַקל זיך געטאָן. פון נאָך אַזאַ

...שריי איז פאַרציטערט באַלד געוואָרן די פמליא של מעלה און פון אַ דריטן — דער עצם כסא הכבוד. די אֶרְאֶלים האָבן יאָ־מערליך געוויינט און די שרפים האָבן גענומען ביטער שרייען און מיט פייער טענה׳ן פאַרן האַרן פון דער וועלט:

— דער שונא לעסטערט ביין דיין גרויסן נאָמען, און דו — שווייגסט! אַזאַ צדיק, וואָס דו האָסט אַליין אַנטפּלעקט אים אַלע אוצרות פון די עולמות עליונים און אַלע סודות פון די עולמות תחתונים, זאָל אומקומען מיט אַזאַ משונהדיקן טויט?! דאָס איז די תורה און דאָס — דער שכר?!

איז אַרויס אַ בת־קול פונם הימל און האָט געענטפערט:

— אויב איך וועל נאָך איינעם אַזאַ קול דערהערן, וועל איך אין תוהו ובוהו אומקערן די וועלט! דאָס איז פון מיר אַ גזירה און איר מוזט עס, קינדער מיינע, אָננעמען!

אַז רבי ישמעאל האָט דערהערט דעם לעצטן ענטפער, איז ער אַנטשוויגן גלייך געוואָרן.

האָט אַדריאַנוס אים געפרעגט:

— צי פאַרזיכערסטו זיך איצט נאָך אויף דיין גאָט?

און דער ענטפער איז געווען:

— אַפילו ווען ער טויט מיך, טו איך האָפן אַלץ צו אים!

און אין דער רגע פון אומדערטרעגליכסטע יסורים האָט רבי ישמעאל קלאָר דערזעען אין העכסטן הימל: אַ מזבח פון ספירים שטייט פאַרן כסא הכבוד און דער שר פון רחמים און פון גוטס מ י כ א ל איז אָן אויפהער אויף אים מקריב נשמות פון צדיקים — — —

און אין דער רגע האָט ער אין כביכול׳ס אויג אַ טרער באַ־מערקט און אין דער צווייטער רגע אויך זיין שטים דערהערט, וואָס האָט צעפגעהילכט אין אַלע וועלטן:

— וואויל אייך, שמעון און ישמעאל, און וואויל אייערע געלוסטיקע חברים — מיינע טייערע געליבטע קינדער, — וואויל פון אייביק און ביז אייביק!

און ער האָט באַנומען, אַז מיט זייער משונהדיקן טויט וועט ער און זיינע אַלע הייליקע חברים אויסלייזן זייער אומגליק־

ליכן פֿאָלק און אָפּווישן די גרויסע זינד פֿון דער אומרייִנער וועלט, וואָס וועט שוין נאָכדעם ווערן גוט און ריין — — —

און זיין נשמה איז שטיל אַרויס מיט גוטסקייט און מיט ריינקייט און מיט אַ שמייכל פֿון אייביקער און ריינער ליבע— — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

אַז דער שר סמאל, דער פּאַרטייִדיקער פֿון רוים, האָט דאָס אַלץ דערזעען, איז ער גלייך געוואָרן מלא שמחה און האָט אויסגעשריען:

— איך האָב באַזיגט דעם שר מיכאל, דעם סניגור פֿון ישראל!

האָט תיכּף ומיד געגרימט דער צאָרן פֿונם אייבערשטן אויפֿן שר פֿון בייז און האָט גערופֿן צו מטטרון שר הפּנים און צו אים געזאָגט:

— שרייב און חתמ׳ע: שוועבל, פּעך און פייער אויף דער מרשעת רוים, אויף אירע מענטשן און איר פֿיך, אויף איר זיל־בער און איר גאָלד און אויף אַלץ, וואָס רוימיש איז—אויף איר חומר און איר גייסט! — — —

* *

*

אַז רבי עקיבא האָט אין זיין באַהעלטעניש ביים ים המלח אין אַ חושכדיקער נאַכט אין אלול באַקומען די טרויעריקע בשורה וועגן די הרוגי־מלכות, איז ער אויפגעשטאַנען און האָט צעריסן זיינע קליי־דער, האָט אָנגעטאָן זיך אין אַ זאַק, מיט אַש זיין קאָפּ באַשאָטן און ביטער זיי באַקלאָגט. די תלמידים זיינען אויך מיט אים גע־ווען, האָבן צוגלייך מיט אים געטרויערט און צוגלייך געקלאָגט. ס׳האָבן געטרויערט און געקלאָגט די שטיינער פֿון דער ערד און די הוילע אימהדיקע בערג אויף די ברעגעס פֿונם „ים פֿון טויט״; ס׳האָבן מיטגעטרויערט־מיטגעקלאָגט אַפילו די אייביק־פּרוכפּער־דיקע און צום סוף פּאַרוויסטע געמייזעכצן און גערטענער פֿון דער געלוסטיקער עין־גדי. אין דער גאַנצער לופֿט אַרום האָט זיך געהערט אַ מוראדיק געברום:

— זו תורה וזו שכרה!!!

רבי עקיבא האָט דעם דאָזיקן געברום געהערט, האָט אים פון די טיף־פאַרשטיקטע הערצער פון די פיל אַנטשוויגענע תּלמידים איצט דערהערט און האָט זיך פאָטערליך צו זיי געווענדט:

— קינדער טייערע און ליבע! איך האָב געהאַט פיר און צוואַנציק טויזנט טייערע תּלמידים, אויסדערווײלטע און געטרייע, און זיי זיינען אַלע אומגעקומ׳ען פאַר משיח׳ן און פאַר דער פריי־הייט פון ישראל און פון דער גאַנצער וועלט אין מלחמות און מגפות. דען זיי האָבן אַלע פלאַמענדיק דאָס פאָלק געליבט און האָבן מוסר־נפש זיך געווען פאַר זייגע הייליקייטן. זיי האָבן אַלע אַרויסגעוויזן פלאַימדיקסטע גבורות פונם גייסט און געהייליקט דעם באַשעפערס נאָמען און דעם נאָמען פון ישראל אויף אַלע צייטן, דען זיי האָבן געגלויבט אינם נצחון פונם איינציגדיקן אמת אין דער וועלט און פון לעבן און פון דער אייביקער גערעכטיקייט! ס׳האָבן אָבער גורם געווען די זינד פון דור, ס׳האָט אחדות אינם פאָלק פאַרפעלט, גאַנצע כּתות ברידער האָבן אינם פאָלק געפעלשט און דעם פיינד די האַנט געגעבן, — און צעטראָטן ליגט דער אמת און דערוואָרגן די גערעכטיקייט! חרב איז צום דריטן מאָל ישראל׳ס לאַנד און פאַראומרייניקט זיין הייליקטום; די ערד איז אָנגעזעטיקט מיט זיין בלוט און איז אומגעקערט אין רויטנדיקע טייכן בלוט געוואָרן, וואָס שטראָמען אינם גרויסן ים אַריין און דערגרייכן ביז די לעצטע לענדער פון זונענאונטערגאַנג; הונגער און מגפות הערשן אינם לאַנד און עס פאַלן ווי די פליגן ניי־הונדערטער און טויזנטער פון פאָלק — — — דעם שונא אָבער איז דאָס אַלץ נאָך ווייניק! אינגאַנצן אומברענגען ישראל איז זיין ציל! ער האָט אָבער די האָפענונג פאַרלאָרן אויסצושטן אים, האָט ער געגומען־זיך פאַרטיליקן זיין גייסט, וואָס טיילט אים אויס פון אַלע אומות, און אויסמישן, פאַרשלינגען אים אין היידנוועלט... דעריבער האָט ער צו די לערער זיך גענומען, צו די לערער פון ישראל׳ס גייסט! די תורה איז די לערע פונם הייס־געגאַרטן און געזוכטן אמת און פונם אַבסאָלוטן יושר — די

לערע פונם לעבן; זי איז אַליין דאָס לעבן, די נשמה פונם פאָלק, — און די לערער צינדן־אָן אין אים דאָס גרויסע ליכט פון דער דאָזיקער נשמה און אָן זיי קאָן חלילה זי פאַרלאָשן ווערן! און דאָס ווייסן און פאַרשטייען גוט די לערער פונם פאָלק, וואָס גלויבן מיט אַלע דינסטע פעדימלעך פון דער נשמה זייערער אינם ענדגילטיקן נצחון פונם איינצעדיקן אמת און פון אַ אָלוטן יושר, און זיי גיבן זייער לעבן אָפּ מיט פרייד דעם פאָלק, זיינען אים אַ מופת מיט זייער וואונדערליכן לעבן און וואונדערליכן טויט, גיבן אים אַן אויסלייזונג און מאַכן אייביק לעבן אים! און דערפאַר וועלן די הייליקע נשמות זייערע פאַרקניפּט ווערן אינם קנופּ פון אייביקן און שענסטן לעבן און זייער אָנדענק וועט געבענטשט זיין פון אייביק און ביז אייביק! אָט דאָס איז די תּורה און אָט דאָס איז דער שכר! — — — און נאָך אַ זאַך, נייע און יינגערע תּלמידים מיינע, אויך פּונקט ווי יענע טייערע, אויסדערוויילטע און געטרייע! אין דער עצם קללה זע איך אויך די ברכה. אויב די קדושי־עליון שמעון און ישמעאל זיינען אומגעקומען מיט אַזאַ משונהדיקן טויט, דאַן גלויב איך באמונה שלמה, אַז די זינדיקסטע פון אַלע אומות, רוים, וועט האָבן דעם משונהדיקסטן אימהדיקסטן סוף! און אויב עס וועט אַפילו די פאַרדינטע שטראָף פאַרזאַמען זיך, בין איך פעסט בטוח, אַז אינם סוף פון די פאַרפלוכטע צייטן וועט זי זיכער קומען, דען די ערד האָט ניט קיין כּוח צו פאַרשטיקן די גרויסע ימים בלוט, וואָס שרייט צום הימל, און דער הימל טאָר ניט און ער וועט ניט שווייגן! — און ווידער: אויב די איינגעוואָרצלטע מרשעת האָט באַהערשט די ערד און איר וועג איז פעסט און גליקליך, דאַן וועט דאָס אויסדערווײלט־געפּייניקט און פאַרטריבן פאָלק פון גאָט געוויס זיך אומקערן פון זיין געפאַנגענשאַפט און זיין סוף וועט זיין געבענטשט מער ווי זיין אָנהייב! אויב עס זיינען מקוים געוואָרן די קללות פון די תּוכחות, וועלן זיכער אויך מקוים ווערן די ברכות און די הערליכע הבטחות פון די געטליכע נביאים — — —

— דו האָסט געטרייסט אונז, גרויסער לערער, — האָבן אויסגערופן אין התפּעלות די תּלמידים, — דו האָסט געטרייסט אונז!

— בכן מוז ישראל לעבן,—האָט ווייטער רבי עקיבא גע־שפונען זיין געדאַנק,—כּדי צו דערוואַרטן זיך דעם צוגעזאָגטן קץ־הפלאות, כּדי די נחמה צו דערלעבן! דאָס פאָדערט דער אמת פון דער וועלט, דאָס פאָדערט די אייביקע גערעכטיקייט, וואָס אָן איר קען און וועט די וועלט ניט האָבן קיינמאָל קיין שום תקומה! אייביק לעבן מוז און וועט ישראל, ווייל זיין נשמה איז די תורה, וואָס איז אַ געטליך ליכט און איר גייסט איז אייביק! מיט איר לעבט ער און אָן איר איז ער טויט, עס הענגט זיין לעבן אָפּ פון איר,— בכן זאָל זי זיין אַייך טייער און זעט פאַרשפּרייט וואָס מער און מער זי אינם גאַנצן פאָלק! לערנט, וועקט און טרייסט דאָס פאָלק, שאַפט אַלץ מער און מער תלמידים און וואָס מער נייע לערער, וואָס זאָלן די אומגעקומענע פאַרבייטן! דען עס קומען אָן נאָך ביטערערע צייטן, ווען מ׳דאַרף זיך האַלטן פעלזנ־פעסט. גרייט זיך, געלוסטיקע און ליבע, צו פּורעניות, וואָרים ווען עס וואָלט אין אונזער דור קומען גוטס געדאַרפט, וואָלט קיינער ראוי ניט געווען מקבל עס צו זיין מער ווי שמעון און ישמעאל, אָבער עס איז גלוי וידוע פאַר דעם, וואָס האָט מיט וואָרט די וועלט באַשאַפן, אַז עס האַלט אַ גרויסע שטראָף אין קומען אויף דער וועלט,—האָט ער צוגענומען זיי, די הייליקסטע צדיקים, פון צווישן אונז— — — גרייט זיך — און שטייט פעסט, תלמידים, לערער און חברים, פאַרן אמת ביזן סוף, ביז איר וועט אַרויסברענגען פון פאַרבאָרגעניש דאָס ליכט, דאָס גרויסע גאַנצע ליכט פון ששת ימי בראשית, דען בלויז דעמאָלט וועט די גאולה קענען קומען, ווען די גאַנצע ערד וועט פול ווערן מיט ליכט! — — —

אַז רבי עקיבא האָט געענדיקט, איז די נאַכט געווען שוין לאַנג אַריבער און די זון שוין אויפגעגאַנגען. האָט ער געזאָגט צו די תלמידים, אַז עס האָט געגרייכט די צייט פון קריאת־שמע און פון תפילה; אָבער מיט אַמאָל האָט ער באַמערקט פונווייטנס, אַז צו זייער מקום־מקלט־צו גייט און קומט אַלץ נעענטער אַ רוימער. האָט ער אויפן מויל זיין האַנט געלייגט צו ווייזן די תלמידים מיט אַ וואונק, אַז זיי זיינען יוצא זייער חוב פון קריאת־שמע לייענענדיק בלחש. דער רוימער איז פאַרביי און האָט זיי ניט באַמערקט— — —

באַלד אָבער האָט רבי עקיבא קלאָר פאַרנומען נייע פאַר־זיכטיקע און פּאַמעליכדיקע טריט, און ס׳האָט עפּעס אין האַרצן אָפּגעריסן אים. דאַן האָט ער געווענדט זיך רואיק־שטיל צו די תלמידים מיט אַ בקשה תיכף ומיד פונאַנדערגיין זיך איטליכער אין זיין באַהעלטעניש און לאָזן אים אַליין. זיי האָבן בשום אופן אים פאַרלאָזן ניט געוואָלט,—האָט ער אָבער זיי באַפוילן און זיי האָבן אים געפאָלגט— — —

אַ רגע איז אַוועק און פאַרן גרעסטן לערערס אויגן האָט זיך באַוויזן דער גרעסטער בוגד פפּוס...

— וואָס ווילסטו און ווי קומסטו איצט אַהער?—האָט רבי עקיבא אים געפרעגט, אַריינדרינגענדיק טיף אין זיינע אויגן.

— איך בין אַ גרויסער רשע, רבי, אַ פושע ישראל, און בין געקומען נאָך אַ תשובה—האָט געענטפערט פפּוס מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און אַ צעבראָכן האַרץ:— איך האָב אין פאַלק געפעלשט און האָב פאַרקויפט צו רוים אַלע שבטים פון ישראל, ווייל איך האָב געיאָגט זיך נאָך כבוד און עשירות. אָפּגעגאַנגען איז דורך מיר מיט בלוט דאָס גאַנצע פאַלק און איז אַריינגעפאַלן ווידער אין בייזן שקלאַפן־צוואַנג צו רוים. איצט בין איך פאַרהאַסט און טיף פאַראַכט אין גאַנץ ישראל, דען אויך שומרון האָט מיך פיינט באַקומען; איך בין פאַרשאָלטן פון דער וועלט און פון יענער און ווי קען קען איך קיין מנוחה ניט געפינען צו מיין אומרואיקן גייסט. איך האָב חרטה, רבי, אויף אַלע מיינע זינד און בעט מיר אַרויסגעבן אַ תשובה...

— חרטה מיטן גאַנצן האַרצן איז אַ גרויסע זאַך, — אָבער וואָס, דער־עיקר, האָט געבראַכט דיך צו חרטה?—האָט רבי עקיבא אים געפרעגט מיט אַ פאָרשנדיקן בליק.

— איך בין צו רוים אַ קנעכט געווען, איך האָב דאָס הייליקסטע פאַרקויפט איר און האָב געגלויבט, אַז זי וועט דערפאַר באַלוינען מיך, ווי אַמאָל דעם זון פון אנטיפּטר האדומי; איך האָב געהאָפט צו זיצן אויפן טראָן פון שומרון און צו הערשן פון לבנון און ביז סיני... זי האָט מיך אָבער אָפּגענאַרט, די פאַלשע רוים, נאָך מער ווי אַמאָל דעם זון און טאָכטער פון אגריפּס בן

יהודה־אריסתּובלוס... רופוס האָט מיך אויסגעלאַכט צום סוף און געזאָגט, אַז ער דאַרף מיך שוין ניט מער... ער וויל, איך זאָל אים דינען נאָר ווי אַן אויסלוגער צו פאַנגען די חכמים פון ישראל און זיי איבערענטפערן צום טויט... איך וועל עס אָבער, רבי, מער ניט טאָן! עס שלאָגט מיין האַרץ מיר, רבי, שטאַרק פאַר די גע־וואַלדיקע פאַרברעכנס מיינע, גאַר ניט אויסצוהאַלטן! איך וויל איצט גוטס נאָר טאָן; איך וויל פאַרהיטן די חכמים פון די נעצן אויסלוגער, וואָס זיינען אויסגעשפּרייט צו פאַנגען זיי!

— ניין, פּפּוס! ניט דו קענסט און ניט דו וועסט פאַרהיטן עמיצן פון טויט! צו גרויס זיינען דיינע זינד און צו קליין, לחלוטין נישטיק איז דיין תּשובה, און זי קומט פון אַן אומריינעם מקור! עס שלאָגט דיין האַרץ דיר איצט פון מורא פאַר אַ שטראָף...

— אמת, רבי, איך האָב מורא פאַר אַ שטראָף, דען גרוי־ליק שטרענג איז רוים פאַר יעדער קליינינקייט. דעריבער וויל איך איצט עס ביי דיר בעטן מ״ר צו ווייזן, ווי צו לעבן ווייטער. מיט מיין גאַנצן האַרצן וויל איך תּשובה טאָן און מיטן גאַנצן האַרצן וויל איך מציל די חכמים זיין פון טויט! דען איך ווייס און קען אַלע אויסלוגער און קען אייך וואָרענען פון זיי. זיי וויסן, רבי, אַז עס זיינען דאָ פאַרברעכער נאָך גרעסערע פון מיר! דען איך האָב זיך אַלעמאָל פאַר אַ זינדיקן געהאַלטן און האָב ניט איין מאָל שוין אויף מיינע זינד געהאַט חרטה... אָבער יענע מיני כּתּות האָבן פונקט ווי איך די נשמה זייערע פאַרקויפט צום שטן; האָבן אויך ווי איך אַנטפּלעקט די סודות פון בר־כּוכבא צו די רוימער; גלייך ווי איך געבראַכט צום חורבן פונם לאַנד און פונם פאָלק; לוגן־אויס און ברענגען־אום ישראל׳ס בעסטע זין,—און זיי האָבן קיין חרטה ניט, האַלטן זיך נאָך פאַר גערעכט און גוט, האַלטן אַלע־מען פאַר זינדיק און פאַר שלעכט און זיך אַליין נאָר—פאַר די ריינסטע און די בעסטע... די הענט ביי זיי זיינען, פונקט ווי מיי־נע, איינגעריכט אין בלוט,—די אויגן אָבער קוקן פרום פאַרגאַפט צום הימל... אָט די צבועים, וואָס דער תּוך ביי זיי איז גאָר ניט ווי זיי ווייזן זיך פון דרויסן, גנבענען דאָס האַרץ פון פאָלק, ווילן בייטן אים די תּורה, מאַכן נייע קנאה־שנאה אָן, צעשטערן

בייז דעם שלום־בית אין ישראל און דערגאַנצן זיין צעשמעטע־רונג— — —אַט דו, האָב איך געהערט, פאַרזאַמלסט אַרום זיך תּלמידים און לערנסט מיט זיי תּורה בפרהסיא, — און דו ווייסט ניט, אַז די דאָזיקע פאַרשטעלטע פון די מיני כּתות מאַכן זיך אויך צו צו די תּלמידים דיינע, הערן אויך דיין תּורה כּלומרשט מיט כּוונה, און—גיבן נאָכדעם איבער אַלץ צו רופוס דעם טיראַן... ווי האָסטו דאָס קיין מורא ניט פאַר דער מרשעתדיקער מלכות? איך וואָלט דיר, רבי, ראָטן אויף אַ צייט זיך אָפּצוהאַלטן פון צו לערנען תּורה, דען דיין לעבן איז אין גרויס סכּנה און אויך דאָס לעבן פון דיינע טייערע תּלמידים! איך וועל דיר אַ מקום־מקלט געבן אין דער הייל פון מיין זעליקן פאָטער, וואָס דו אַליין צוגלייך מיט די איבעריקע חכמים פון ישראל האָבן אים פאַר גוט און פרום געהאַלטן און וואָס איך, חוטא ופושע, בין ניט ווערט זיין נאָמען צו דערמאָנען... איך וויל ראַטעווען דיין לעבן און דאָס לעבן פון די חברים און תּלמידים דיינע! איך שווער ביים כּבוד פון מיין פאָטער, וואָס איז מיר הייליק!— — —

אַז פּפּוס האָט געענדיקט זיינע רייד די לאַנגע, האָט רבי עקיבא אים געענטפערט:

— יענע זיינען שוין אַרויס פון כּלל ישראל און האָבן אויסגעמישט זיך מיט די גריכן און די רוימער,—וויל איך וועגן זיי שוין מער ניט ריידן. דאָס זיינען דורך און דורך פאַרפוילטע צווייגן, אָפּגעפאַלענע פונם לעבעדיקן בוים, וואָס הייסט ישראל; זייער סוף איז הויפנס מיסט צו ווערן אויפן פּנים פון דער ערד און צו גיין פאַרלאָרן, בעת דער גאַנצער שטאַם וועט בלייבן אייביק לעבן! דען די תּורה פונם אייביקן איז אייביק, אומפאַרבייט־ליך און איז מיט ישראל איינס! אָבער אויף דיר וואונדערט עס מיך, פּפּוס! מ׳האָט אויף דיר געזאָגט, אַז דו ביזט אַ חכם,—איך זע אָבער, אַז דו ביזט אַ טפּש גאָר! וויל איך מיט אַ משל דיר עס געבן צו פאַרשטיין: אויפן ברעג פון אַ טייך איז אַמאָל אַ פוקס געגאַנגען; האָט ער פיש דערזעען אין וואַסער, וואָס לויפן אום צעשראָקן דאָ אַהין און דאָ צוריק, און ער האָט צו זיי געזאָגט: „וואָס איז אייך, ליבע פריינד, וואָס איר לויפט אַזוי אָן אָפּרו?

פאַר וועמען האָט איר מורא? פאַר וועמען שרעקט איר זיך דאָ אין די שטילע וואַסערן?״—.האָבן אים די פיש געענטפערט: מיר האָבן פאַר די פישער מורא, וואָס שפּרייטן נעצן אויס אויף אונז״.— „אויב אַזוי—האָט דער געשייטער פוקס געזאָגט—איז ווילט איר אפשר בעסער אַרויס צו מיר אויף דער יבשה און איך וועל אייך באַשיצן? מירן אַלע, איך מיט אייך, צוזאַמען רואיק וואוינען דאָ, ווי ס׳האָבן מיינע אבות מיט אייערע געוואוינט״. האָבן אים דערויף די פיש געענטפערט: „דו פוקס, וואָס מ׳האַלט דיך פאַר דער קליגסטער פון אַלע חיות פון דער ערד, ביזט בלויז אַ טפש! מה־דאָך אין דעם אָרט פון אונזער היות איז אויף אונז די מורא גרויס, היינט אַ כל־שכן אינם אָרט פון אונזער טויט!״—אַזוי איז אויך מיט אונז ישראל: אויב כל־זמן מיר לערנען תורה, וואָס איז אונזער לעבן, הענגט איבער אונזער קאָפּ אַ וואַנדלענדיקער שווערד, היינט על אחת כמה וכמה איז ניט זיכער אונזער לעבן, אויב מירן זי פאַרלאָזן. און מיר זיינען אָפּצוגעבן גרייט אונזער ערדיש לעבן פאַר איר—דאָס אייביק הימליש לעבן! — דו אָבער, פּפּוס, זע איך, האָסט עס נאָך לחלוטין ניט באַגריפן. דו האָסט געבעטן דיר אַרויסגעבן אַ תשובה, אָבער די תשובה דיינע פאָדערט צו הייליקן גאָטס נאָמען און דעם נאָמען פון ישראל! באַטראַכט זיך, פּפּוס, און באַשליס!

— גרויס איז מיין זינד, מיין קין־זינד, ניט צו פאַרגעבן, און צו שוואַך איז מיין געמיט!—האָט אויסגעשריען פּפּוס אין פאַרצווייפלונג— — —

אין דער רגע האָבן זיך ניט ווייט באַוויזן רבי עקיבא׳ס אייניקע תלמידים, וואָס זיינען אומרואיק געוואָרן פאַרן גורל פונם רבין...

פּפּוס האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און צעטומלט, איז באַלד אָבער געקומען צו זיך און האָט זיך אָפּגעטראָגן גיך— — —

*

* *

נאָך די דאָזיקע רייד האָט רבי עקיבא נאָך מיט מער ענערגיע און התמדה איידער פריער גענומען זאַמלען אַרום זיך

תלמידים און צוהערער, ווי ער וואָלט זיך צוגעאײלט און געוועלט מיט וואָס מער פּעולה אויסנוצן די קורצע צייט, וואָס אים וועט נאָך אויסקומען צו לעבן. ער האָט זיך ניט באַהאַלטן. מיט אַ דרייסט־קייט פון אַ לייב און מיט אַ פלינקייט פון אַ הירש איז ער געגאַנ־גען פון שטאָט צו שטאָט און האָט אומעטום אויף די גאַסן און אויף די מערק אָפן אַלעמען געלערנט, געוועקט, געטרייסט, גע־רופן צום ווייטערדיקן לעבן און געגאָסן אין די פאַרשמאַכטע הערצער אַ היילנדיקן באַלזאַם פון האָפענונג אויף אַ קומעדיקער שיינער וועלט פול ליכט און פרייד. און זיין געטליך וואָרט האָט וואונדערבאַר געווירקט אויף זיינע צוהערער, ווי אַ פרישער לעבע־דיקער קוואַל אויף וואַנדערער אין מדבר. דאָס פאָלק איז ווייטער אַלץ נאָך אים געגאַנגען און ניט געפאָרכט זיך פאַר די נעצן פונם טויט, וואָס זיינען אויסגעשפּרייט געווען אויף שריט און טריט; האָט גיך אויפגעלעבט צוריק אין גייסט, געגרייט זיך צו אַ נייעם לעבן און צו נייע העפטיקע געראַנגלען פאַר זיין פרייהייט, פאַר זיין גאָט — — —

עס האָט דאָס פאָלק געגלויבט זיין געניאַלן לערער און וואונדערליכן פירער און איז גרייט געווען צו גיין, וואוהין ער וועט אים הייסן; אָבער ניט באַשערט איז אים געווען ווייטער אים צו האָבן צווישן זיך, ווען באַלד איז אָפּגעטאָן געוואָרן פון זיין קאָפּ די קרוין. דעם פינפטן טאָג אין תשרי אין דעם צווייטן יאָר נאָך חורבן ביתר האָט אַ גאַנצער רוימישער לעגיאָן באַלע־גערט לוד, וואו ס׳איז געווען דעמאָלט רבי עקיבא, און האָט גענומען אים געפאַנגען, געשלאָסן הענט און פיס אין קייטן, אוועקגעפירט אַזוי אים קיין קיסריא של ים און אוועקגעזעצט אין תפיסה — — —

רופוס דער בלוטיקער טיראַן האָט גוט געוואוסט, אַז רבי עקיבא איז דער גרעסטער פון אַלע זיינע ברידער, איז דער „פאָ־טער פון ישראל און זיין תורה" און דער פלאַמענדיקסטער מנהיג פון די פרייהייטס־קעמפער,—און ער האָט באַשלאָסן צו נעמען פון אים די בלוטיקסטע נקמה און האָט אים מער ווי אַלעמען געפּיי־ניקט — — —

אַ לאַנגע צייט, מער ווי דריי יאָר, איז רבי עקיבא געזעסן אַ געשמידטער אין שווערע קייטן אין אַ חושכדיקער גרוב מיט אַ סם'ענדיקער לופט. אָבער אפילו דאָרט האָט ער ניט אויפגעהערט זיין פּאָלק צו לערנען, צו מונטערן און טרייסטן אים. די אויגן פון ישראל פון אַלע לענדער זיינען געווען געווענדט צו דער תּפיסה פון קיסריא; פון אומעטום האָבן אַהין גענומען קומען עולי־רגל גאָטס וואָרט צו הערן פונם גרויסן תּפוס. מ'האָט ניט געקאַרגט קיין גאָלד און ניט געשוינט דאָס אייגן לעבן, בכדי צו קענען צוקומען צו רבי עקיבאַ'ן אין געפענגעניש און פרעגן ביי אים וויכטיקע שאלות אין תּורה, חכמה און אינלעבן. און אַלע ענטפערס זיינע האָבן בלויז איין ציל געהאַט: דאָס לעבן און דאָס גליק פון מענטשן.

און פונקט ווי די חכמים האָבן אויף זיין וואָרט געוואַרט, אַזוי האָט ער אויך זייער וואָרט געאַכט און איז שטרענג געווען צו זיך. יהושע הגרסי, דער געטרייסטער תּלמיד זיינער, איז פריייוויליק געווען מיט אים אין תּפיסה און האָט באַדינט אים. מ'האָט יעדן טאָג זיי ברויט געגעבן מיט אַ וואָג און וואַסער מיט אַ מאָס. האָט דער לערער ס'מעסטל וואַסער זיינס, וואָס האָט אויף טרינקען בלויז געקלעקט, פאַרברויכט אויף הענט־וואַשן צום עסן, לפי דעם דין פון די חכמים. האָט אַמאָל געטראָפן יהושע'ן דער אויפזעער פון תּפיסה און צו אים געזאָגט: „פאַרוואָס איז היינט דיין וואַסער אַזוי פיל? אפשר ווילסטו אונטערגראָבן די געפענגעניש?" און האָט אויסגעגאָסן גלייך אַ העלפט און אַ העלפט געלאָזן. אַז יהושוע איז אַריין צו רבי עקיבאַ'ן מיטן ביסל וואַסער, האָט יענער אים געפרעגט: „פאַרוואָס האָסטו היינט אַזוי פאַרזאַמט זיך? צי דען ווייסטו ניט, אַז איך בין אַלט און אַז מיין לעבן הענגט פון דיינעם אָפּ?"—האָט יהושע אים די זאַך דערציילט און רבי עקיבא האָט ביי אים געבעטן געבן אים דאָס וואַסער די הענט צו וואַשן. דערויף האָט יהושע אים געפרעגט: "לערער מיינער! אויף צום טרינקען וועט ניט קלעקן, איז ווי וועט קלעקן אויף די הענט צו וואַשן?"—האָט רבי עקיבא אים געענטפערט: „בכן ווי זאָל איך טאָן? בעסער וועל איך שטאַרבן און וועל ניט עובר זיין אויף

דער דעה פון די חברים מיינע!"—האָט יהושע אויסגעגאָסן אים דאָס וואַסער אויף די הענט, און ער האָט גאָט געבענטשט— — —

אַז די חכמים האָבן דאָס דערהערט, איז דער גרויסער מאַן נאָך גרעסער אין די אויגן זייערע געוואָרן.

איינציקע איבערגעגעבענע תּלמידים האָבן מיט מסירת־נפש געוועלט באַפרייען זייער לערער דורך אַן אונטערגראָבונג,—האָט ער זיך אָפּגעזאָגט דערפון און האָט דערקלערט, אַז ער וואַרט מיט פרייד אין תּפיסה אויפן לאַנג־געגאַרטן טויט פאַרן אמת, פאַרן איינציקן! — — —

דעמאָלט האָבן די גרעסטע חכמים פון ישראל פעסט באַשלאָסן ניט צו פאַרלאָזן רבי עקיבאָ'ן און צו בלייבן אין זיין סביבה ביזן סוף, מעג עס זיי אפילו ס'אייגן לעבן קאָסטן,—בלייבן—און הערן זיינע טיפע הימליש־שיינע רייד; הערן, ווי ער דערקלערט אפילו די קרוינדלעך פון די אותיות און אַנטפּלעקט די טיפסטע סודות פון דער תּורה, פון דער העכסטער חכמה, פון מעשה־בראשית און מרכבה; געניסן פון זיינע ניט־אויסגעשעפּטע אוצרות וויסן — — —

אין אַ פינסטערער פאַרשטיקטער הייל, וואָס איז געווען דורכגעפירט פון ווייט ביז אונטער דער געפענגעניש, זיינען אין אַ שוואַרצער נאַכט פון האַרבסט געזעסן אויף דער ערד די חכמים פון ישראל און צווישן זיי אויך מאיר פון קפּוטקיא און יהודה בן אלעאי, יוחנן הסנדלר און שמעון בן יוחאי, יוסי בן חֲלַפְתָּא, אלעזר בן שַׁמּוּעַ און נחמיה— די בעסטע טייערסטע תּלמידים און געליבטע פריינד פון רבי עקיבא. אין שטילן טרויער זיינען אַלע זיי געזעסן. די קוואַלן פון די אויגן זיינען לאַנג ביי זיי געוועזן שוין אויסגעטריקנט, די ליפּן כמ.ם האַרצן האָבן זיי פאַרפּרעסט טיף אין־זיך און די צונג איז צו־געקלעפּט געווען צום גומען... אַ קברים־שטילקייט איז געווען אין הייל... אַלע האָבן צוגעהערט זיך מיט שטאַרק־קלאַפּנדיקע הערצער... מיט־אַמאָל האָט זיך דערהערט פון איבער די קעפּ אַ געקלאַנג פון קייטן,—און די הערצער האָבן פירכטערליך גענומען קלאַפּן, ווי מיט האַמערס, צום פאַרטויבן, און ס'האָט געדוכט זיך,

אַז אָט־אָט שפּרינגען זיי אַרויס... דאַן האָט בן־יוחאי זיך געשטאַרקט, האָט פּאַמעליך אויפגעהויבן זיך פון אָרט און זייער פּאָרזיכטיק געעפנט פון דער תפיסה־דיל אַ דעקל — — — און נון האָט זיך דערהערט די שטים פון גרויסן תפוס, אַ שטילע, רואיקע און זיסע, אָבער אויך אַ טיף־ענערגיש פעסטע, וואָס האָט געפּאַנגען די נשמות פון די צוהערער אין הייל:

— איר זייט ווידער, ליבע קינדער, דאָ ביי מיר! איר זייט פאַר מיר שוין צופיל מקריב, קינדער, בעת דאָס טייער פאָלק געניטיקט זיך איצט מער אין אייך, דען איר מוזט פאַרטרעטן איצט דעם אָרט פון די, וואָס גייען פון פאַר אייך אַוועק. איך מיט די חברים מיינע מוזן איצט אַוועק, אָבער איר מוזט בלייבן לעבן און איר וועט לעבן בלייבן—פאַר דער תחיה פון ישראל! איר זייט מחויב אייער לעבן צו פאַרהיטן, בכדי צו מאַכן גרויס די תורה אין ישראל און צו באַשיינען זי, ווי זי איז איינגעשטעלט אויף סיני און מוריה, אין יבנה, אושא און אין לוד! און איר וועט איר ליכט פאַרשפּרייטן אויף מזרח און אויף מערב, אויף צפון און אויף דרום!—דו, יוחנן, האָסט צווישן די חברים דיינע דער ערשטער ס׳גליק געהאַט צו ווערן נסמך, דאַרפסטו שוין אין פאָלק אַוועק און איבערגעבן אים דיין וויסן. אָבער דו, מאיר, גרויסער פריינד פון מענטשן און פון אַרבעט, וואָס דו וועסט ישראל׳ס אויגן ליכטיק מאַכן, און דו שמעון, אייפערדיקסטער ראַנגלער פאַרן אמת; אויך דו, אייביק־ליידנדיקער יוסי, און דו, גליקליכער יהודה; ווי אויך דו, ריינער, גוטער, איידעלער אלעזר, און דו, טרייסט פון פאָלק נחמיה,—איר אַלע זעקס, וואָס איר האָט נאָך ניט קיין סמיכה, גייט צו די חברים מיינע, צו בן־תרדיון און בן־בבא, און זאָל עמיצער פון זיי אייך מסמיך זיין. און זאָל הערשן צווישן אייך נאָר אחדות, שלום, ליבשאַפט, דען די ערשטע זיינען אָן אַ צייט געשטאָרבן, ווייל איינער האָט מתקנא זיך געווען אין צווייטן אין דער תורה. איר זאָלט ניט זיין אַזוי. זאָל דער שכל אייערער און ס׳האַרץ ניט צעטיילט ווערן אויף כתות אויף פאַרשיידענע אין די וועגן פון דער תורה און עבודה. דען דער סוף פון אַלע כתות אין ישראל איז—פולער אונטערגאַנג! צונישט געוואָרן איז די

כתה פון די צדוקים און ס'וועלן אויסשטאַרבן פאַמעליך, אָבער
זיכער די שומרונים פאַר דער קנאה=שנאה זייערער דער איי=
ביקער אומזיסטער און פאַר זייער בייזער בגידה! און דאָס זעלבי=
קע וועט אויך באַשטימט געשעען מיט אַלע אַנדערע יחידים און
חבריות, וואָס האָבן זיך איין ציל געשטעלט — צו פאַרהיידנישן די
יהדות און אויסראָטן איר טרעגער; וואָס שיקן חניפה־בריוו צו
אַדריאַנוס און גיבן אים גערעכט פאַר זיינע מעשים קעגן פאָלק;
וואָס וואַרפן זיך אַליין גאָר מיאוס אָפּ פון פאָלק, וואַשן ריין די
הענט זיך, טוען אַלץ דעם נפש בלויז דעם אייגענעם פאַרהיטן
און דאָס גאַנצע פאָלק פאַר זיך אַ קרבן ברענגען! עס וועט דער=
פון קיין גוטס ניט זיין! — — —מרשעים יצא רשע! — — —
דעריבער, קינדער פונם פאָלק געטרייע, היט אָפּ די אחדות פונם
פאָלק און פון זיין תורה, דען בלויז די אחדות איז די ערבות פון
זייער ביידנס קיום! דען די אחדות שטאַמט פונם „אחד" דעם איינ=
איינציקן און אייביקן! דער גורל פונם פאָלק ליגט אין אייערע
געטרייע הענט, דער גורל פון זיין קיום! עס קומען שווערע צייטן
אָן, צייטן פינסטערע און בייזע, פאַר דער גאַנצער וועלט, און
נאָכמער פאַר ישראל; שטורעמס נאָך ניט געוועזענע וועלן איבער
וועלט אַריבער און גורם זיין פאַרוויסטונגען אָן שיעור פאַר אַלע
אומות, און נאָכמער פאַר ישראל; רוים וועט פאַלן, וועט אויפשטיין
נאָך אַמאָל און וועט ווידער פאַלן — שוין אויף אַלעמאָל, — און דער=
פון וועט ברעכן זיך די וועלט אין אירע גרונדפעסטן, ס'וועט
אַ וועלט אין בלוט זיך טרענקען, אָבער מער פון אַלעמען וועט
ליידן אַלט=ישראל! מער פון אַלעמען וועט ליידן אַלט=ישראל, וועט
אָבער אַלץ אַריבערטראָגן, אַלע צייטן, אַלע שטורעמס, אַלע קראַכן,
און וועט אויסהאַלטן ביז דער צאָרן וועט אַריבער! ס'וועלן פאַלן
מלכיות און אויפהייבן זיך נייע, וואָס מיט זיי וועט אויך דאָס זעל=
ביקע געשעען; ס'וועלן שבטים אונטערגיין, אומות און לשונות און
אפילו גאַנצע ראַסן, — אָבער ישראל — דער אייביקער קרבן פון דער
וועלטס חטאים — וועט דורך אַלע אכזריותדיקסטע דורות און פינ=
סטערסטע בייז=שטורימדיקסטע תקופות, כאָטש פירכטערליך אַרומ=
געצופט=אַרומגעפליקט, אַרויס אין שורש גאַנץ און שטיין=

בלייבן פעלזנפעסט אין מיטן ווילדסטן קאָכעדיקסטן ים! דאָס לעמעלע וועט גאַנץ אַרויס פון די זיבעציק צעווילדעוועטע וועלף, ווי ס'האָט שוין מודה אויך געווען אין יאוש קיסר אַדריאַנוס— — — און דאָס אַלץ וועט זיין דערפאַר, ווייל אַלט־ישראל וועט דורך אַלע צייטן פון פורעניות דורכטראָגן זיין איינאיינציקן „אחד" און וועט אין סוף פון אָט די אַלע צייטן פון פורעניות איבערגעבן אים דער נייער וועלט, וואָס וועט גערעכטיקייט באַגרייפן— — — דעמאָלט וועט דערשיינען ווידער דער שטערן אויפן הימל יעקב'ס און וועט שוין קיינמאָל ניט פאַרלאָשן ווערן! דעמאָלט וועט באַווייזן זיך דער גואל, וואָס איז געבאָרן אינם טאָג פון חורבן און וואָס בייזע שטורימווינטן האָבן אים פאַרכאַפּט און פאַרשלעפּט קיין רוים, וואו מ'האָט אים אַ פאַרפייניקטן געשמידט אין שווערע קייטן העגט און פיס און וואו ער מוז ליידן ביזן קץ הפלאות, אָפּקומען פאַר דער וועלט און פאַר זיין פאָלק און אויך פאַר זיך, ווייל עס לעבט אין אים די משיחישע נשמה פון בר־כוכבא, וואָס דורך אים, אויב ניט אַפילו דורך זיין שולד, איז אומגעקומען דער געזאַלבטער כהן—דער הייליקער אלעזר פון מודעית; עס וועט באַווייזן זיך דער גואל, אַליין אַן אויסגעלייטערטער, באַנייטער, מיט אַ נייעם נאָמען מנחם בן עמיאל, וואָס וועט זיין דער טרייסטער און באַפרייער פונם פאָלק פון גאָט, פון דער גאַנצער וועלט!— — —איצט גייט, מיינע טייערע און ליבע, צוריק צו זיך, דען עס איז אַנטפּלעקט געוואָרן אַ שפור פון אונזער הייל; גייט און טראָגט מיין וואָרט און מיין לעצטע ברכה צום אומגליקליכסטן פאָלק! זאָל שלום זיין צו אייך!

— זאָל שלום זיין צו דיר, אונזער הייליקסטער און גרעסטער לערער, די קרוין פון אונזער קאָפּ!—האָבן אויסגערופן מיט אַ שטים פאַרשטיקט פון אָנגעקוואָלענע זודיק־הייסע טרערן אלעזר בן שמוע און שמעון בן יותאי און נאָך זיי אַלע איבעריקע תלמידים— מירן גיין אין דיינע וועגן!

* *

*

מיט יעדן טאָג איז די שמירה איבער דער תפיסה געוואָרן

שטרענגער און צום סוף, נאָכן לעצטן באַזוך פון די תּלמידים, איז די הייל אַנטפּלעקט געוואָרן, און מ׳האָט גענומען רבי עקיבא׳ן און אים אַוועקגעפירט צו טורנוס־רופוס אויף פאַרהער.

— דו האָסט געוואָלט אַנטלויפן, אַלטער, דורך אַן אונטער־גראָבונג,— האָט אויסגעשריען מלא חימה דער טיראַן,— און ווי־דער איבער שטעט און לענדער לאָזן זיך פאַר אָרימע נדבות כּלומרשט קלייבן, באמת אָבער ווידער רופן צו מרידות! איך קען דיך שוין פון לאַנג—

— ניט אמת, רופוס,— האָט רבי עקיבא אים געענטפערט שטאָלץ:— איך האָב געקענט אַנטלויפן, איך האָב עס אָבער ניט גע־וואָלט, ווייל איך וויל ליידן פאַר מיין גערעכטער זאַך מיין אָרים פאָלק צו לערנען, שטיצן און אים צו רופן צו באַפרייאונג— — —

— ווי וואַגסטו זון, פון די באַזיגטע, מיט אַ רוימישן פאַטרי־ציער אַזוי עזותדיק צו ריידן? איך פיר דיך באַלד צום עשאַפאָט און זאָל דיין גאָט, דער שיצער פון באַזיגטע און פון אָרימע, מציל זיין דיך פון מיין האַנט!

— אויב מיין גאָט וועט טויטן מיך ניט וועלן, דאַן וועסטו, אויסגעפּוצטער פון לוים, מיר גאָרנישט קענען טאָן! און אויב ער וועט מיך וועלן טויטן, דאַן שטייען גרייט צו דינען אים אָן אַ שיעור שלוחים! אָבער וויסן זאָלסטו זיין, דו פיינד פון גאָט און מענטשן, וואָס דו האָסט די ערד מיט בּלוט פאַרגאָסן, מיט בּלוט פון הייליקע, אַלמנות און יתומים,— אַז עס שווייגט ניט די גע־רעכטיקייט פון גאָט און באַשטראָפט דאָס בייז, אַז דו וועסט שטאַרבן אָן אַ צייט מיט אַ טויט פון שאַנד!...

אָנגעצונדן איז געוואָרן רופוס מיט אַ פייער פון בייזן ברע־נענדיקן צאָרן און מיט אַ דונערדיקער שטים האָט ער באַפוילן זיינע לייט צוצוגרייטן אַ מזבח און געצייג פון טויט פאַרן „גרעסטן פון די מורדים“... אָבער אין דער רגע איז געקומען אַ ידיעה, אַז דער קיניג פון אַראַביע איז באַפאַלן די גרעניצן פון דער רוימי־שער אימפּעריע,— האָט רופוס זיך געאײַלט צו גיין אים אָפּטרייבן צוריק און האָט אָפּגעלייגט די טויטשטראָף— — —

איצט האָט רבי עקיבא געגומען גרייטן זיך צום טויט, נאָכ־
זוכן די מעשים זיינע עפּעס צו געפינען, וואָס ער דאַרף אָפּקומען
דערפאַר, דען „עס איז ניטאָ קיין צדיק אויף דער וועלט, וואָס
זאָל גאָר ניט זינדיקן". ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אַמאָל, גאַנץ
לאַנג שוין, בעת ער איז אַן עם־הארץ נאָך געווען, האָט ער אַזוי
שטאַרק פיינטגעהאַט אַ תלמיד־חכם, אַז ער איז גרייט געווען צו
בייסן אים. איז ער אָבער דעמאָלט אַן עם־הארץ דאָך געווען, אַ
תמים,—איז ער דאָך ניט שולדיק.—האָט ער אָן רחל׳ען זיך
דערמאָנט, ווי זי האָט פאַר אים יאָרן צענדליקער געליטן; ווי זי,
די רייכסטע טאָכטער, האָט געמוזט אין אָרימקייט ווינטער נעכטיקן
אין אַ שייער שטרוי; ווי זיי האָבן ניט געהאַט אפילו ליכט
אויף נאַכט; ווי זי האָט נאָכדעם, בעת זיינע אומאויפהערליכע וואַנ־
דערונישן איבער פרעמדע לענדער, געליטן אָן אַ שיעור עלנטקייט
און נויט; ווי נאָכן טויט פון שמעון זייער זון איז זי פון צער
קראַנק געוואָרן און אויסגעגאַנגען אָן אַ צייט. זי האָט דאָך אָבער
אָנגענומען אַלץ באהבה; זי האָט דאָך פאַר דער תורה דאָס גע־
ליטן און פאַר דער פרייהייט פון איר פאָלק, וואָס זי האָט ליב
געהאַט אַזוי.—צום סוף האָט ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט אַמאָל
זיין גרויסן לערער רבי אליעזר בן הורקנוס מצער שטאַרק
געווען. רבי אליעזר איז אַמאָל אַרויס קעגן דעם רוב דעות פון
די חכמים און האָט צווינגען זיי געוועלט דורך ראיות פון הימל
און פון ערד, אפילו דורך אַ בת־קול, אָנצונעמען זיין איבער־
צייגטע מיינונג, — האָבן די חכמים מנדה אים געווען, און ר'
עקיבא, איז אַוועק דעם רבי׳ן פאַרזיכטיק, מיט פאַרשיידענע רמזים,
געבן צו פאַרשטיין זיין מצב. איז דער קלקול גרויס געווען, איז
גרויס געווען דער צער,—און דעמאָלט האָט דער רבי אים פאַר־
אויסגעזאָגט אַ משונהדיקן טויט— — —

האָט רבי עקיבא זיך באַרואיקט,—ער האָט זיין חטא געפו־
נען, פאַרוואָס ער דאַרף עס אָפּקומען, און איז געוואָרן גרייט———

דערווייל האָט רופוס אומגעקערט זיך פון מלחמה און האָט
באַלד אַלץ צוגעגרייט צו דער הריגה— — —

דאָס איז געווען דער טאָג פון ערב יום־כפור. האָט דער

תלמיד רבי יהושע הגרסי רשות גענומען פונם רבי׳ן אהיים צו גייז, און ער האט אים אפגעלאזן. איז רבי עקיבא אליין גע־בליבן און האט געטראכט זיינע מחשבות, האט איבערגעגעבן זיך אינגאנצן אין דער האנט פון גאט און באשלאסן: תמות נפשי מות ישרים!

באלד איז אריין צו אים דער שר־טבחים און האט אים ארויסגעפירט צום עשאפאט. אין דער זעלביקער צייט האט מען ארויסגעפירט צום עשאפאט אויך פפוס דעם שומרוני גע־שלאסן הענט און פיס אין קייטן. אז רבי עקיבא האט פפוס׳ן דער־זעען, האט ער אים געפרעגט פארוואונדערט:

— פפוס! ווער האט דיך געבראכט אהער?

— ווינד און וויי צו מיר! — האט פפוס אים געענטפערט בלאס ווי קאלך און אויף טויט צעשראקן: — איך האב אויפגעהערט צו דינען מיין ערגסטן שונא רופוס און האב דורכאויס פאר אלע־מען שלעכטס גערעדט אויף אים, — האט מען מיך פאר אים פאר־מסרט און באשולדיקט, אז איך האב עס אנגערייצט אויף אים דעם קיניג פון אראביע — — — פאר מיין בגידה האט מען אויך אין מיר געפעלשט! — — — איצט בין איך צו טויט פאר׳משפט, איין סוף איז פאר אונז ביידן, אבער — וואויל צו דיר איז, רבי עקיבא, וואס דו ביזט געפאנגען גענומען פאר דיין לערנען תורה, און וויי און ווינד צו פפוס בן יהודה השומרוני, וואס איז גע־פאנגען גענומען פאר זיין בייזע מויל! — — —

מיט א פרייליכן הארצן און א שטראלינדיקן פנים איז גע־גאנגען רבי עקיבא צום מאוימדיקן ארט, וואו ס׳האבן זיך פארזאמלט די תלמידים זיינע און נאך פיל יידן דאס לעצטע מאל זייער הייליקן צו זעען און צו הערן. אויך רופוס און זיין ווייב רופינא זיינען געקומען זעען דעם שווידערליכן אקט, ווי אויך א סך גאר גרויסע שררות און דעם קיסרס הארן און היידנישע גלחים.

דער גרעסטער גייסטליכער פון יופיטערס טעמפל האט עפעס איינגערוימט רופוסן אין אויער, און רופוס האט זיך גלייך גע־ווענדט צו רבי עקיבא׳ן און געזאגט:

— הער אויס, דו אלטער! אויב דו וועסט וועלן דינען די

געטער אונזערע, ווי אַלע רוימער, וועסטו בלייבן לעבן און דער קיסר וועט דיר געבן כבוד און עשירות...

אָבער רבי עקיבא האָט געשפּאָט פון זיינע רייד און האָט געזאָגט:

— ווי קען איך אָפּגעבן דעם כבוד פונם אמתן איינציקן גאָט, דעם באַשעפער פונם וועלטאַל, צו געצנבילדער, וואָס זיינען ווערק פון מענטשנס הענט? מיט שמחה פונם גאַנצן האַרצן גיי איך שטאַרבן צו הייליקן דעם נאָמען פונם אייבערשטן, דעם גאָט ישראל'ס, בכדי אָפּצוווענדן מיט מיין טויט זיין צאָרן פון זיין פאָלק און פון זיין נחלה און צו זיין אַ מופת פאַר מיין פאָלק און פאַר דער גאַנצער וועלט, צו ווייזן זיי, אַז די תורה פון ישראל איז דאָס גרעסטע גליק אונטערן גאַנצן הימל, וואָס ניטאָ איר גלייכן! אַהער, תליונים! טוט, וואָס מ'האָט געהייסן אייך!

די תליונים זיינען תיכף צו צו אים, האָבן גלייך פון אים אַראָפּגעצויגן זיינע קליידער און אַוועקגעשטעלט אים נאַקעט-הויל. דערנאָך האָבן זיי אים צוגעבונדן צו אַ זייל פון אייזן אויף אַן אייזערנעם מזבח און, נאָך רופוסעס באַפעל, פאַמעליכן-פאַמעליכן מיט קאַמען אייזערנע גענומען שינדן אים זיין לייב, בכדי אים צו פאַרגרעסערן און פאַרלענגערן די שרעקליכע יסורים זיינע———

און איטליכס מאָל, ווען דער קאַם האָט שטיקער פלייש געריסן פון זיין לייב, פלעגט רבי עקיבא די יסורים אָננעמען פאַר ליב, קוקן רואיק הויך צום הימל און אויסרופן באַגייסטערט:

— פולקומען איז דאָס ווערק פון שטאַרקן גאָט און זיין משפּט איז גערעכט!

איז אויפגעקאָכט געוואָרן רופוס צאָרן און האָט באַפוילן אים צו פייניקן מיט נאָך גרעסערע עינויים.

האָבן די תליונים פייניקן גענומען אים מיט שטעכעדיקע ריטער אויף זיין צעוואונדעוועטן גוף, אָבער פעסט און שטאָלץ און מונטער האָט געקוקט דער אַלטער פרייהייטס-ראַנגלער, האָט ניט געקרעכצט און ניט געזיפצט, נאָר ווייטער הויך געזאָגט:

— ביים געטרייען גאָט

איז ניטאָ קיין אומרעכט!

האָט נאָך ווילדער זיך צעפלאַקערט דער ברענענדיקער צאָרן פון טיראַן און ער האָט געהייסן פון אים נעמען נאָך אַ בייזערע נקמה.

האָבן די תליונים גלייך גענומען רייסן אים זיין לייב מיט צוואַנגען און ס'האָט זיין זודיק־איידל בלוט געגאָסן זיך און פאַרגאָסן דעם מזבח און פון מזבח האָבן גאַנצע שטראָ־מען זיך געלאָזן אַראָפּ־אַראָפּ אויף דר'ערד, — און דער גרעסטער פון די קעמפער און תּנאים איז אַלץ געבליבן רואיק און אַלץ נאָך אויסגערופן שאַרף:

— גערעכט איז גאָט און רעכטפאַרטיק!

אַז דער האַר פון בלוט טורנוס־רופוס האָט דערזעען דעם שטאַרקן אויסטערלישן גייסט פון רבי עקיבאַ'ן, וואָס ברעכט זיך ניט פון אימה פאַרן טויט און פון אוממענטשליכסטע עינויים, איז ער געוואָרן שטאַרק נשתומם און דערשראָקן און האָט צו אים געזאָגט:

— דו ביזט מסתמא אַ מכשף און מיט כּישוף פאַרלייכטער־סטו זיך די אומדערטרעגליכסטע יסורים דיינע, — דעריבער לאָזטו ניט אַרויס קיין איינציקן און קלענסטן זיפץ אַפילו?

האָט רבי עקיבא שטראַלנדיק און שמייכלענדיק שטיל גע־ענטפערט אים:

— איך בין ניט קיין מכשף, ביי ישראל איז ניטאָ קיין כּישוף! מיין גלויבן און מיין אמת גיט עס מיר דעם כּוח, מיין ליבע צו מיין איינצעדיקן גאָט לינדערט די יסורים מיר!

און האָט אויף זיך מיט ליבשאַפט און כּוונה ווייטער אָנגע־נומען דעם עול פון הימלישער מלוכה, האָט צאַרט די תּפילה „שמע" געלייענט און די לעפצן האָבן קלאָר אַרויסגעזאָגט דעם טיפן גלויבן אין דער איינציקייט פון גאָט — — —

אַ פאַרשטיקט געיאָמער און געוויין האָט געריסן זיך אַלץ מער פון די צעמורשטע הערצער פון די יידן, וואָס זיינען דאָ אַרום געשטאַנען, און די תּלמידים האָבן אים מיט ווייטאָגליכסטן צער געפרעגט:

— רבי אונזערער! אַפילו איצט, בשעת די ברענענדיקסטע לײדן פונם טויט, לײענסט דו די תּפילה?

— דווקא איצט, תּלמידים! — האָט געענטפערט רבי עקיבא מיט התפעלות — כּל ימי האָב איך טיף מצער זיך געווען איבער די ווערטער: „ובכל נפשך" — ליב גאָט אַפילו ווען ער נעמט דײַן נפש צו. דען מיטן גאַנצן האַרצן און פאַרמעגן האָב איך אים געדינט, אָבער נאָך ניט מיטן נפש. איך האָב מיר געטראַכט: ווען וועט עס קומען, איך זאָל קענען עס מקיים זײַן? איך האָב לאַנג געוואַרט דערויף, און איצט, אַז ס'איז געקומען צו מײַן האַנט, זאָל איך ס'ניט מקיים זײַן? גרויס איז איצט מײַן שמחה, גרויס מײַן גליק! איך זע: די הימלען האָבן ברייט געעפנט זיך פאַר מיר... אַ ליכט, דאָס גרויסע ליכט פון דער יצירה, גיסט אין אַלע עולמות זיך און אויך אויף מיר, אויף אײַך, אויף אַלעמען... איך הער אַ שירה פון מלאכי מעלה, אַ זיסע שירה פון גן־עדן, און כּלי־זמר פון לוויים פון משיח'ס בית־המקדש... איך זע פאַר זיך די שכינה, די מילדע, צאַרטע, ליבע שכינה — די געטרײַע מוטער פון ישראל... איך גיב זיך, שכינה, צו דיר איבער אין די געטרײַע פליגלען דײַנע! — — — שמע, ישראל, ה' אלהינו ה' אֶ—חָ—ד! — — —

און ער האָט מאַריך געווען אין „אחד" ביז די נשמה איז אים אויסגעגאַנגען מיט „אחד" אויף די פאַרברענטע לעפצן — — —

— — — איז אַ בת־קול גלײַך אַרויס פון הימל און האָט אָפּגעהילכט פון איין עק וועלט און ביזן צווייטן:

— וואויל איז דיר, עקיבא, וואָס דײַן נשמה איז אויסגעגאַנגען מיט „אחד"! וואויל איז דיר, עקיבא, דען פאַר מיר האָסטו געלעבט אין צדק און אין יושר און האָסט די נשמה דײַנע אויסגעהויכט מיט צדק און מיט יושר!

זײַנען די מלאכי השרת ווידער געבליבן אומצופרידן און האָבן ווייטער זייער טענה אַרויסגעשטעלט צום אייבערשטן:

— זו תּורה וזו שכרה?

איז געווען דער ענטפער, וואָס האָט זיך אין אַ בת־קול אָפּגערופן:

— וואויל צו דיר, עקיבא, דען דו וועסט אייביק לעבן אין די קומענדיקע עולמות! — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

רבי יהושע הגרסי, דער תּלמיד און באַדינער פון רבי עקיבא, וואָס האָט אינדערפרי פון אים גענומען אָפּשייד און איז אויף יום־כּפּור אַוועק צו זיך אַהיים אין אַן אַנדער שטאָט, האָט ניט געוואוסט נאָך פון דער שרעקליכער געשעעניש. איז ביינאַכט געקומען אַן אומבאַקאַנטער מענטש און האָט אָנגעקלאַפּט צו אים אין טיר פון וואוינונג און געזאָגט אים:

— שטיי אויף און גיי מיט מיר, דען דיין רבי איז געוואָרן נפטר!

האָט ער אים געפרעגט:

— און ווער ביזטו?

האָט יענער אים געענטפערט:

— איך בין אַ כּהן און מיין נאָמען איז אליהו.

זיינען זיי געגאַנגען און געקומען ביזן טויער פון דער תּפיסה, און ער האָט פאַר זיי געעפנט זיך פון זיך אַליין, און דער שומר איז געשלאָפן און ס׳זיינען אויך געשלאָפן אַלע תּפוסים האַרט. און זיי האָבן אין אַ ווינקל גלייך דערזעען שיינענדיק אַ ליכט, האָבן זיי געוואוסט, אַז דאָרטן ליגט דער קדוש. איז דער כּהן צו צו אים און האָט אויף זיין אַקסל אים גענומען, דען ס׳איז ניטאָ קיין טומאה אין צדיקים און אין קדושים, און רבי יהושע האָט די קליידער און די כּלים מיטגעטראָגן. האָבן זיי דעם הויף פאַרלאָזן פון דער תּפיסה, און נון אַנטקעגן זיי — מלאָכים, שרפים און אראלים פונם הימל רופן, לויבן אַזוי צו זאָגן: „די גערעכטי־קייט פון גאָט גייט פאָראויס אים!" און דער וועג פאַר זיי איז ליכ־טיק, ווי דער שיין פון עצם ריינעם הימל. זיינען זיי אַזוי אַ גאַנצע נאַכט געגאַנגען, ביז זיי זיינען צוגעקומען ביז דער שטאָט אַנטיפּרס. האָבן זיי דערגרייכט ביז אַ געוועלב, וואָס איז געווען פאַר קיניגן געבויט, זיינען זיי אַרויף דריי טרעפּ און דריי טרעפּ אַראָפּ, און ס׳האָט פאַר זיי געעפנט זיך אַ הייל פון ריינעם בדולח און זיי האָבן דאָרט דערזעען אַ בעט, אַ שטול, אַ טיש און אַ מנורה — אַלץ

פון הימלישע ספירים. האָבן זיי צוזאַמענגעלייגט דעם ריינעם גוף אויף דער וואַר־דערליכער בעט, און ס׳האָט זיך תּיכּף אָנגעצונדן אַ הימליש פייער אין מנורה און האָט די הייל באַלויכטן מיט אַ ליכט פון ששת ימי בראשית. איז דער תלמיד גלייך געפאַלן אויף זיין פּנים און ער איז פאַרגאַנגען זיך אין אַן אָנוואָר־טערדיקער טיף־התפּעלותדיקער תּפילה.

אַז זיי זיינען פון דער הייל אַרויס, איז זי פאַרמאַכט געוואָרן, אָבער ס׳האָט דאָס ליכט פון אינווייניק דורכגעלייכט אויף דרויסן אַרויף־אַרויף ביז צום עצם הימל און ווייט און ברייט ביז די עקן פון די וועלטן. און אליהו האָט אָנגעהויבן און געזאָגט:

— וואויל צו אייך, צדיקים, געפייניקטע, פאַרפייניקטע פאַר אמת און פאַר יושר! דען איר וועט לעבן, שיינען, לייכטן אין דער אייביקייט! וואויל צו דיר באַזונדער, רבי עקיבא, דען דו האָסט געפונען דיר דעם בעסטן, שענסטן היכל אינם פּרדס פונם העכסטן הימל, אינם פּרדס פון דער אייביקייט, וואוהין עס האָט אַ לעבן לאַנג געשטרעבט די הייליקע נשמה דיינע, און האָסט דיר צוגעגרייט דיין טיש — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

* * *

דער טויט פון רבי עקיבא האָט געמאַכט אויף גאַנץ ישראל דעם טיפסטן שאַרפסטן רושם. זיין לעבן און זיין טויט איז געוואָרן צו אַ מופת פאַר אַלע ווייטערדיקע דורות און ער איז געוואָרן דער גרעסטער פון די קדושים. און מ׳האָט אויף אים אַזוי געזאָגט: „מיטן טויט פון רבי עקיבא זיינען צוניסט־געוואָרן די זיילן פון דער תּורה און פאַרמאַכט — די קוואַלן פון דער העכסטער חכמה״— — —

* * *

אַז די ידיעה וועגן רבי עקיבא׳ס מאַרטירישן טויט איז גע־קומען קיין אושא וואָס אין גליל צו רבי חנניה בן תּרדיון און צו רבי יהודה בן בבא, זיינען זיי אויפגעשטאַנען און

האָבן צעריסן זייערע קליידער, אָנגעטאָן זיך זעק און געזאָגט צו זייערע תּלמידים:

— ברידער, הערט! רבי עקיבא׳ס טויט איז פאַר אונז אַ סימן, אַז ס׳וועט קומען אַ פּורעניות אויף דער וועלט— — —

איינגאַנצן חרוב און באַצוואונגען איז געווען ישראל׳ס לאַנד און דאָס פאָלק—צעמורשט, צעטראָטן און דערוואָרגן אונטערן באַזיגערס פּיס; די שענסטע טעכטער זיינע—אין שאַנד אויף טויט פאַרפייניקט, און די בעסטע זין—פאַרטיליקט אָדער שווער געשמידט אין קייטן און אַוועקגעפירט אין גלות, פאַרקויפט אין קנעכטשאַפט אָדער מערדעריש אַוועקגעשטעלט אויף דער אַרענע צו ראַנגלען זיך מיט ווילדע חיות, געמאַכט פאַר גלאַדיאַטאָרן און געצוואונגען צו ראַנגלען זיך איינער מיטן אַנדערן, צו פעכטן זיך מיט ברידער און איינער דעם צווייטן אויסצושעכטן. און אויף דער הייליקייט דער איינציקער, וואָס איז דעם פאָלק פאַרבליבן נאָך פון זיין גאַנץ פאַרמעגן, אויף זיין תּורה, איז געוואָרן נגזר כּליה, און די לערער זיינע זיינען געמשפּט געוואָרן—ווער מיט שווערד און ווער מיט פייער... אַן אימת־מות איז אָנגעפאַלן אויפן גאַנצן פאָלק, פון שרעק זיינען צעגאַנגען אויך די הערצער פון די מוטיקסטע און דרייסטסטע. אפילו די חכמים זיינען שוואַך געוואָרן און האָבן זיך פאַרבאָרגן אין היילן און מדבריות.

בלויז איי ניקע יחידים זיינען אויפן משמר זייערן געטריי פאַרבליבן ביזן סוף. און איינער פון די דאָזיקע שרידים היחידים איז געווען דער חסיד רבי חנניה בן תּרדיון. ער איז געווען גוט הן צו גאָט און הן צו לייט. קיינמאָל אין זיין לעבן האָבן זיינע לעפצן ניט אַרויסגעבראַכט קיין שום בייז וואָרט אויף קיין שום בריה. ער האָט געהאָלפן מיט מסירת־נפש די אָרימע אין גוף און די אָרימע אין גייסט. קיינמאָל האָט ביי אים קיין פרעמדע פּרוטה, קיין שום זאַך פון צדקה ניט גענעכטיקט. און אַ עניו איז ער געווען אַ גרויסער, ווי זיין גרויסער חבר רבי עקיבא, און ווי ער געטריי דער תּורה. ער פלעגט זאָגן, אַז אויב צוויי מענטשן

זיצן און פאַרבריינגען ניט אין דברי תורה, האָבן זיי די צייט פאַרלאָרן ווי די לצים; אָבער ווען צוויי זיצן און פאַרבריינגען אין ענינים פון דער תורה, דאַן רוט די שכינה צווישן זיי, און ניט בלויז צוויי, נאָר אפילו איינער — — —

בן תרדיון איז געטריי פאַרבליבן אויף זיין משמר. האָט נאָך רבי עקיבא׳ס טויט ניט אויפגעהערט צו גיין פון שטאָט צו שטאָט און פון דאָרף צו דאָרף אין גליל צו לערנען מענטשן תורה. האָט וואָס ווייטער אַלץ מער און מער געזאַמלט אַרום זיך מחנות צו־הערער און שטענדיקע תלמידים און האָט אָן שום מורא זיי גע־לערנט, געמונטערט און געטרייסט. זיין לעבן איז געווען שוין אין סכנה, און ער האָט דאָך מיט דער ספר־תורה ניט געשיידט זיך — — —

אַז ס׳איז קראַנק געוואָרן דער תנא רבי יוסי בן קסמא, איינער פון דער קליינער צאָל חכמים רודפי־שלום, איז בן־תרדיון צו אים געקומען מבקר־חולה זיין. האָט צו אים געזאָגט רבי יוסי:

— חנניה ברודער מיינער! צי ווייסטו ניט, אַז די דאָזיקע אומה האָט מען פון הימל קיניגן געמאַכט? זי האָט חרוב דאָך געמאַכט זיין הויז און פאַרברענט זיין היכל, האָט אויס־געהרגעט זיינע חסידים און פאַרטיליקט זיינע בעסטע, — און דאָך האַלט זי זיך נאָך פעסט! און לסוף האָב איך וועגן דיר גע־הערט, אַז דו זיצט און ביזט זיך עוסק אין דער תורה, קלייבסט־אויף אַ גרויסן עולם בפרהסיא און אַ ספר־תורה האַלטסטו דיר אין שויס!

— פון הימל וועט מען זיך מרחם זיין! — האָט בן־תרדיון אים געענטפערט.

— איך זאָג דיר ווערטער מיט אַ טעם — האָט דער חולה אויסגערופן שטאַרק מיט האַרץ — און דו זאָגסט מיר: „פון הימל וועט מען זיך מרחם זיין״! ס׳וועט זיין אַ וואונדער, אויב מ׳וועט אין פייער ניט פאַרברענען דיך צוזאַמען מיט דער ספר־תורה!

— רבי! — האָט בן תרדיון אים געפרעגט מיט צער — ווי האַלט עס מיט מיין לעבן דאָרטן?

— וואָס הייס? דו שפירסט זיך דען אין וואָס?

— איך האָב איינמאָל על פּי טעות איין מין צדקה-געלט פאַרביטן אויף אַ צווייטן און אַזוי פאַרביטן עס צעטיילט. — און ס'ערט אַזוי דאָך ניט געטאָן! איך בין אין תּענית שוין געזעסן, — און קען זיך ניט באַרואיקן.

— אויב אַזוי, — האָט רבי יוסי אויסגערופן אין התפּעלות, — זאָל מיר זיין כאָטש עפּעס פון דיין חלק און כאָטש עפּעס פון דיין גורל!

רבי יוסי איז געשטאָרבן און רבי חנניה האָט ניט אָפּגע-שטעלט זיין אַרבעט.

צום סוף איז די ידיעה דערגאַנגען צום פּראָקוראַטאָר אין קיסריא, אַז בן-תּרדיון איז מורד אין די באַפעלן פונם קיסר און צוזאַמען מיט זיין הויזגעזינט פאַרשפּרייט ער תּורה אין די מאַסן. האָט זיך אָנגעצונדן דער ווילדער צאָרן פונם פּראָקוראַטאָר און ער האָט באַפוילן אויסצוזוכן און צו פאַנגען רבי חנניה'ן.

מ'האָט סוף כּל סוף געפונען רבי חנניה'ן מיטן ספר אינם שויס לערנענדיק מיט אַ גרויסן עולם. אַז מ'האָט אים אַריינגעפירט צום משפּט, האָבן אים געפרעגט די שופטים:

— פאַרוואָס האָסטו זיך באַשעפטיקט מיט דער תּורה?

— ווייל אַזוי האָט מיר מיין גאָט געהייסן! — האָט רבי חנניה זיי מיט פעסטן מוט געענטפערט.

האָט מען גלייך געמאָלדן דעם גזר-דין, וואָס איז גרייט פון פריער נאָך געווען:

— אים פאַרברענען מיטן ספר, זיין ווייב — אַראָפּהאַקן איר קאָפּ, און די טאָכטער זייערע — איבערענטפערן צו שאַנד!

דערויף האָט רבי חנניה אויסגערופן:

— פולקומען איז דאָס ווערק פונם אַלמעכטיקן!

אַז מ'האָט אַרויסגעפירט צום טויט זיין ווייב, האָט זי געזאָגט:

— ביים געטרייען גאָט איז ניטאָ קיין אומרעכט!

די טאָכטער זייערע האָט אויך אָנגענומען דעם גזר-דין און האָט פעסט באַשלאָסן:

אין לאַנגע-לאַנגע אומדערטרעגליכסטע עינויים וועל איך שטאַרבן ריין! — — —

דעם פינף־און־צוואַנציקסטן אין סיון האָט מען רבי חנניה׳ן אַרויסגעפירט צום עשאַפאָט.

דער תליון האָט, לפּי באַפעל פון פּראָקוראַטאָר, געמאַכט אַ גרויסן שייטערהויפן פון בינטלעך צווייגן טרוקענע. נאָכדעם האָט מען גענומען רבי חנניה׳ן, אים איינגעוויקלט אין זיין ספר־תורה און אַריינגעשטויסן אים אין רעכטן מיטן פייער־פלאַם,—דאָס פייער אָבער האָט זיך אַלץ פון אים דערווייטערט, אים ניט אָנגערירט, גאָר ניט געקענט אים אָנרירן... האָט דערשראָקן זיך דער תליון און צו אים גערופן:

— וואונדערמאַן! צי ד ו ביזט עס דער מענטש, וואָס מען האָט פאַרמשפּט צו פאַרברענען דיך און עס אויסצופירן איז איבערגעגעבן אין מיין האַנט?

האָט רבי חנניה אים געענטפערט פונם פייער:

— יאָ, א י ך בין עס דער מענטש, וואָס איר האָט מיך פאַרמשפּט!

האָט דער תליון אים געפרעגט:

— ווי קען אַזאַ דערשיינונג זיין, אַז פייער זאָל ניט שולט זיין אין דיר,—אַזאַ זאַך איז דאָך נאָך קיינמאָל ניט געווען!

האָט רבי חנניה אים געזאָגט:

— וואַרט אַ רגע ביז איך וועל דערגיין, אַז איר זייט געשיקט מיר צוצונעמען די נשמה,—וועל איך איבערגעבן זי.

און ער האָט זיין האַנט איבערן פּנים דורכגעפירט און ער האָט געזאָגט:

— גיי ענדיק איבער מיר דיין אַרבעט!

און תיכף האָט דאָס פייער אָנגעצונדן זיך אין אים און אינם פאַרמעט פון זיין ספר.

דער תליון האָט נאָך אים אַרומגעלייגט מיט צווייגן, בכדי ס׳זאָל שטאַרקער ברענען, און מ׳האָט נאָכן באַפעל געבראַכט באַלד קנוילן וואָל, געווייקט אין וואַסער און געלייגט אים אויפן האַרצן, בכדי די נשמה זאָל זיך וואָס מער האַלטן,—וועט ער זיך שאַרפער פּייניקן און זיך לענגער מאַטערן — — —

האָט ניט אויסגעהאַלטן רבי חנניה׳ס טאָכטער און האָט אויס־געשריען:

— פאָטער טייערער און ליבער! ווי קען איך זעען דיך אין אַזוינעליידן? ווי קען עס צוזען דער אַלמעכטיקער?

האָט דער פאָטער איר געענטפערט:

— טאָכטער מיינע, טאָכטער ליבע און געטרייע! ווען איך וואָלט אַליין פאַרברענט ווערן, וואָלט די זאַך געוויס מיר שווער געווען; איצט אָבער, ווען מיט מיר צוזאַמען ווערט אויך פאַר־ברענט די ספר־תורה,—איז ווער עס וועט זיך אָננעמען פאַר איר באַליידיקונג, וועט געוויס זיך אָפּרעכענען שוין אויך פאַר מיר!

האָבן די תלמידים אים געפרעגט:

— רבי! וואָס זעען איצט די אויגן דיינע?

האָט רבי חנניה זיי געענטפערט:

— איך זע, ווי דער פּאַרמעט ווערט פאַרברענט און די אותיות פליען אין דער לופט אַוועק אַרויף־אַרויף אַלץ העכער־העכער— — —

— עפן, רבי, אויף דיין מויל,—האָבן די תלמידים אים גע־ראָטן, — און זאָל אַריין אין דיר דאָס פייער, — וועלן גיך זיך ענדיקן די יסורים דיינע!

האָט ער זיי געענטפערט:

— בעסער זאָל צוריק זי נעמען דער, ווער עס האָט גע־געבן זי; אַליין דאַרף מען קיין האַנט ניט אַרויפלייגן אויף זיך.

איז דער תליון, דער מלאך־המות זיינער, טיף געריהרט גע־וואָרן פון די אומפאַרגלייכליכע יסורים פון די אומפאַרגלייכליכע צדיקים און באַגייסטערט פון דער וואונדערליכער גבורה פונם וואונדערליכן פאָלק,—און ער האָט געפרעגט ביי רבי חנניה׳ן:

— רבי! אויב איך וועל פאַרגרעסערן דעם פלאַם און אַראָפּ־נעמען די נאַסע קנוילן וואָל פון האַרצן דיינעם, — וועסטו ברענ־גען מיך צום לעבן אין דער קומענדיקער וועלט?

האָט רבי חנניה אים געענטפערט:

— יאָ.

— שווער מיר צו.

האָט ער אים צוגעשוואָרן.

האָט דער תּליון תּיכף דעם פלאַם פאַרגרעסערט און די נאַסע קנוילן וואָל פון זיין האַרץ אַראָפּגענומען, — און באַלד איז אויסגעגאַנגען די נשמה פון בן־תּרדיון — — —

דאָ האָט דער תּליון אויסגערופן פעסט און הויך פאַרן גאַנצן עולם יידן, גריכן, רוימער, וואָס זיינען דאָ דערביי געווען:

— איך וויל שוין מער ניט און קען מער שוין ניט שטיין מחוץ למחנה! אַייער גאָט, איר קדושים פון ישראל, איז איצט אויך מיין גאָט! וואו איר שטאַרבט, דאָרטן וועל אויך איך שטאַרבן און באַגראָבן ווערן! — — —

און איז אויך אין פלאַם אַריינגעשפּרונגען און איז פאַר־ברענט געוואָרן — — —

— — — איז אַרויס אַ בת־קול פונם הימל און האָט אויסגערופן:

— רבי חנניה בן תּרדיון און זיין תּליון זיינען ביידע מיינע קנעכט און גייען ביידע גלייך אַריבער צום לעבן אין דער אייביקייט! — — —

* *

*

דער גורל נאָך בן־תּרדיון איז געפאַלן אויף בן־בבא.

רבי יהודה בן בבא איז געווען פון די לעצטע איידעלע איסיים, אַ גרויסער חסיד, און אַלע זיינע מעשים זיינען געווען לשם שמים. ער האָט געזאָרגט נאָר פאַרן קיום פון דער תּורה און אירע לערנער. ער פלעגט פאַרקויפן אייגענע כלי־בית און וואָס ער האָט געהאַט נאָר, בכדי צו שטיצן אָרימע תּלמידים. און אַז ער פלעגט זעען אַן אָרנטליכן תּלמיד, וואָס איז געווען ראוי להוראה, פלעגט ער זיצן מיט אים טעג און נעכט און לערנען, און האָט ניט גערוט, ביז מ׳האָט יענעם ניט געגעבן סמיכה און באַשטימט אים פאַר אַ לערער אין ישראל. און אַליין איז ער כל ימיו געזעסן און געלערנט; האָט פון אַכט און צוואַנציק יאָר ביז אַכציק ניט פאַרזוכט דעם טעם פון שלאָף, נאָר דעם קורצן דרעמל פון אַ פערד,

און האָט ניט מפסיק געווען אין מיטן לערנען. ער האָט ס׳רוב יאָרן אויך געפאַסט און האָט געלעבט כּל ימיו אין ריינקייט פון גוף און פון נשמה. און אַ עָנָיו איז דער מאַן געווען אָן אַ שיעור, אַ תּלמיד זיינעם פלעגט ער רופן רבי און האָט באַגריסט דער ערשטער יעדן מענטשן און קיינער האָט דערין אים קיינמאָל מקדים ניט געווען.

און עס איז געווען, אַז די האַנט פון די רוימער האָט גובר געווען ישראל, האָבן זיי פאַרטראַכט לגמרי אויסצוראָטן דאָס באַזיגטע פאָלק, אויף אייביק אויסראָטן זיין תּורה, עס זאָל איבערגעריסן ווערן די קייט, וואָס רינגלט זיך פון משה רבנו אָן. האָבן זיי אָבער דערזעען, אַז די געלערנטע און די לערער שטאַרקן דאָס האַרץ פון די געפייניקטע און לאָזן ניט אומקומען דעם נפש, די נשמה פונם פאָלק, האָבן זיי אַרויסגעלאָזן אַ גרויליקן געזעץ צו מאַכן בטל אין ישראל׳ס לאַנד די סמיכה און דעם יִפּוי־כּוח צו זיין אַ לערער און אַ פירער פון די נאָך אַלץ פאַרבליבענע קהילות. זיי האָבן גוזר געווען, אַז פאַרן געבן סמיכה זאָל אומקומען הן דער געבער הן דער נעמער און ס׳זאָל חרוב ווערן די שטאָט, וואו די סמיכה ווערט געגעבן, און אויך די תּחומים אירע. איז ביי זיך דאָס פאָלק אַראָפּגעפאַלן און האָט געמיינט, אַז עס קומט צו אים אַ סוף, אַז זיין נשמה ווערט פאַרלאָשן — — —

דאָס האָט גענומען זיך צום האַרצן דער הייליקער בן־בבא, וואָס האָט געזען ווייט — ביז אין די ווייטסטע דורות פון זיין פאָלק, — און ער האָט אַ וועג געזוכט, וואו און ווי די רינגען צו פאַררינגלען, די רינגען פונם גרויסן גלענצנדיקן עבר מיט די רינגען פונם ווייטן, ווייטסטן, אומבאַוואוסטן עתיד — — —

זעקס חכמים זיינען דעמאָלט נאָך געווען אין ישראל, זעקס יחידי סגולה, וואָס זיינען ווערט געווען צו ווערן די מנהיגים פונם פאָלקס אומגליקליכער שיף, וואָס טרענקט זיך אין ווילדסטן קאָכעדיקסטן ים. זיי זיינען אָבער נאָך ניט געזאַלבט געוואָרן פאַר „פאָטערס כּונם פאָלק״. דאָס זיינען געווען: מאיר פון קיסריא־קפּוטקיא און יהודה בן אלעאי, יוסי בן חלפתא און שמעון בן יוחאי, אלעזר בן שמוּע און נחמיה, — די

וויכטיקסטע תּלמידים רבי עקיבאַ׳ס, וואָס האָט פאַרזאָגט זיי צו ווענדן זיך נאָך סמיכה צו די פאַרבליבענע חברים זיינע — — —

האָט זייער אַלטער לערער רבי יהודה פאַרזאַמלט זיי געהיים ניט אין אַ שטאָט און ניט אין אַ דאָרף, נאָר אויף אַ פּלאַץ צווישן צוויי גרויסע בערג, וואָס זיינען אַ מחיצה צווישן צוויי גרויסע שטעט און צווישן צוויי געגנטן — פּונקט אויף האַלבן וועג צווישן אוּשָׁא און שְׁפַרְעָם, — כּדי עס זאָל קיין אָרט ניט שאַדטן — — ער האָט געזעצט זיך אויף אַ פעלזן־שפּיץ, האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף די קעפּ פון די דאָזיקע תּלמידים, האָט מסמיך זיי געווען און זיי געבענטשט אַזוי צו זאָגן:

— גייט און פירט דאָס עלנט און פאַרשטויסן פאָלק, פירט אַרויס עס אויף אַ גלייכן וועג און פירט ווייטער דעם גערעאַנגל פאַר זיין נחלה און פאַר זיין הייליקייט, דען גרויס איז דער גרימצאָרן פון גאָט אויף אונז, ווייל מיר האָבן אים פאַרלאָזן און פאַרלאָזן אויך זיין תּורה!

זיינען געריכט געוואָרן די הערצער פון די זעקס נסמכים און זיי האָבן אויסגערופן אין איין קול:

— מיר זיינען דיינע זין און די זין פונם האַרן פון דער וועלט!

אין דער רגע האָט בן־בבא קלאָר דערשפּירט, אַז זיי זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן דורך יידן־בוגדים און דורך יידן־מוסרים, און ער האָט געזאָגט צו די תּלמידים:

— זין מיינע, אַנטלויפט און ראַטעוועט דאָס לעבן אייערס! דען דער שונא קומט באַלד אָן...

— רבי, און וואָס וועט זיין מיט דיר? — האָבן די תּלמידים אים געפרעגט — דו ביזט דאָך שוואַך פון לאַנגן־לאַנגן תּענית, דו זיצט דאָך נאָך אויך איצט אין תּענית און קענסט ניט גיין!

— איך בלייב ליגן ווי אַ שטיין, ניט צו רירן אים פון אָרט!

און ער האָט באַשוואָרן זיי תּיכף צו אַנטלויפן.

האָבן זיי געטאָן אַזוי און זיינען מיט גרויס צער אַנטרונען.

באַלד איז אָנגעקומען אויפן אָרט אַ גרויסע מחנה רוימער־זעלנער און אויך האַרן — און האָבן זיך פון דאָרטן ניט גערירט

ביז זיי האָבן דורכגעשטאָכן אים מיט דריי הונדערט שפּיזן איי־זערנע, צעלעכערט ווי אַ זיפּ— — —

— — — איז אַרויס אַ בת־קול פונם הימל און האָט געזאָגט:

— וואויל צו דיר, יהודה, וואָס דיין גוף איז ריין און דיין נשמה איז דיר אין ריינקייט אויסגעגאַנגען! — מיין קנעכט יהודה וועט לעבן אייביק־אייביק!— — —

האָבן די חכמים געוואָלט אים מספּיד זיין — איז געוואָרן אַ מהומה, אַ בהלה, און זיי האָבן ניט באַוויזן— — —

* *
*

נאָך בן־בבא איז די ריי געקומען פאַר רבי **יהודה בן דמא.**

אים האָט אַליין דער קיסר זעען געוואָלט, דען אויך ער איז געגאַנגען אין די וועגן פון די פאַרפייניקטע חברים זיינע,—און מ׳האָט קיין רוים געבראַכט אים.

אַרויסגעפירט צום עשאַפאָט האָט מען אים אום ערב שבועות. האָט רבי יהודה געבעטן זיך ביים קיסר:

— לאָז מיך אָפּ אַ קליינע ווילע, ביז איך וועל אויפנעמען דעם יום־טוב, מקיים זיין די מצוות, וואָס זיינען צו אים שייך, און נאָך אַ מאָל גאָט דאַנקען פאַר דער טייערער מתנה, פאַר דער תורה, וואָס ער האָט אונז אין אָט דעם טאָג דעם הייליקן געגעבן.

האָט דער קיסר אים געפרעגט:

— צי דען גלויבסטו אין דיין תורה נאָך און ביזט נאָך אין דיין גאָט בטוח, וואָס האָט געגעבן זי?

— געוויס!

— וואָס וועט דער שכר דיר פאַר דיין תורה זיין?

— דאָס האָט דער קיניג דוד שוין געזאָגט: „ווי גרויס איז עס דאָס גוטס, וואָס דו האָסט צוגעגרייט פאַר דיינע פרומע לייט!״

האָט דער קיסר אויסגעשריען:

— ס׳איז אויף דער וועלט ניטאָ ווי איר אַזוינע שוטים, וואָס מיינען, אַז ס׳איז ערגיץ נאָך אַ וועלט פֿאַראַן!

האָט בן־דמא אים דערווידערט:

— ס׳איז אויף דער וועלט ניטאָ ווי איר אַזוינע שוטים, וואָס לייקענען אין לעבעדיקן גאָט! און ווינד און ווי און שאַנד וועט זיין דיר, ווען דו וועסט זען אונז אינם שיין פֿון לעבן פּונם אייביקן און דו וועסט פֿאַרלאָרן גיין אין שאול תּחתּיה!

האָט אָנגעצונדן זיך דער גרימצאָרן פֿון קיסר און ער האָט שטרענג באַפֿוילן, מ׳זאָל בן־דמאַ׳ן צובינדן פֿאַר די האָר פֿון קאָפּ צום עק פֿון אַ פֿערד און שלעפּן אים אַזוי איבער אַלע גאַסן און איבער אַלע מערק פֿון רוים; און דערנאָך האָט ער באַפֿוילן און מ׳האָט צעשניטן רבי יהודה׳ן גלידערווייז — — —

איז געקומען אליהו הנביא, האָט אויפֿגעקליבן אַלע אברים און אַלע שטיקלעך די צעוואָרפֿענע און אין אַ הייל מקבר זיי געווען ניט ווייט פֿון טייך, וואָס פֿליסט פֿאַר רוים. האָבן די רוימער גאַנצע דרייסיק טעג אָן אויפֿהער פֿון דער הייל געהערט אַ ביטערן געיאָמער און געוויין... האָט מען עס דערציילט דעם קיסר, — האָט ער געענטפֿערט:

— מעג אַפֿילו אונטערגיין די גאַנצע וועלט, וועל איך זיך ניט באַרואיקן ביז איך וועל ניט אויסראָטן די לערער און מנהיגים פֿון ישראל! — — —

* *

*

נאָך רבי יהודה בן דמא איז געפֿאַנגען געוואָרן רבי חוצפּית המתורגמן מיט אַלע זיינע תּלמידים.

ער איז געווען איינער פֿון די געניאַלסטע מענטשן נאָך אין די צייטן פֿון רבי אליעזר בן הורקנוס און רבי יהושע בן חנניה. ער איז געווען פּונקט אַזוי גרויס במעלה, ווי דער אויסטערלישער יונתן בן עוזיאל, הלל׳ס גרעסטער תּלמיד, און פּונקט ווי ביי יענעם, פֿלעגט אויך ביי אים אַ דורכפֿליענדיקער פֿויגל פֿאַרברענט ווערן פֿון פֿלאַם פֿון לערנען זיינעם. מיט זיין שאַרפֿן מוח האָט ער דערקלערט דעם ספר תּורת־כּהנים אויף

הונדערט מיט אַכטציק אופנים; האָט דערוויזן מיט הגיון אויף אַ זאַך, וואָס מ׳האָט געהאַלטן זי פאַר טמא, אַז זי איז גאָר טהור, און אויף אַ זאַך, וואָס מ׳האָט גערעכנט זי פאַר טהור, אַז זי איז גאָר טמא. ער האָט געקענט אויך אַלע שפּראַכן פון זיין צייט און קיין שום חכמה איז פאַרבאָרגן ניט געווען פון אים. און קיין שום עולה איז קיינמאָל ניט געווען אין אים. און אַלט איז ער געווען, רבי חוצפית, זייער אַלט, הונדערט דרייסיק יאָר; אָבער שיין איז ער געווען, ווי אַ יונגער בחור, און איז צו אַ מלאך גלייך געווען. אויף אים פלעגט רבי עקיבא לייענען דעם פסוק: יפיפית מבני אדם הוצק חן בשפתותיך — (פון אַלע מענטשן ביזטו שענער, אויס־געגאָסן איז אַ חן אויף דיינע לעפצן!) — און בשעת ער פלעגט שטיין און דרשענען, פלעגט זיין אָנגענעמע, זיסע, ליבע שטים צו־ציען די הערצער און זיי מאַכן צאַרט.

אַפילו רוימער זיינען געווען פאַרכישופט פון זיין שיינקייט און האָבן אינם האַרץ געפילט אַ טיפן כבוד צו דער פּראַכט פון זיין זונדערבאַרער גרייזקייט. זיינען זיי אַליין געקומען צו זייער קיסר און געבעטן אים צו שוינען דעם וואונדערליכן זקן, — האָט ער הערן ניט געוואָלט דערפון.

אַז מ׳האָט אַרויסגעפירט דעם פאַר׳משפט׳ן רבי חוצפית צו הריגה, האָט ער געבעטן ביים געקרוינטן מאַן אַ קלייניקייט: ער זאָל אים לאָזן לעבן נאָך איין טאָג!

האָט דער קיסר זיך פאַרוואונדערט און געפרעגט:

— ווי אַלט ביזטו?

— הונדערט יאָר מיט דרייסיק אָן איין טאָג, — וויל איך מיט דעם טאָג דעם איינציקן, וואָס דו וועסט מיר וואַרטן, גאַנץ פאַר־פילן די צאָל יאָרן מיינע.

— וואָס איז די נפקא־מינה דיר, צי שטאַרבן היינט, צי שטאַרבן מאָרגן?

— איך וויל דעם טאָג נאָך לעבן, בכדי צוויי מצוות נאָך מקיים זיין: צו לייענען נאָך צוויי מאָל „שמע“ פון ערבית און פון שחרית — צו פאַראייניקן און איבער מיר צו מאַכן קיניגן דעם גרויסן און פירכטערליכן שם!

איז אין גרימצאָרן אַריין דער קיסר, האָט גאָט געלעסטערט און געזאָגט:

— עקשנים און עז־פּנימער! ווי לאַנג וועט איר נאָך פאַר־לאָזן זיך אויף אייער גאָט? ער איז דאָך אַלט שוין און האָט קיין כּוח ניט צו ראַטעווען אייך פון מיין האַנט!...

אַז רבי חוצפּית האָט אַזוינע רייד פון לעסטערונג דערהערט, האָט ער זיך צעוויינט מיט אַ גרויס געוויין און אויף זיך צעריסן זיינע קליידער, און האָט געזאָגט צום קיסר:

— ווינד און ווי דיר, בלינדער קיסר! עס וועט אַ לעצטער בייזער טאָג נאָך קומען, ווען גאָט וועט משפּט'ן און שטרענג פאַר־משפּט'ן רוים און אירע געטער! — — —

האָט דער קיסר אַ געשריי געטאָן:

— געננוג וויכּוחים!

און האָט באַפוילן אים צו טויטן, — און מ'האָט אים אויפ־געהאַנגען און פאַרשטיינט — — —

אינם אייגענעם טאָג האָט מען אויך גע'ממית'ט אַלע תּלמידים פון רבי חוצפּית און די טויטע גופים פאַר הינט אַוועקגעוואָרפן אויף די פעלדער — — —

איז אַ סקעפּטיקער געגאַנגען און האָט געפונען די צונג פונם הייליקן רבי חוצפּית זיך וואַלגערן אין מיסט, — האָט ער זי אויפ־געהויבן און געפרעגט בתּמימות:

— די צונג, וואָס פּערל האָבן זיך פון איר געשאָטן, זאָל לעקן שטויב און שמוץ? זו תּורה וזו שכרה? — — —

האָט מען אים געענטפערט:

— עס שטייט געשריבן: „למען ייטב לך והארכת ימים" — עס וועט דיר גוט זיין אין דער וועלט, וואָס איז אינגאַנצן גוט, און עס וועלן לאַנג זיין דיינע יאָרן אין אַ וועלט, וואָס איז אינ־גאַנצן לאַנג — — —

* *

*

נאָך רבי חוצפּית איז געווען דער משפּט פון רבי חנינא בן־חכינאי.

ער איז אויך איינער פון די לעצטע איסיים געווען, וואָס האָט כל ימיו פאַרבראַכט בלויז אין מעשים טובים, אין תורה און אין קדושה. ער פלעגט שטענדיק זאָגן: דער וואָס איז אויף ביי-נאַכט און פאַרברענגט ניט אין תורה, אָדער דער וואָס גייט אין וועג אַליין און זיין הארץ איז פאַרטאָן אין הבלים און ניט אין ענינים פון לערנען,—איז אַ מתחייב בנפשו. פון צוועלף יאָר ביז פינף און ניינציק האָט ער פאַרבראַכט אין תעניתים און פאַר זיין פאָלק גאָט געבעטן.

דער טאָג, ווען מ'האָט אים אַרויסגעפירט צום טויט, איז גע-ווען ערב שבת. האָבן די תלמידים אים געפרעגט:

— רבי, אפשר וועסטו עפּעס טועם זיין,—דו ביסט דאָך אַזוי שוואַך פון תענית?

האָט ער זיי געענטפערט:

— ביז איצט פלעג איך כסדר פאַסטן, און איצט, ווען איך לאָז מיך אין אַזאַ וועג, זאָגט איר מיר גאָר, איך זאָל עסן-טרינקען!

האָט רבי חנינא גענומען מקבל שבת זיין, אָנגעהויבן קידוש מאַכן, לייענען „ויכולו", און ביים וואָרט „ו י ק ד ש" איז מען אים באַפאַלן און מ'האָט אים ניט געלאָזן ענדיקן און פירכטערליך גע-טויט — — —

— — — איז אַרויס אַ בת-קול פונם הימל און האָט גע-זאָגט:

— וואויל צו דיר, חנינא בן חכינאי, וואָס דו ביזט געווען אַ ק ד ו ש און דיין נשמה איז אויסגעגאַנגען אויך מיט ק ד ו ש ה!—

* *

*

נאָך אים האָט מען אַרויסגעפירט רבי י ש ב ב ה ס ו פ ר.

ער איז געווען איינער פון די גרעסטע חכמים נאָך אין די צייטן פון ר ב ן ג מ ל י א ל ד י ב נ ה און איינער פון די לעצטע ח ס י ד י ם. ע ר ה א ָ ט ז י י ן ג אַ נ ץ פ אַ ר מ ע ג ן פ אַ ר אָ ר י מ ע צ ע ט י י ל ט און איז געווען גרויס ווי משה אין תורה און אין יראה, חוץ נאָר פון נבואה.

אַז מ'האָט אים אַרויסגעפירט צום עשאַפאָט, זיינען צו אים

ומען די תּלמידים, האָבן ביטער זיך צעוויינט און געזאָגט
ו אים:

— רבי אונזערער! אויב מ׳נעמט־צו דיין ליכט פון אונז, וואָס וועט מיט דער תּורה זיין?

— קינדער מיינע! — האָט ער צו זיי געזאָגט — עס גייט אַ צייט, אַז פאַרגעסן וועט די תּורה ווערן ביי ישראל, ווייל די מרשעתדיקע אומה האָט ווי אַ שלאַנג געשייט געקליגט זיך די פערל אונזערע פון אונז אָפּצונעמען און צונישטשען... און הלואי וואָלט מיין מאַרטירערישער טויט געווען אַן אָפּקומעניש פאַרן גאַנצן דור! איך זע אָבער, אַז עס איז ניטאָ קיין אָרט אין דער גאַנצער קיסריות פון רוים און ס׳איז ניטאָ קיין גאַס אין רוים, וואו ס׳זאָל ניט זיין קיין דערשלאָגענער פון שווערד; איך זע, אַז די דאָזיקע מערדער׳שע אומה וועט נאָך פיל אומשולדיק יידיש בלוט פאַרגיסן...

האָבן די תּלמידים אים געפרעגט:

— רבי אונזערער: און וואָס וועט זיין מיט אונז?

האָט רבי ישבב זיי געענטפערט:

— האַלט זיך פעסט איינער אָן דעם אַנדערן, ליבט אחדות און אין ליבשאַפט, ליבט שלום און גערעכטיקייט, — וועט נאָך אפשר זיין אַ האָפענונג — — —

אין דער רגע איז דער קיסר אָנגעקומען און האָט געפרעגט ביי אים:

— דו האַלטסט דאָך שוין ביים טויט, און דו הרשנסט נאָך?

האָט רבי ישבב אים געענטפערט:

— ניין, איך וועל ניט שטאַרבן, נאָר אַוועק גיין אין אַן אַנדער וועלט!

האָט דער קיסר אָפּגעשפּאָט פון אים און אים געזאָגט:

— צי איז דען דאָ אַן אַנדער וועלט?

דערנאָך האָט ער געפרעגט ביי אים:

— און ווי אַלט ביזטו?

— היינט ווער איך ניינציק יאָר, — האָט רבי ישבב אים געענטפערט, — און נאָך איידער איך בין אויף דער וועלט געקו־

מען, איז שוין געווען פון אייבערשטן אַ גזירה אָנגעחתמעט מיך מיט די חברים מיינע איבערצוענטפערן אין דיינע הענט; אָבער דו זאָלסט וויסן זיין, אַז גאָט וועט אויפמאָנען אונזער בלוט פון דיינע הענט!

האָט דער קיסר אויסגעשריען בייז:

— נעמט גיך און פאַרברענט אים, — און איך וועל זען דעם כּוח און די גבורה פון זיין גאָט!

און מ׳האָט דעם חסיד רבי ישבב אַריינגעוואָרפן גלייך אין פייער — — —

און אין פייער האָט דער הייליקער מיט התלהבות געזונגען פסוקים פון דער תּורה, און אַז ער האָט דערגרייכט צו אַ פּסוק: „ויאמר ה׳ אל משה״, איז אים אויסגעגאַנגען די נשמה — — —

— — — איז אַרויס אַ בת־קול פונם הימל און האָט געזאָגט:

— וואויל צו דיר, ישבב, דען דו האָסט פון תּורת משה ניט דורכגעלאָזן קיין שום זאַך, וואָס דו האָסט מקיים ניט געווען!

* *
*

דער צענטער איז געווען רבי אלעזר בן שמוע, דער געקרוינטער תּלמיד פון רבי עקיבא און בן־בבא.

ער האָט דער ערשטער דעם לעצטן מאָל צו רבי עקיבא׳ן די ווערטער אויסגעשריען: „מירן גיין אין דיינע וועגן!״ און ער האָט דער ערשטער אויך מקיים עס געווען. צוזאַמען מיט זיינע חברים האָט ער מיט מסירת־נפש געטאָן די גרויסע אַרבעט — צוריק צו באַהעפטן די רינגען פון דער איבערגעריסענער קייט פון די דורות פונם פאָלק; צונויפצוקלייבן די צעזייטע און צעשפּרייטע ביינער פון דער אומה, אַרויפציען אויף זיי אָדערן און הויט, אַריינבלאָזן אינם אויפגעשטעלטן גוף אַ לעבעדיקן אָטעם, אַ לעבעדיקן גייסט, און אויסהיילן די וואונדן — — —

פון אַלע זייטן האָבן זיך צו אים געצויגן אָן אַ שיעור תּלמידים, מיט מסירת־נפש זיך צו אים געצויגן, צו הערן פון אים תּורה, צו הערן פון אים חכמה, אַ וואָרט פון לעבעדיקן גאָט, דען ער איז געווען איינער פון די גרעסטע פונם נייעם דור.

ער האָט געהאַט אַן אויסטערלישן שכל און אַ ברייטע צאַרטע הארץ, וואָס האָט אַרומגענומען אַ גאַנצע וועלט אין ליבשאַפט. פון קינדווייז אויף און ביז זיין לעצטן טאָג האָט קיינער קיינמאָל ניט געהערט פון אים קיין שלעכטע רייד און ער האָט קיינמאָל קיינעם ניט באַליידיקט ניט מיט רייד און ניט מיט מעשים, ניט איבער־געערדט זיך קיינמאָל מיט חברים. ער פלעגט שטענדיק זאָגן: „זאָל ליב דיר זיין דער כבוד פון דיין תּלמיד ווי דיין אייגענער, דער כבוד פון דיין חבר — ווי די מורא פאַר דיין רבי'ן, און די מורא פאַר דיין רבי'ן — ווי די מורא פאַר דיין גאָט!" — ער איז געווען אַ גרויסער עניו, אין די אויגן ביי זיך קליין און האָט פאַרבראַכט כּל ימיו אין תּעניתים.

און אין מיטן פון זיין גרויסער, הייליקער און לעבעדיקער אַרבעט האָט מען אַראָפּגעזעצט אים פון זיין שטול, אָפּגעטאָן אים פון זיין קאָפּ די קרוין און אים אַריינגעוואָרפן אין אַ תּפיסה. און מ'האָט געפונען בלויז איין זינד אין אים — וואָס ער פאַרשפּרייט די תּורה אין זיין פאָלק — — —

און דער טאָג, ווען מ'האָט אים אַרויסגעפירט צום טויט, איז געווען יום־כּפּור. זיינען געקומען די תּלמידים זיינע און האָבן אים געפרעגט:

— רבי אונזערער, קרוין פון אונזער קאָפּ! וואָס זעסטו?

האָט רבי אלעזר זיי געענטפערט:

— איך זע, ווי מ'טראָגט אין מטות אַרויף־אַרויף אין הימל איינעם נעבן אַנדערן אונזערע הייליקע און גרויסע לערער בן־יוסף און בן־בבא, און זיי זיינען מתווכח זיך אין אַ הלכה...

האָבן די תּלמידים געפרעגט ביי רבי אלעזר:

— און ווער איז צווישן זיי מכריע?

האָט ער זיי געענטפערט:

— ישמעאל כּהן גדול.

— און ווי בלייבט דער דין?

— ווי רבי עקיבא, ווייל ער האָט מער ווי אַלע גאָר די כּוחות זיינע אַוועקגעגעבן פאַר דער תּורה — — —

און נאָך האָט רבי אלעזר געזאָגט צו די תּלמידים:

— קינדער מיינע, ליבע, טייערע! איך זע פאַר זיך אַן

אַנדער וועלט, אַ וועלט פול עֶדנדיקן ליכט און עֶדנדיקער מילד־קייט, אַ וועלט פול גוטס און ליבשאַפט, — אַ וועלט פון הייליקע נשמות! און איך זע, ווי די נשמה פון יעדן צדיק איז זיך טובל אין די וואַסערן פון לויטערן שילוח, כדי אַריינצוגיין גערייניקט אין דער ישיבה של מעלה צו הערן דאָרטן רבי עקיבא׳ס דרשה וועגן ענין פונם טאָג; דען אַלע נשמות פון צדיקים און פון חסידים און אויך די מלאכי השרת, די שרפים, כרובים און אֶראֶלים, קו־מען אַלע מאָל זיין תורה הערן — — —און, קינדער האַרציקע, געלוסטיקע, איך זע—מלאָכים טראָגן גינגאָלדענע שטולן, איטליכער באַזונדער פאַר זיין צדיק, כדי זיי זאָלן זעצן זיך אויף זיי בקדושה ובטהרה, בקדושה ובטהרה— — —

ביי די ווערטער האָט דער תליון, לפי באַפעל פון קיסר, רבי אלעזר׳ן אַכזָריש־ווילד אַראָפּגעהאַקט זיין קאָפּ— — —

— — — אין דער רגע איז אַרויס אַ בת־קול פונם הימל און האָט אָפּגעהילכט אין אַלע וועלטן.

— וואויל צו דיר, אלעזר בן שַמוּעַ, דען דו ביזט קדוש וטהור און דיין ריינע כשרע נשמה איז אויסגעגאַנגען בקדושה ובטהרה! —

* *

*

— — — און נאָך אַ בת־קול איז אַרויס און הילכט פון אייביק און ביז אייביק:

— וואויל צו אייך, הרוגי מלכות, דען איר זייט קדושים וטהורים און איר האָט אייערע ריינע הייליקע נשמות אָפּגעגעבן פאַר אייער גאָט בקדושה ובטהרה! —

און אַ דריטער בת־קול הילכט אָן רו און ראַסט פון איין עק וועלטאַל ביזן צווייטן און אויך פון אייביק און ביז אייביק:

— ונקיתי דמם לא נקיתי!—כ׳וועל זייער בלוט ניט שענ־

קען, דאָס הייליק בלוט פון רבי עקיבא און פון די חברים זיינע— די זין מיינע די אַלערהייליקסטע! — — — הערט-פאַרנעמט, איר פעלקער פון דער וועלט! עס גרייט זיך און ס׳וועט קומען אַ גרוי-סער שטרענגער יום-הדין איבער פעלקער, נאַציעס און אויך גאַנצע ראַסן. עס וועט געפאָדערט ווערן שטרענג אַ קלאָרער דין וחשבון: פאַרוואָס האָט איר געפּ׳יניקט מיינע ליבע און געטויט זיי? פאַר-וואָס האָט איר אַ האַנט אויף זיי געלייגט? איר וואַשט די הענט און לייקנט שטיין און ביין: איר האָט דאָס בלוט גאָר ניט פאַר-גאָסן און איר ווייסט גאָר נישט פון די מעשים אַלע? מיט בלבולים פאַלשע און מיט צביעות ווילט איר אייער זינד און אייער שולד פאַרדעקן. אָבער אַלע נעמען פון די קדושים פון די ערשטע ביז די לעצטע דורות—געהאַנגענע, פאַרשטיינטע, גע׳שָחטענע, פאַרברענ-טע—זיינען קלאָר אויף לוחות פון ספירים איינגעקריצט טיף און זיכער לזכרון,—וועל איך פאָרלייענען פאַר אייך די נעמען אַלע, און טויט-בלאַס וועלן ווערן אייערע פּנימער די רואיקע און קאַל-טע און אייער שולד וועט דאַן דורך לעבעדיקע עדות קלאָר דער-וויזן ווערן! מיט קיין שום זאַך וועט איר קיינמאָל קיינער פאַר-ענטפערן ניט קענען אייער קין-זינד קעגן מיין עקיבא׳ן און זיינע געטליכע חברים און זיך ניט אויסצאָלן פאַר זיי! דעמאָלט וועל איך מיט דין-צדק זיך אָפּרעכענען מיט די פאַרוויס-טער פון מיין נחלה און מיט די פאַרלענדער פון מיין פאָלק; וועל אויפמאָנען דאָס בלוט פון מיינע ליבסטע זין די עשרה הרוגי מלכות און דאָס בלוט פון אַלע קדושים מיינע טייערע, וואָס זיינען פונקט ווי זיי אומגעקומען צו הייליקן מיין נאָמען, דען זייער בלוט ווערט קיינמאָל ניט געשטילט, זידט און קאָכט און שרייט צו מיר מיט קולות, וואָס רייסן אַלע הימלען דורך און וואַקלען מיר דעם כסא הכבוד! דעם דאָזיקן געשריי פון די ענוים וועל איך קיינמאָל-קיינמאָל ניט פאַרגעסן! — — — דעמאָלט וועל איך מאַכן אונטערגיין די פאַרדאַמטע דורכגעפוילטע קין-וועלט פון אומרעכט, צביעות, בלוט און שאַנד! דעמאָלט וועט גערייניקט ווערן די טָמֵאדיקע ערד, ס׳וועט באַנייט ווערן די וועלט און ס׳וועט זיין געקומען דער אויסגעלייטערטער און אויפגעלעבטער

אויסלייזער בן־דָוִד, פון דער גאַנצער נייער וועלט מיט פרייד דער אָנדערקענטער מלך המשיח מנחם בן עמיאל, וואָס זיין נשמה האָט זיך איינמאָל שוין אין שטערנזון באַוויזן! —

דער אויסלייזער.

(פאָלקסטימליכע געשיכטע)

דאָס האָט פּאַסירט גאָר אַמאָל־אַמאָל, מיט אַ סך הונדערטער יאָרן צוריק, אין אשכנז דער גרויסער מדינה, אין ווירמייזאָ דער אוראַלטער שטאָט, וואָס אויפן ברעג פון ריינוס דעם טייך און וואָס מ׳האָט זי „ביי־ירושלים" גערופן.

ס׳איז אַ שיינער ליכטיקער ערשטער טאָג פסח געווען.

דער הימל איז לויטער־בלוי, און אָן אַ מינדסטן וואָלקענדל געווען און די זון האָט מילד געגאָסן איר צאַרטע פרי־יאָריקע שיין אויף דער ערד.

די מענטשן, די בעלי־בתים פון דער שטאָט, האָבן זיך באַזונדערס מונטער און היימליך געפילט. ס׳האָט זיי אויפן גאס געצויגן, די הערצער זייערע זיינען געווען מיט יום־טוב אָנגעפילט און זיי האָבן געגלוסט אין לויבגעזאַנג צו זייער גאָט אויסצוגיסן זייער אינווייניקסטע שמחה. זיי האָבן אַ חגא געפייערט און זיינען איבער אַלע גאַסן מיט הייליקע בילדער געגאַנגען. די, וואָס זיינען פאָראויסגעגאַנגען, האָבן הילכעדיק און אויסגעצויגן אַ תפילה געזונגען און דער גאַנצער עולם האָט פאַרגאַפּט זיי מיטגעהאָלפן. אַז זיי זיינען אין דער יידישער גאַס אַריינגעקומען און זיינען פאַרביי דער יידישער גרויסער שול פאַרבייגעגאַנגען, האָבן זיי פון דאָרטן אויך אַ הילכעדיק־אויסגעצויגענעם לויב־געזאַנג צו גאָט דערהערט, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט די געזאַנג־טענער פון גאַס — — —

— אַ גאָטלעסטערונג! — האָט עמיצער פון די פּאַראָויסגייענ־דיקע מיט גרימצאָרן אַ וואָרף געטאָן.

האָבן די, וואָס זיינען נאָך זיי געגאַנגען, עפּעס ווי אַ ציטער געטאָן, און אַ געמורמל איז דורכן גאַנצן עולם אַדורך — —

פּלוצלינג האָט זיך פּונם המון אומבאַמערקט אָפּגעטיילט עפּעס אַ משונהדיקער מענטש, האָט זיך ווי אַ שאָטן דורכגעשלייכט צווישן די יידישע הייזער און איז נעלם געוואָרן — — —

און באַלד איז אומגעריכט עפּעס גרוילנדיקס געשעען: פון ערגעץ איינעם פון די הייזער, אַזוי ווי פון אַ בוידים דורך אַ לאָך, האָט עמיצער אַראָפּגעגאָסן וואַסער אויפן גאַס... און גראַד אויף אַ הייליק בילד געטראָפן!

דער גאַנצער עולם אויפן גאַס איז אויף אַ רגע ווי פּאַר־שטאַרט געוואָרן און אויפן אָרט פאַרגליווערט שטיין געבליבן. באַלד דערויף האָט ער זיך אַהייב געטאָן, ווי אַ שטורימדיקער וואַל פון אַ צעבושעוועטן ים; ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ רעש, אַ לאַרים, אַ געפּילדער, און קולות פון מאָויימדיקן גרימצאָרן, פון זלזולים, קללות און בייזע בשורות האָבן זיך געטראָגן עד־לשמים...

— די יידן האָבן מיט אַ כּיוון דאָס געטאָן!

— אַזאַ חילול הקודש!

— אַ טויט די יידן די ארורים!

— אַ טויט!... אַ טויט!...

ס'האָט פון דעם די לופט געציטערט און ס'האָט דאָס יידיש האַרץ געציטערט... אַן אימת־מות איז אָנגעפאַלן אויף אַלע יידן פון ווירמייזאַ. אָנשטאָט הלל און שיר־השירים זינגען האָבען די מתפללים מיט־אַמאָל געגומען מיט אַ האַרצרייסנדיקן געוויין סליחות זאָגן און „אָשמנו" זיך אין האַרצן שלאָגן...

דענסטמאָל האָט דער גריין־גרויער טיף־געאַכטער און באַ־ליבטער מרא־דאתרא זיך אויפגעהויבן פּלוצלינג פון זיין אָרט, האָט פאַרן אָרון־קודש זיך געשטעלט און צום עולם מיט די ווערטער זיך געווענדט:

— קינדער פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב! זייט ניט מחלל יום־טוב מיט סליחות און מיט וויינען! דערמיט וועט איר

זיך נאָך מער פאַרזינדיקן ביי גאָט! שלאָגט זיך ניט „אָשמנו“! איך ווייס ניט, ווער עס האָט געטאָן די בייזע זאַך, אָבער איך ווייס, אַז קיינער פון אונז, קיינער האָט טאָן דאָס ניט געקענט און האָט דאָס ניט געטאָן! דאָס האָט באַשטימט געטאָן אונזער א דם־שונא. איך ווייס, אַז איר זייט אומשולדיק, ווי די שעפּעלעך, וואָס שטייען שטום פאַר דער שחיטה, און ריין ווי די טויב, וואָס איר זייט צו איר געגליכן! און דעריבער—אפילו אין דער דאָזיקער רגע פון בייזן גזר־דין, ווען א שאַרפער שווערד ליגט אויף אונזער האַלז, טאָרן מיר זיך ניט מיאש זיין פון דער האָפענונג, אַז דער גאָט פון אונזערע אָבות וועט ניט פאַרלאָזן זיין געפּייניקט פאָלק, וואָס ליידט פאַר פרעמדע זינד... מיר מוזן גלויבן און האָפן, אַז ער וועט אונז שיקן אַ ישועה און אַן אויסלייזונג פון אונזער אומגליק, וואָרום אונזער גלויבן און האָפענונג האָבן אויפגעהאַלטן אונזער קיום ביז צום היינטיקן טאָג! ובכן—קערט זיך אום צוריק צום הלל און שיר השירים, ברידער, און זאָל אויף אייך ניט ציטערן, ווי אויף שולדיקע, די הויט! און אויב אונז וועט סוף־כל־סוף פאָרט באַשערט, חלילה, זיין צו גיין צו דער עקדה, זאָלן מיר גיין מיט אַזוינע ריינע, מונטערע און פרייליכע נשמות, ווי יצחק אָבינו און ווי די קדושים אונזערע פון אַלע צייטן און אין אַלע מדינות פון דער גאָרער וועלט!...

— אָמן!!!—האָט דערויף אַ שאַל געטאָן איבער דער גאַנצער שול און האָט אָפּגעהילכט ווייט הינטער אירע ווענט.

און די שול איז ווידער פול געוואָרן מיט יום־טוב׳דיקע טענער און פון אַלעמענס אויגן האָט עס געגומען שטראַלן מיט האָפענונג אויף אַ גיכער זיכערער ישועה — — —

באַלד האָט מען געלאָזט רופן די יידישע ז׳ טובי העיר צום שררה פון דער שטאָט און ער האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

— זייט וויסן, אומגליקליכע, אַז איך האָב אַיינגעהאַמעוועט דעם שטורימדיקן גרימצאָרן פונם אויפגערודערטן המון, וואָרום פּלוצלינג האָט אין די אויערן מיר אַ הילך געטאָן אַ וואָרט, וואָס איך האָב אַמאָל געהערט פון איינעם פון די [illegible]יעריקע, אַז אויב איינער האָט אפילו שוין יאָ געזינדיקט, טאָר דער גרימצאָרן ניט

אויסגעגאָסן ווערן אויף דער גאַנצער עדה. איר מוזט אָבער דעם איינעם ברענגען, וואָס האָט קעגן אונזער היילקטום געזינדיקט, — וועט ער בלויז איינער באַשטראָפט ווערן אַליין און די איבעריקע יידן וועלן פריי ווערן פון שטראָף. וועט איר אָבער דעם שול־דיקן צו מיר ניט ברענגען, וועט עס הייסן, אַז איר זייט מיט אים אַלע אין איין עצה, און איר וועט אַלע ענטפערן דערפאַר און אַלע יידן פון ווירמייזאָ וועלן פאַרטיליקט ווערן. איך גיב אייך צייט ביזן לעצטן טאָג פון אייער פסח! דאָס איז מיין לעצטער וואָרט!

דער פסח איז געווען אַ טרויעריקער, אָבער די עדה האָט אַלץ ניט אויפגעהערט אויף עפּעס צו וואַרטן און צו האָפן. ס׳זיי־נען די ערשטע טעג אַוועק, דער חול־המועד איז אַריבער, שביעי של פסח איז שוין אויך געקומען, — און קיין איין ייד האָט נאָך אַלץ זיך ניט געמאָלדן, אַז ער האָט דאָס געטאָן. און מאָרגן איז דער לעצטער טאָג — — — אַ חושך איז אָנגעפאַלן אויף די יידן פון ווירמייזאָ, זיי זיינען אַריין אין אַ טיפן יאוש און האָבן געוואַרט אויפן אכזריותדיקן טויט פון מערדערישע הענט. ס׳האָבן ניט גע־האָלפן די טרייסטנדיקע רייד פונם טיף־געאַכטן און באַליבטן ישיש, — דאָס פאָלק האָט זיך אפילו טרייסטן ניט געלאָזט. אין מיטן העלן טאָג האָט זיך די זון פאַר אים פאַרלאָשן. מיט פאַר־יאושטע אויגן און אָפּגעסמטע הערצער האָט די געטאָ פון וויר־מייזאָ געוואַרט אויף דער בייז־באַשערטער שעה פון דער אימה־דיקער שחיטה — — —

צום סוף איז געקומען דער באַגינען פון אחרון של פסח. די גאַנצע קהילה פון ווירמייזאָ איז אויפגעשטאַנען נאָך פאַר עלות השחר און איז אַוועק צו טבילה. אַלע האָבן זיך געגרייט צום טויט און געוואָלט אויפן עולם האמת טהורים ונקיים קומען... זיי האָבן גוט געוואוסט, אַז עס וועט ניט איבערבלייבן קיינער, ווער עס זאָל זיי אַפילו מטהר זיין...

באַלד נאָך דער טבילה האָבן זיך אַלע יידן אין דער גרוי־סער אַלטער שול פאַרזאַמלט — מאַנסבילן און ווייבער, עלטערן און

קינדער, אַלט און יונג — אַלע, אַלע, אָן אַ יוצא מן הכלל, אפילו אַ קינד אין וויג איז ניט פאַרבליבן — — —

און מ'האָט צו תפילה זיך גענומען. מ'האָט מתפלל געווען מיט פייער, מיט אַ ברען, מיט אַלע אברים און מיט אַלע חושים. אַלע האָבן זיך אַריבערגעטראָגן אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ וועלט, וואו ס'איז ניטאָ קיין שקר, אומרעכט און קיין רשעות, וואו ס'הערשט נאָר אמת און אייביקע גערעכטיקייט... אַלע האָבן איינס געפילט און די תפילות האָבן זיך געגאָסן ווי פון איין האַרצן אָן אַ סוף — — —

* *

*

ס'איז שוין האַלבער טאָג געוואָרן און די יידן זיינען אין שול נאָך אַלץ געווען און אָן ווערטער אַלע ווי איין מענטש טיף אין האַרץ ביי זיך באַשלאָסן אין מקום קדוש דאָ צו שטאַרבן — —

באַלד האָט אַן אומגעהייערער המון, באַוואָפנט מיט כל-ער-ליי כלי-זיין, די שול באַלעגערט, אַרויסגעשלעפט פון דאָרטן אַלע יידן, די מאַסביל און די ווייבער און די קליינע קינדער, אַרויס-געטריבן אויפן מאַרק אין מיטן שטאָט און אַרומגערינגלט זיי פון אַלע זייטן. באַלד דערויף איז רייטנדיק אויף אַ פערד און מיט אַ בלאַנקן שווערד אין האַנט אַרויס צו זיי דער שררה און האָט אויסגערופן מיט אַ הויכער שטים:

— אויב איר וועט אין משך פון פינף מינוט ניט ברענגען דעם פאַרברעכער, וועט איר אַלע אָן אַן אויסנאַם ווערן תחת חרב!..

פאַרגליווערט זיינען געוואָרן די יידן אין איין מאַסע און האָבן שטום געשוויגן... אויך דער המון אַרום די יידן איז פאַר-שטאַרט געבליבן אין דערוואַרטונג...

דער שררה האָט געקוקט אויפן זייגער פון דער שטאָט און רואיק-קאַלט געציילט די סעקונדן... די צייט האָט זיך געצויגן לאַנג. איטליכע סעקונדע איז געווען אַ שעה און איטליכע רגע איז געווען אַ יאָר... אַן אָנגעשטרענגטע שטילקייט איז געווען אַרום, עס האָט זיך ניט געהערט קיין וואָרט, קיין שאָרך, קיין קלאַנג... אָט

איז שוין אוועק איין מינוט, באַלד די צווייטע און די דריטע... אָט גייט שוין די פינפטע מינוט — און קיינער רופט זיך נאָך אַלץ ניט אָפּ... אַ שאָרך, אַן אומרו איז אַדורך די עדה יידן... זיי האָבן אַלע ווי איין מענטש דערשפּירט, אַז אָט־אָט באַלד איז שוין דער סוף, אַז בלויז אַ נס קען דאָ זיי ראַטעווען...

די פינפטע מינוט איז שוין אויך געווען ביים סוף...

פּלוצלינג — האָט זיך פון מיטן און פון אַרום דעם עיגול אַרויסגעריסן אַ דערשטוינטער „אַך!"...

— — — פון דער עדה יידן, וואָס אין עיגול, איז רואיק, שטיל און שטאָלץ אַרויס אַ יונגער שלאַנקער ייד, מיט אַ געדיכטער שוואַרצער באָרד, מיט אַ שיינעם שיינענדיקן פּנים ווי פון אַ מלאָך און מיט העל־שטראַלנדיקע אויגן, אָנגעטאָן אין אַ שניי־ווייסן קיטל און אין אַ תּכלתענעם טלית מיט אַ קאַפּל אויפן קאָפּ, ווי ער וואָלט געווען אַ כּהן, וואָס גרייט זיך צו דער עבֿודה אום יום־כּפּור...

נשתּומם איז געוואָרן די גאַנצע עדה יידן, דערזעענדיק דעם דאָזיקן וואונדערליכן מאַן, וואָס איז אין זייער סבֿיבֿה קיינ־מאָל ניט געווען, וואָס איז זיי לגמרי אומבאַקאַנט געווען... פאַר־גאַפט האָבן זיי אויף אים געקוקט, ווי ער איז צוגעגאַנגען מלכותדיק צום שׂררה און האָט צו אים מיט אַ קלאָרער פעסטער שטים געזאָגט די דאָזיקע פּשוט־שטאַרקע און דאָך הייליק־מילדע ווערטער:

— פאַרגיסט ניט קיין אומשולדיק בלוט! מאַכט קיין בלבול ניט אויף דער אומשולדיקער עדה יידן פון דער אוראַלטער ווירנ־מייזאָן! קיינער פון זיי האָט ניט געטאָן דאָס, אין וואָס איר מאַכט זיי שולדיק! דאָס האָט עמיצער פון די א י י ע ר י ק ע געטאָן! מ י ך נעמט פאַר אַן אויסלייזונג! — איך בין — אַ זינדיקער! — — —

אַז ער האָט געענדיקט, האָט אַ ווילדער אויסגעשריי פונם אַרומיקן המון פאַרטויבט די לופט, ווי אַ געברום פון אַ טשערעדע הונגעריקע אָקסן:

— אַ טויט — אַ טויט דעם כּופר, דעם פאַרפלוכטן יידן! — —

— — — דער ערשטער האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן פלאַדיקן אומבאַקאַנטן דערזעלביקער משונהדיקער מענטש, וואָס

איז דעם ערשטן טאָג פסח אַרויס פונם המון און וואָס האָט זיך
ווי אַ שאָטן דורכגעשלייכט צווישן די הייזער פון די יידן און
איז דאָרטן פאַרשוואונדן... נאָך אים האָבן זיך מיט אַ ווילדער
משוגעת אַ וואָרף געטאָן אויפן קרבן אַלע איבעריקע פון המון. מיט
מאוויימדיקער אכזריות האָבן זיי דעם אומגליקליכן געפייניקט.
מ׳האָט אים גליד פאַר גליד געשניטן און געריסן, מ׳האָט די האָר
זיינע פון קאָפּ און באָרד געפליקט, מ׳האָט אים לעבעדיקערהייט
די הויט פון לייב געשונדן און צום סוף — אויף שטיקער אים
צעריסן— — —

די בלוטדאָרשטיקע הערצער זיינען סוף כל סוף געוואָרן
זאַט, די געמיטער איינגעשטילט,—און די בייזע גזירה איז בטל
באַלד געוואָרן— — —

*

לאַנג נאָכדעם האָבן די יידן אין ווירמייזאַ נאָכגעטראַכט
נאָך דעם, ווער איז דער הייליקער מאַן געווען, וואָס האָט זיך
מקריב געווען פאַר זיי: צי איז דאָס געווען עמיצער אַ פאַרשטעל־
טער צוגעשיקט פאַר זיי מן השמים, אָדער גאָר אַ נאָענטער, אַן
אייגענער, איינער פון דער יידישער גאַס אין ווירמייזאַ, וואָס איז
אַמאָל פון איר אַוועק און האָט לגמרי זיך פון איר דערווייטערט,
נאָר ער האָט ניט אויסגעהאַלטן און האָט אָן ווערטער זיך אומגע־
קערט צוריק צו איר אין איר עת־צרה?—ער איז געווען צו אים
אי ענליך אי ניט ענליך... גאַנץ פרי באַגינען האָט מען צום דער־
שטוינען ביי דער טבילה דעם ערשטן אים געטראָפן און נאָכדעם
איז ער אין אַ שניייווייסן קיטל און אַ תכלתענעם טלית אָפּגעשטאַ־
נען אין אַ שטילער, נאָך ניט געזעענער דביקות ביי דער טיר
אין מערב־וואַנט פון שול ביז דער רגע, ווען מ׳האָט אַלעמען
אַרויסגעשלעפּט פון שול צום מיטן שטאָט. אין עיגול אָבער ביז
גאָר דער לעצטער רגע האָט מען אים שוין ניט געזעען... אפשר
דערפאַר, ווייל מ׳האָט בכלל דאָן נישט געזעען—מ׳האָט אים ניט
געקענט דערקענען, ער איז געווען צו יענעם אי ענליך אי ניט
ענליך— — —

די יידן אין ווירמייזאָ האָבן אָבער קיינמאָל זייער אויסלייזער פאַרגעסן ניט געקענט און ס'איז ביי זיי געבליבן אַ מנהג ווי אַ דין אַלע יאָר אַחרון של פסח — מזכיר נשמה צו זיין דעם אויסטערלישן אומבאַקאַנטן, וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ טויט פון קדושים פאַר זיין פאָלק— — —

לַמד־װָאװניקעס.

(פאָלקסטימליכע געשיכטע).

א מתנה מײנע ליבע
מיכלען און עמנואלן.

אין פױלן דער מדינה, אין דער אַלטער שטאָט קראָקע איז אַמאָל געװען אַ רב רבי מרדכי מיט אַ רביצן מרת אסתר. האָבן זײ געהאַט אַ בן־יחיד דוד׳ל. אַ װאױל טײער קינד איז דוד׳ל געװען, האָט געפאָלגט טאַטע־מאַמע, איז געװען גוט צו גאָט און צו לײט, איז געזעסן אין די געצעלטן פון תורה און האָט געלערנט בהתמדה יומם ולילה, ביז ער איז געװאָרן אַ מושלם מיט אַלע מעלות, אַן עילוי שבעילויים. זײן גוטער שם איז אַרױס אין אַלע שטעט אַרום, ער האָט געפונען חן אין אַלעמענס אױגן און אַלע האָבן זיך געבענטשט מיט אים. טאַטע־מאַמע האָבן געהאַט גרױס נחת פון אים און כבוד פון אַלע זײטן.

רבי מרדכי האָט געגלױבט און געהאָפט, אַז זײן בן־יקיר׳ל װעט זײן אַ גדול בישראל. ער איז געװאָרן זײער שטאָלץ בײ זיך און האָפערדיק. ער האָט זיך געטראָגן מיטן רעיון, אַז ער װעט זיך מתחתן זײן נאָר מיטן גרעסטן נגיד און שענסטן מיוחס, און װעט דערצו נאָך נעמען אַ גרױסן נדן פאַר זײן זון און רײכע מתנות פאַר זיך. ניט אײן מאָל האָט דער רב די דאָזיקע האָפענונגען זײנע פאַר דער רביצן אַרױסגעזאָגט, אָבער זי איז אַ גרױסע צנועה געװען, האָט זי אַלעמאָל געענטפערט, אַז מ׳טאָר בײ זיך ניט האָפערדיק זײן, אַז דוד׳לס זיװוג איז שױן לאַנג אין

הימל אויסגערופן געװאָרן נאָך מיט פערציק טעג פריער, אײדער ער איז אין אַ גוטער מזלדיקער שעה געבאָרן געװאָרן, און דער־ריבער דאַרף מען אַליין גאָרנישט ריידן און נישט טאָן, — די באַשערטע װעט שוין אַליין קומען.

און ס׳איז געװען, אַז דוד׳ל איז אַלט געװאָרן אַכטצן יאָר, האָט ער איינמאָל, שבת בייטאָג נאָכן עסן, זיך אָפּגערופן צו טאַטע־מאַמע, אַז ער װיל אַרויסגיין אַביסל אין פעלד שפּאַצירן.

איז דאָס געװאָרן צו אַ פּלא אין די אויגן פון טאַטע־מאַמע, מחמת דוד׳ל פלעגט קיינמאָל ניט מבטל זיין אפילו אַ רגע פון זיין לערנען, און װער רעדט שוין אום שבת. זיי האָבן אָבער פון גרויס ליבשאַפט צו אים קיין שאלות ניט געפרעגט און אים תיכף רשות געגעבן אַביסל דורכצוגיין זיך לכבוד שבת. און דוד׳ל האָט זיך לאַנג געזאַמט אין פעלד. די עלטערן האָבן אַביסל זיך געװאונדערט, פונדעסטװעגן, אַז ער איז פאַרנאַכט צוריק אַהיים געקומען, האָבן זיי ביי אים גאָרנישט ניט געפרעגט, װייל זיין פנים האָט געשיינט פון שמחה װי די ליכטיקע זון, און זיי האָבן אים ניט געװעלט מצער זיין.

אויף מאָרגן, זונטאָג, פונקט אין דערזעלביקער שעה, האָט דוד׳ל װידער אַמאָל געבעטן ביי טאַטע־מאַמע רשות אַרויסצוגיין אַביסל אין פעלד, און זיי האָבן עס אים װידער געגעבן.

איז ער אַװעק אין פעלד, און די עלטערן האָבן זיך װעגן דעם זייער שטאַרק געחידושט און ס׳האָט זיי עפּעס באַנג געטאָן אין האַרצן.

און ס׳איז געװען, אַז דוד׳ל האָט זיך אומגעקערט צוריק פון פעלד אַהיים, האָט דער פאָטער צו אים אַזוי געזאָגט:

— קינד מיינס, טאַטע־מאַמע דאַרפן װיסן אַלץ, װאָס אַ קינד טוט.

און דוד׳ל האָט װי אַ טויב אַריינגעקוקט דעם פאָטער גלייך אין די אויגן אַריין און האָט אים גלייך געענטפערט:

— איך װיל אייך טאַקע, ליבע טאַטע־מאַמע, אַלץ דער־ציילן. נעכטן בייטאָג — איך װייס ניט פאַרװאָס און װי אַזוי — איז מיר פלוצלינג אַריין אַ מחשבה, איך זאָל גיין אין פעלד. בין איך

אַהין אַוועק. דאָרטן האָב איך גאָטס שיינע וועלט דערזעען, דעם בלויען הימל אויבן און דעם גרינעם וואַלד פונוויטן. איך בין געגאַנגען אויף אַ שטעגעלע צווישן קאָרן. פון ביידע זייטן האָט אַ ליב ווינטעלע לייכט געוויגט די זאַנגען, ווי ווייכע העלע כוואַליעס אויף אַ שטילן טייך. אַרום איז אַ מילדע שטילקייט געווען אויסגעגאָסן. איך האָב באַלד אַ צערטליכן געזאַנג פון פייגעלעך פון וואַלד דערהערט און אַ ליבן זומען פון גאָטס קליינע בראָימלעך אין פעלד. איך האָב דערשפירט, ווי אַלץ אַרום גיט אָפּ אַ לויב צו גאָט פאַרן לעבן און פאַר דער פרייד פון לעבן. און מיר איז מיט=אַמאָל אַזוי וואויל און אַזוי גוט געוואָרן, מיין האַרץ איז פול געוואָרן מיט התפעלות און אַ שירה האָט זיך באַלד אין מיר צעגאָסן, — האָב איך זיך געשטעלט מיט התלהבות מנחה דאַוונען. אַז איך האָב זיך נאָך דער תפילה אומגעקערט, בכדי אַהיים צו גיין, בין איך איבערראַשט געוואָרן. די זון האָט זיך שוין שטאַרק געהאַט אַ נייג געטאָן צו מערב=זייט, און מיר איז אומעטיק געוואָרן. מיט=אַמאָל האָב איך דערזעען אַ וואונדערליכע זעאונג: פון דער זייט, וואו די זון איז פאַרגאַנגען, איז אַ זוניקע געשטאַלט אַרויס, אַ יונגע, בלומענדיקע, עפעס גאָר ווי אַ מלאָך, נאָך שענער פאַר דער זון. דאָס איז געווען אַ מיידל אַ יפת=תואַר, ווי די מוטער רחל, בשעת זי האָט באַגעגנט יעקבין ביים ברונים. זי איז צוגעגאַנגען גלייך צו מיר און איך בין מיט איר געגאַנגען, ביז מיר זיינען געקומען צום אָנהייב וואַלד. און דאָרטן האָב איך דערזעען — און אפשר האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איך זע, ווי לעבעדיקע, מ י י ן זיידן און א י ר זיידן, און זיי האָבן צו אונז אַזוי געזאָגט:

— ד ו ביזט אַ שיינער, וואוילער יינגל! און ד ו ביזט אַ שיינע, וואוילע מיידל! על=כן איז רעכט און פּאַסיק, אַז איר זאָלט ביידע חתן=כלה ווערן. מאָרגן אין דער צייט קומט ביידע אַהער". בין איך היינט אַהין געקומען און די דאָזיקע רחל איז אויך געקומען. ביידע זקנים זיינען דאָרטן שוין געשטאַנען און האָבן אויף אונז געוואַרט. און אַז מיר זיינען געקומען, האָבן זיי נאָך אַ מאָל געזאָגט: „ווי אַ צווילינג זייט איר מיט אַלע אייערע גוטע מעלות.

בכן זאָלט איר אויף אייער גאַנץ לעבן פאַרבונדן ווערן". און זיי האָבן אונז באַפוילן איינער דעם אַנדערן אַ תּקיעת־כּף צו געבן. און זיי האָבן אונז געבענטשט מיט דער ברכה פון „מזל־טוב" און האָבן אונז קלוגע מוסר־רייד געזאָגט, אַז מיר זאָלן אין דרך־הישר גיין. און איצט איז יענע מיידל שוין מיין כּלה. בעט איך אייך, טייערער אָבי־מורי און טייערע אמי־מורתי, איר זאָלט אונז אויך בענטשן מיט דער דאָזיקער ברכה פון „מזל־טוב".

אַז רבי מרדכי האָט די דאָזיקע רייד דערהערט, האָט ער תּיכּף פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ניט קיין פּוסטע זאַך.

ער האָט חוקר ודורש געווען נאָכן פאָטער פון דער מיידל און איר משפּחה, און ער האָט זיך דערוואוסט, אַז איר פאָטער וואוינט הינטער דער שטאָט אין אַ קליין, ענג און אָרים שטיבל, אַז ער איז אַ עני־ואביון און אַ גרויסער עם־הארץ, איז קיינמאָל ניטאָ אין דער היים און דרייט זיך רק אום אין די דערפער, וואו ער אַרבעט פאַר די פּויערים שיך און לאַפּצעס, און אָנגעטאָן גייט ער אין אַ קורצער סערמיינגע, פאַרגאַרטלט פון אויבן מיט אַ גראָבער שטריק און זיין נאָמען איז חנניה שוסטער.

איז דער דאָזיקער שידוך געוואָרן צו אַ חרפּה אין די אויגן פון רבי מרדכי און ער האָט זיך געשעמט אפילו צו ריידן וועגן דעם. און ער האָט בסוד געשיקט אַ שליח צום פאָטער פון דער כּלה רופן אים צו זיך אין הויז, כּדי אים אַליין אָנצוקוקן. און דער שליח איז געקומען צו חנניה שוסטער און האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— דער רב, רבי מרדכי, בעט אייך קומען צו אים, ווייל ער וויל נעמען אייער טאָכטער — אַ כּלה פאַר זיין זון.

און חנניה האָט געענטפערט:

— כ'וועל צו אים ניט גיין, כ'האָב מיט אים קיין עסק ניט. אויב ער וויל זיך מיט מיר מחותּן זיין, זאָל ער געבן אַ גרויסן נדן מיט אַ סך מתּנות און זאָל ער דעם חתן מיט דער כּלה בכּבודיקע מלבושים געבן,—וועל איך מסכּים זיין.

האָט דער שליח אַ קוק געטאָן אויף אים און געזען, אַז ער איז אַ שפּעלער מענטש, און האָט אים אָנגענומען פאַר אַ

-.וגענעם, וואָס ער האָלט זיך אַזוי גרויס אַנטקעגן דעם רב רבי מרדכי. און ער האָט זיך אומגעקערט צוריק צום רב און האָט אים דערציילט וועגן דעם או־סזעען פון דעם מענטשן, וועגן דעם הילוך זיינעם און דעם גראָבן אופן פון זיין ריידן און וואָס ער פאַר־לאַנגט פון אים.

און ס'איז רבי מרדכי'ן זייער שלעכט געווען פון גרויס חרפה, וואָס זיין מחותן איז אַזאַ פּראָסטער מענטש, און ס'האָט אים זייער באַנג געטאָן, וואָס זיינע אַמאָליקע האָפענונגען זיינען ניט מקוים געוואָרן. און ער איז אַוועקגעפאָרן אין דער שטאָט פּראָג, וואָס ליגט אין דער מדינה פּיהעם, צום באַרימטן צדיק רבי אלימלך ביי אים אַן עצה פרעגן.

און רבי אלימלך האָט אים אַזוי געענטפערט:

— אויב דער דאָזיקער חנניה וויל נעמען דיין זון פאַר אַן איידים, דאַרפסטו ניט קיין בעסערן שידוך פון דעם. טו זיין רצון אין אַלץ און בעט אים אין מיין נאָמען, אַז דער שידוך זאָל געשלאָסן ווערן ביי מיר אין הויז.

און רבי מרדכי איז אַוועקגעפאָרן צוריק אַהיים. מיט גרויס מאַטערניש האָט ער אויפגעזאַמלט דעם סכום געלט אויף נדן און מתנות מיט מלבושים און האָט עס געבראַכט צום מחותן. ער האָט געדונגען אַ פור און האָט גענומען דעם מחותן אַזוי ווי ער שטייט און גייט אָנגעטאָן אין דער סערמינגע, מחמת יענער האָט בשום אופן ניט געוואָלט איבערבייטן זיינע מלבושים. און זיי זיינען גע־קומען צו רבי אלימלך. און דער דאָזיקער גדול בישראל האָט זייער גרויס כבוד אָפּגעגעבן חנניה'ן און לכבוד אים געמאַכט אַ גרויסן מאָלצייט. און ער האָט מיט זיין אייגענער האַנט געשריבן די תנאים. די חתונה האָט מען באַשטימט צו מאַכן אין אַ קורצער צייט אַרום, לפי דעם רצון פון מחותן.

נאָכדעם איז רבי מרדכי מיט זיין מחותן געפאָרן צוריק אַהיים. ער האָט בעת דער נסיעה געגלוסט צו ריידן מיט אים כאָטש אייניקע ווערטער, אָבער ער האָט געזען, אַז חנניה זיצט שטום ווי אַ שטיין,—האָט ער אויך אויפגעהערט ריידן.

רבי מרדכי איז געזעסן פאַרטיפט אין רעיונות. חנניה האָט

אויכגעזעצן ביי אים אין די אויגן ווי איינער פון די שפּלסטע מענטשן, און ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַר וואָס האַלט עס רבי אלימלך אַזוי פון אים און האָט אים אַזוי פיל כבוד אָפּגעגעבן. דער צדיק אָבער אַז ער טוט, ווייס ער, מכתּמה, וואָס ער טוט, — און רבי מרדכי האָט זיך באַרואיקט.

אַז ס'איז געקומען די צייט פון דער חתונה, האָט רבי מרדכי געשיקט צו חנניה'ן אַ שליח פרעגן אים, אויב ער האָט שוין צו געגרייט אַלץ, וואָס ס'איז נייטיק צו דער חתונה. דער שליח האָט חנניה'ן ניט געטראָפן אינדערהיים, און חנניה'ס ווייב האָט אים געענטפערט:

— זאָל דער מחותן צוגרייטן אַלץ, וואָס מ'דאַרף צו דער חתונה און זאָל די חתונה זיין נאָך שבת. מיין מאַן איז אַוועק אין די דערפער איינמאָנען די חובות, וואָס מ'קומט אים, כדי מיר זאָלן האָבן אויף חתונה־הוצאות, און ער וועט שוין קומען צו דער חופּה.

און דער שליח האָט איבערגעגעבן רבי מרדכי'ן די תשובה פון דער מחותנתטע.

און רבי מרדכי האָט גענומען די כלה צו זיך אין הויז אריין און האָט געמאַכט לכבוד איר שיינע מאָלצייטן.

דינסטאָג אָוונט, צום חתן־מאָל, האָט רבי מרדכי געשיקט זעען, צי דער מחותן איז געקומען. אָבער יענער איז נאָך ניט געווען. מיטוואָך פאַרנאַכט האָט ער נאָך אַ מאָל געשיקט געוואָר ווערן, צי חנניה איז שוין דאָ, אָבער ער איז נאָך אַלץ ניט געווען געקומען. האָט רבי מרדכי דאָרטן אַוועקגעזעצט אַ מענטשן וואַרטן אויף אים.

חנניה איז זייער שפּעט געקומען, און דער שליח איז תּיכף אַוועקגעלאָפן מודיע זיין דעם רב. דער רב האָט געשיקט אַ חשוב'ן שליח אים בעטן צו דער חופּה קומען, אָבער חנניה איז אַלץ ניט מרוצה געוואָרן. איז ר' מרדכי אַליין געקומען און האָט אים בכבודו ובעצמו געבעטן,—האָט אים חנניה אַזוי געענטפערט:

— כ'וועל גיין, אָבער נאָר אין דער סערמיַנגע, וואָס איך טראָג, מיט דער שטריק, וואָס איך בין מיט איר פאַרגאַרטלט. און

תיכף נאָך דער חופּה וועל איך זיך אומקערן צוריק אַהיים, און איר זאָלט מיך ניט שטאַרק בעטן צו פאַרבלייבן ביי אייך אויף דער חופּה=וועטשערע.

האָט רבי מרדכי אים מבטיח געווען צו פאָלגן, וואָס ער הייסט, מחמת ער האָט געפילט, אַז דער מחותּן האָט אויף אים אַ גרויסע השפּעה, און ער קען ניט עובר זיין אויף זיינע רייד.

צו דער חתונה זיינען געקומען אַ סך געהייבענע געסט. די כּלי=זמר האָבן געשפּילט אויף אַלערליי כּלים און מ'איז געגאַנגען צו דער חופּה מיט גרויס כּבוד.

און דער מחותּן איז געשטאַנען ביי דער חופּה אָנגעטאָן אין אַ קורצער סערמינגע און פאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק, און אַלע געסט, וואָס האָבן אים געזען, האָבן אים מבזה געווען ביי זיך אין האַרצן.

נאָך דער חופּה האָט זיך חנניה אומגעקערט פון דאָרטן צוריק אַהיים. אויף מאָרגן האָט ער געשיקט זאָגן דעם רב, ער זאָל שיקן צו אים דעם חתן מיט דער כּלה, און אַ חוץ זיי זאָל קיינער צו אים ניט קומען.

און רבי מרדכי האָט ממלא געווען זיין בקשה און האָט געשיקט צו אים דעם חתן מיט דער כּלה. און ער האָט צוגעגרייט אַ גרויסע סעודה, מחמת ער האָט גערעכנט, אַז דער מחותּן וועט זיי אָפּשיקן צו אים אין יענעם טאָג צו די שבע=ברכות, אָבער יענער האָט זיי פאַרהאַלטן ביי זיך אין הויז. און דער רב האָט מורא געהאַט צו שיקן נאָך זיי און די סעודה איז איבערגעבליבן. אויף מאָרגן איז ער אַליין געגאַנגען צום מחותּן און האָט געוויינט פאַר אים און האָט זיך ביי אים געבעטן רחמים און געזאָגט:

— אַז השם=יתברך האָט מיר געהאָלפן און איך האָב זוכה געווען זיך מיט אייך מתחתן צו זיין, איז פאַרוואָס ווילט איר ניט, אַז איך זאָל מיט אייך פאַרברענגען כאָטש איין סעודה פון די שבע=ברכות?

און חנניה האָט געענטפערט:

— דער חתן און די כּלה דאַרפן זיין ביי מיר די גאַנצע

שבעת-ימי-המשתה און בלויז די לעצטע סעודה וועלן מיר צוזאַמען עסן — ביים צדיק רבי אלימלך.

און רבי מרדכי איז אַוועק צו זיך אַהיים און האָט ניט גע-זען דעם חתן מיט דער כלה ביזן זיבעטן טאָג פון די שבעת-ימי-המשתה. דעמסטמאָל האָט חנניה געשיקט צו אים זאָגן, ער זאָל קומען צו אים מיט אַ פור, צו פאָרן קיין פּראָג. אָבער ביז פּראָג איז געווען אַ מהלך-רב און מען קען אַהין פאַר איין טאָג ניט פאַרפאָרן, — פונדעסטוועגן האָט ער געטאָן, ווי דער מחותן האָט געהייסן. רבי מרדכי און דער מחותן מיט חתן-כלה האָבן זיך אַריינגעזעצט אין וואָגן, און אין עטליכע מינוט אַרום זיינען זיי שוין געשטאַנען ביים הויז פון רבי אלימלך. דאָ האָט רבי מרדכי קלאָר דערזען, אַז זיי האָבן געהאַט קפיצת-הדרך.

רבי אלימלך האָט שוין געהאַט צוגעגרייט פון זייערטוועגן אַ גרויסע סעודה, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז זיי וועלן קומען צו אים, — און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען מיט שמחה און מיט תענוג.

נאָך דער סעודה האָט רבי מרדכי געפרעגט ביי זיין זון דוד'לען, וואָס האָט ער געטאָן די זעקס טעג אינם מחותנס הויז.

און דוד'ל האָט אים דערציילט:

— יעדן אָוונט און יעדן פרימאָרגן זיינען געווען סעודות און מיר האָבן כסדר געבענטשט שבע-ברכות. אויף איטליכער סעודה זיינען געווען אַלץ אַנדערע פון די ל"ו צדיקים. דאָס אַרי-מע שטיבל איז כהרף-עין געוואָרן אַ היכל פול מיט זונענליכט. אויף אַ גרויסן טיש פון גינגאָלד זיינען געלעגן שיינע ספרים מיט אותיות, וואָס האָבן געפינקלט ווי בריליאַנטן, און אַרום אויף גאָל-דענע שטולן זיינען געזעסן די נסתרים אָנגעטאָן אין בגדי-כהונה, און אויבנאָן — רבי חנניה אין בגדים פון אַ כהן גדול, און איך בין געזעסן ביי זיין רעכטער האַנט. ער האָט מיט גרויס התלהבות מיט אונז געלערנט די סודות פון דער תורה. די שכינה האָט אויף אונז אַלעמען גערוט. אויף מיר האָבן זיי געקוקט ווי אויף דעם ייִנגסטן תלמיד צווישן זיי. איך האָב זיך די גאַנצע זעקס טעג

געפילט אין אַ גן־עדן, אין אַ התפעלות, גרייט אַרומצונעמען די גאַנצע וועלט אין ליבשאַפט.

און אַז רבי מרדכי האָט געהערט דאָס דערציילן פון זיין טייערן בן־יחיד׳, האָט ער שוין אַלץ פאַרשטאַנען און זיינע אויגן האָבן געלויכטן און זיין פנים האָט געשטראַלט פון גליק און פון שטילער פרייד.

און ס׳איז געווען נאָך די דאָזיקע רייד און רבי אלימלך האָט געזאָגט צו רבי מרדכי׳ן:

— איצונד געזעגנט זיך מיט אייער זון און מיט אייער שנור, וואָרום איר וועט זיי שוין מער ניט זעען ביזן לעצטן טאָג פון אייער לעבן, ווייל אייער מחותן טאָר שוין מער ניט לעבן דאָ צווישן אייך, מחמת ער איז נתגלה געוואָרן. אייער זון האָט געהאַט די זכיה אים צו קענען נאָענט, דעריבער מוז ער פאַרענדערן זיין מראה און אָנהייבן לעבן אויף פאַרשטעלט. איר אָבער מיט אייער ווייב מוזט האַלטן דעם דאָזיקן סוד שטרענג טיף אין האַרצן.

און רבי מרדכי מיט זיין ווייב האָבן זיך האַרציק צוזעגנט מיט זייער זון און מיט זייער שנור און זיי האָבן זיך באַנאַנד אומגעקערט פון פראָג צוריק קיין קראָקע.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז רבי מרדכי געגאַנגען געוואָרן ווערן, וואָס זיי מאַכן, און ער האָט דערזעען, אַז דאָס שטיבעלע שטייט אינגאַנצן ליידיק און קיינער וואוינט דאָרט שוין ניט מער.

און זייער גאַנץ לעבן האָט דער רב רבי מרדכי און זיין ווייב מרת אסתר ניט געוואוסט, וואוהין זייער זון איז אַוועק, וואו ער איז נעלם געוואָרן. ער איז אָבער געבליבן רואיק און צופרידן, און אַ שטראַל פון פרייד און גליק האָט תמיד אַרויסגעשיינט פון זיינע גוטע אויגן און באַלויכטן אים דעם שיינעם פנים. ער האָט געוואוסט, ווער איז געווען ת:ביה, און האָט פאַרשטאַנען, וואָס זיין דוד׳ל איז געוואָרן.

—✻✻✻✻—

עולה־רגל

(פון די צייטען פון בית שני)

ס'איז סוף זומער געווען. דאס גוטס פון פעלד און פון גאר־טען איז שוין געווען אריינגעבראכט אין די שפייכלערס און קעלערס אריין, און אויף אלע וועגן און שטעגן פון לאנד האבן זיך גע־צויגען גאנצע קאראוואנען, בעלאדען מיט כל טוב, אין דער הייליקער שטאט ירושלים. די הערנער פון די אקסן, וואס מ'האט געפירט מיט זיך, זיינען געווען קונציק באגולדט און אויף די קעפ זיינען געווען קרענץ פון בלומען און פירות. און פאראוים זיינען געגאנגען, מיט פלייטן אין די הענט, שפילער און זינגער.

ס'זיינען געווען עולי־רגל פון די ווייטסטסטע מקומות, פון מצרים און האלב־אינזעל סני, פון אראביע, פון סוריא, קליין־אזיע, פון בבל און פארטיע. זיי פלעגן דורכפארן דורך שטעט און שטעט־לעך און דערפער און זיך אפשטעלן אויף נאכטלעגער אינמיטן גאס פון דער שטאט און פון דארף און ניט אריינגיין אין די היי־זער.

גאנץ פרי פלעגט זיי דער פירער פון קאראוואן אויפוועקן און זיי האבן זיך געלאזן ווייטער אין וועג.

אז זיי זיינען געקומען שוין נאענט פון ירושלים, האבן זיי געשיקט אין שטאט מודיע זיין וועגן זייער קומען. זיינען פאר־שטייער פון כהנים און לוויים ארוים זיי אנטקעגן. ס'זיינען ארוים אויך אלע בעל־מלאכות פון ירושלים מקבל־פנים צו זיין איטליכער זיין פאד פון צווישען די עולי־רגל.

*) צוליב א טעכנישער סיבה איז די דאזיקע ערציילונג ניט אריין אין געהעריקן ארט.

א. י. גאָלדשמידט

באַגייסטערט זיינען געווען די עולי־רגל פון דער הויפּט־שטאָט און פון דער אויסטערלישער שיינקייט פון בית־המקדש. מ׳האָט געזאָגט, אַז ווער ס׳האָט ניט געזען ירושלים אין איר פּראַכט, האָט קיין שיינע שטאָט אין זיין לעבן ניט געזען; און ווער עס האָט ניט געזען דעם בית־המקדש אין זיין הערלעכקייט, האָט קיין וואונדער־שיינעם בנין קיינמאָל ניט געזען. הינטן שמאָל און פאַרנט ברייט, האָט דער בית־המקדש אויפן באַרג מוריה אויסגעזען ווי אַ לייב, וואָס ליגט און רוט. די זון האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין זיינע גאָלדענע טויערן און די גאַנצע שטאָט פאַרשיינט מיט שטראַלנדיקער ליכטיקייט.

שיין איז אויך געווען די עבודה פון כהן־גדול אין בית־המקדש אום יום־כּפּור. דען פון דער גליקליכער דורכפירונג פון דער עבודה האָט דאָס פאָלק געוואַרט אויף פאַרגעבונג פון זיינע זינד און אויף אַ געבענטשטען נייעם יאָר. גאַנצע זיבן טעג האָט מען דעם כהן־גדול געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, מ׳האָט אים געגרייט און געלערנט און געוויזן, וואָס און ווי צו טאָן, ער זאָל קיין טעות ניט האָבן, ער זאָל אליין אַ ריין האַרץ און ריינע געדאַנקען האָבן אין דורכגעגאַנגען גליקליך, און ער איז אַרויס בשלום פון דעם הייליקסטן געצעלט פון בית־המקדש, פון קדשי־קדשים, האָט דאָס פאָלק אין דעם געזען אַ סימן אַז גאָט האָט זייערע תפילות און פאַרלאַנגען אויפגענומען. און תיכף האָבן דעם כהן גדול אַרומגערינגלט אַלע איבעריקע כהנים מיט הושענות. דעמאָלט האָט דער כהן־גדול מיט די איבעריקע כהנים אויפגעהויבן די הענט און געבענטשט דאָס פאָלק.

און דאָס פאָלק צוזאַמען מיטן כאָר האָבן גענומען זינגען, און דאָס געזאַנג האָט זיך געטראָגן איבער אַלע זאַלן פון בית־המקדש, איבער הויף און איבערן גאַנצן באַרג מוריה, און באַלד האָט די גאַנצע שטאָט ירושלים מיט התפעלות מיטגעזונגען...

און דאָס יונגוואַרג איז אין די וויינגערטנער אַוועק. די מיידלעך האָבן זיך אָנגעטאָן אַלע אין ווייסע געליענע קליידער, כדי ניט צו

פאַרשעמען די, וואָס האָבן ניט קיין אייגענע, און זיינען אַוועק טאַנצן. און דאָרטן, אין די ווייַנגערטנער, האָט יעדערע פאַר זיך אַ חתן אויסגעקליבן.

די שמחה האָט ניט אויפגעהערט, איז, וואָס אַ טאָג ווייטער געוואָרן אַלץ גרעסער, ביז זי האָט — אין משך פון סוכות — ארומגענומען אַלע מענטשן פון ירושלים.

מוצאי יום־טוב פון ערשטן טאָג סוכות האָט מען געמאַכט אַ גרויסע אילומינאַציע אין בית־המקדש. מ׳האָט אָנגעצונדן די גאָל־דענע מנורות, וואָס האָבן אַ וואונדערבאַרע ליכטיקייט פאַרשפּרייט אין דער גאַנצער שטאָט, און מאַסן מענטשן האָבן זיך היין געצויגן צו באַטייליקן זיך אין דער שמחה מיט אתרוגים, לולבים, מירטן און הושענות. ווייט און ברייט האָט זיך געהערט דער אָפּקלאַנג פון די זינגער און טענצער ארום דעם באַרג און אויף דעם באַרג מוריה. מ׳האָט געטאַנצט מיט פאַקלען אין די הענט און מיט זיי געשפּילט זיך, זינגענדיק. די לוויים האָבן געשפּילט אויף האַרפן און אויף פידלען, אויף טימפּאַנען און טרומייטן און כל המינים אַנדערע כלים פון מוזיק.

און די גאַנצע צייט זיינען יונגע כהנים געשטאַנען אויף לייַ־טערס פאַר די גאָלדענע מנורות מיט קריג בוימל און געגאָסן אין די בעכערלעך פון די מנורות. פון אַלטע קליידער פון די כהנים האָט מען קנייטן געמאַכט און מיט זיי פייערן געצונדן. און ס׳איז קיין שום הויף ניט געווען אין ירושלים, וואָס איז ניט באַלויכטן געווען פון דעם ליכט פון דערדאָזיקער שמחה.

אין גאַנץ ירושלים האָט זיך געהערט דער געזאַנג און דאָס שפּילן פון די לוויים, זיי האָבן די באַפרייַאונג פון שקלאַפן־צוואַנג באַזונגען, זיי האָבן דעם פאָלקס גליק באַזונגען, און גאָט געלויבט. און דאָס פאָלק האָט זיי געענטפערט און מיט האַרץ אַקאָמפּאַנירט.

אַזוי האָט די שמחה געדויערט ביז טאָג; אַז ס׳איז טאָג גע־וואָרן, האָבן די כהנים געבלאָזן אין שופרות צו אַ צייכן, אַז ס׳איז געקומען די צייט צו שעפּן וואַסער, וואָס האָט באַטייט, אַז די שפּע

פונם לאַנד און דאָס גליק פון פאָלק זאָל מען שעפּן ווי וואַסער. דעמאָלט איז דאָס גאַנצע פאָלק אוועק מיט מוזיק, מיט טענץ און מיט געזאַנג צום קוואַל ש י ל ו ח. דאָרטן האָט מען מיט גאָל־דענע כלים געשעפּט וואַסער און געבראַכט עס צום הויף פון בית־המקדש, מ׳האָט עס פון די גאָלדענע כלים איבערגעגאָסן אין זיל־בערנע, און נאָכדעם אויסגעגאָסן אויפן מזבח. דעמאָלט האָט די פלייט אַרויסגעלאָזן זיסע קלאַנגען און איר צום טאַקט האָבן גע־ענטפערט ווידער האַרפן און אַלע אַנדערע מינים אינסטרומענטן פון מוזיק, און אויך דאָס גאַנצע פאָלק, גרויס און קליין, האָט מיט־געזונגען.

די דאָזיקע שמחה האָט געהייסן „שמחת־בית־השואבה״ — די פרייד פון וואַסער־שעפּן.

אַ גאַנצע וואָך האָבן זיך די יידן שטאַרק משמח געווען מיטן יום־טוב סוכות און שמחת־תורה. אָבער די גרעסטע שמחה איז געווען שמחת בית־־השואבה.

און מ׳האָט געזאָגט, אַז ווער עס האָט ניט געזען שמחת בית־השואבה, האָט קיין שמחה אין זיין לעבן ניט געזען.

נייע לעגענדעס

א.

מידה כנגד מידה

אין יאר תרע"ד האט די זינדיגע וועלט א ציטער געטאן און איז אויפגעטרייסלט געווארן אין אירע גרונד־פעסטען, און דאס יאר תרע"ה איז גאר א בייז יאר געווען, וואס האט ביז דעמאלט זייז גלייכן ניט געהאט. דערפאר האבן זיי, די דאזיקעביידע יא־רען, אזוינע נעמען באקומען — — — — — —

— — — דער מזל האט זיך אפגעטאן פון דעם מזרח'דיגען מלך־בכפה און ער האט אין דער מלחמה מיט זיינע גרויסע שונאים געליטען מפלות נאך מפלות. זיין שר אין הימעל איז גאר שוואך געווארן — און עס האט גענומען שטארק קלאפן דאס הארץ פונ'ם מלך און א שוידער איז אריבער איבער אלע אברים זיינע. ער האט צונויפגערופן אלע זיינע אלטע חכמים ושרים אויף אן עצה און זיי האבען צו אים אזוי געזאגט:

— גרויסער, געאכפערטער און באליבטער מלך המלכים, אלע אומות פון דיין אומגעהויערער קסריות, פון די גרויסע און קליינע, ווייטע און נאהענטע מדינות דיינע, זיינען דיר פונקט אזוי געטריי ווי דיין אייגן רעכטפארטיג פאלק, טראכטן און קלערן נאר וועגן דיר און זיינען זיך מוסר־נפש פאר דיר, פארגעסענדיג לגמרי אן זיך. בלויז איין אומה איז דא, פון א ווייטען לאנד אמאל אהער געקומען, וואס וואוינט צווישען די געמארקען און איז מגלה דעם שונא אלע סודות דיינע, אפילו אלע טיפסטע און באהאלטענסטע

מחשבות, וואָס דו טראַכסט ביינאַכט אין דעם חדר פון דיין געלע־גער. בקיצור, דאָס איז דאָס פאָלק פון „יהודה איש קריאות", וואָס מ'דאַרף עס עוקר מן השורש זיין — — —

און דאָס האַרץ פונ'ם מלך איז נאָך די דאָזיגע רייד געוואָרן ווי אַ קאָכעדיגער קעסל און עס האָבן זיינע נאָזלעכער מיט גרימצאָרן געראויכערט, ניט געטראַכט האָט ער באַלד שאַרף און בייז באַפוילן:

— זאָל זיין אַזוי! אַזוי ווי איר האָט אַט גאָר צולעצט געזאָגט: „מ'דאַרף עס עוקר מן השורש זיין!" — — —

און באַלד איז אַרויס אַ שאַלקהאַפטיג־גיפטיג וואָרט:

— שפּיאָנען!

פון מאַן און ווייב, פון אַלט און יונג, פון קינד און קייט האָט מען פון פרי ביז נאַכט און פון נאַכט ביז פרי געהערט בלויז דעם איין וואָרט:

— שפּיאָנען!

פון אומעטום, פון אַלע זייטן האָט אָפּגעהילכט דאָס בייזע וואָרט:

— שפּיאָנען!

די גאַנצע לופט איז אָנגעזאָפּט געווען מיט'ן גרוילענדיקן סם פון חשד:

— שפּיאָנען!

ס'איז צוגעקומען אַ נייער בלבול — עלילת־שפּיאָנען — — — —

ס'האָט געשטיקט געוואָרן פון דער דאָזיקער פאַר'סמ'טער לופט... ס'זיינען אַן אַ צייט פאַרוועלקט געוואָרן די שענסטע בליענדיקע בלומען און ס'זיינען אומגעקומען אַן אַ צאָל און אַן אַ שיעור אומשולדיגע לעבענס — פון דער עלטסטער אומגליקלעכער אומה — — —

די לופט איז באַלד פאַרטויבט געוואָרן פון מאַוימדיקע קולות.

ס'האָט געוויינט אי חי, צומח און אויך דומם: ס'האָבן גע־וויינט די חיות פונ'ם וואַלד, די ביימער, פליטן, ווענט און קוי־מענס — די שטומע עדות פון מענטשלעכער רציחה; ס'האָבן אויך

געוויינט די שטיינער אין די גאַסן און אויף אַלע ווענט — אויף דאָס פאַרגאָסן בלוט פון די אומשולדיקע קרבנות... און ס'האָט זיך אַלץ געמערט מער דער געיאָמער און די קלאָג, ביז — — —

די שטראָמען זודיקע טרערן האָבן אויפגעריסן די פעסט־פאַרשלאָסענע טויערן פון הימעל — און ס'איז געקומען אויך אויף די שונאים די בייז־באַשערטע שטראָף. — — —

די מפּלות זיינען געוואָרן אַלץ גרעסער, שטאַרקער — און די מיאוסע פון דער פאַרפעסטיגטער געדיכטער לופט פון עלילת־שפּיאָנען האָבן זיך אויסגעשפּרייט אַזוי ברייט און ווייט און הויך, אַז זיי זיינען באַלד אריינגעדרונגען — אויך גאָר אין די הויכע פענסטער, אויך אַזש צו די, וואָס האָבן אַליין אויסגע־טראַכט דעם דאָזיקן שאַלקהאַפטיקן בלבול אויף יידן, און ס'האָט זיי אויך גענומען שטיקן, ווערגן, סמ'ען... און זיי האָבן איינער נאָכ'ן אַנדערן גענומען פאַלן פון די אייגענע רוצחים'דיקע הענט. אַזוי זיינען זיי באַצאָלט געוואָרן מידה כנגד מידה — — —

ב.

די באַשערטע שטראָף

מ'האָט אַ גאַס דורכגיין ניט געקאָנט. וואו מ'איז געשטאַנען און וואוהין מ'איז געגאַנגען — אומעטום האָט מען געהערט פון גרויסע און פון קליינע בלויז איין און דעמזעלבינן פּזמון: „ביי־לים! גערמאַנטשיקי! שפּיאָני!" אין די פאַרשטעט און אין די זייטיגע גאַסן און זאַוואָלקעס פלעגט מען אָנפאַלן אויף אַלטע און אויף יונגע יידען מיט פויסטן און מיט שטיינער — — —

איינמאָל פאַר שבועות אין אַ שיינעם ליכטיקן פרימאָרגן איז דער שקאָפּלערנער אַלטער רב געגאַנגען דאַווענען, האָט אים

באַגעגנט אַ שגץ, איז אָנגעפאַלן אויף אים מיט די שפּל'סטע זלזולים, האָט אים געריסן די באָרד און פּאות און אים שטאַרק געשלאָגן. דער זקן איז געלעגן אויף דער ערד אַ צעבלוטיקטער במעט אַן כוחות. יונגע יידען האָבן דאָס דערזען און געוואָלט זיך אָננעמען פאַר אים. האָט ער זיך גענומען בעטן באַ זיי דאָס נ;ט צו טאָן:

— גאָט וועט זיך אָננעמען פאַר דאָס פאַרגאָסן אומשולדיק בלוט פון זיין געפּלאָגטן פאָלק און וועט אליין באַשטראָפן פאַר די בלבולים און פאַר די רציחות, וואָס די בלבולים האָבן גורם געווען. — „לי נקם ושלם“..

און ס'איז געווען אזוי.

דער שגץ האָט זיך משונה'דיק פארקוקט אויפן אַלטן רב, וואָס האָט ניט געלאָזן די יונגע יידען זיך אָננעמען פאַר אים, האָט זיך פארטראַכט און איז אוועק ווייטער זיין וועג. ער איז געגאַנגען איבער דער ליניע, וואָס איז געווען פארנומען פון אַ צוג מיט חייל. האָבן אים די סאָלדאָטן מתרה געווען, ער זאָל אראָפּגיין פון דער ליניע. האָט ער פארטראַכטערהייט דאָס מסתמא ניט געהערט און איז זיך ווייטער געגאַנגען. האָט די וואַד אויסגעשאָסען אין אים און ער איז געפאַלן אַ — טויטער — — —

ג.

פאַר חילול־הקודש

כ' סיון תרע"ה, דעם טאָג פון תענית גזירות „ת"ח ות"ט“, איז דער פרי, איז אויף נאָוויגאָראָד אַ רבי מיט תלמידים געגאַנגען דאַווענען אין שול. די קינדער זיינען געגאַנגען פאַרוויז און שטיל, מיט סידורים און סליחות אונטער די אָרימלעך, אַנדערע אויך מיט תפילין־זעקלעך, אין די הענטלעך, און אויף זייערע פּנימ'לעך איז געווען אויסגעגאָסן פּונקט אַזאַ ערנסט און טרויער, ווי ביי זייער גרייז־גרויען רבי'ן.

באלד האָט זיי באַגעגענט אַ שגצ׳ל פון אַ יאָר פופצעהן און אַנגעהויבן וואַרפן אין זיי שטיינער און זידלען:

— ביילים! שפּיאָנעס!..

האָט געשוויגן דער רבי און ס׳האָבן געשוויגן די תּלמידים און זיי זיינען זיך אַלע געגאַנגען רוהיג ווייטער זייער וועג.

איז דער שגצ׳ל גאָר צערייצט געוואָרן, האָט זיך אַרויפגע־וואָרפן אויף די קינדער מיט די פויסטן, האָט מיט ווילדער חוצפּה אַרויסגעשטעקט אַ צונג דעם רבי׳ן, האָט מיט שוים אויף די ליפּן געריסן די סידורים און די סליחות, געוואָרפן אויף דער ערד די תּפילין און געטראָטן זיי מיט די פיס.

זיינען די יינגלאַך אין גרויס גרימצאָרן אַריין און האָבן געוואָלט אויך מיט זידלערייען און שטיינער ענטפערן.

האָט דער רבי זיך גענומען בעטן באַ די קינדער דאָס ניט צו טאָן:

— הקדוש ברוך הוא וועט זיך אָננעמען פאַר די תּינוקות של בית רבן און פאַר די פאַרשוועכטע דברים שבקדושה און וועט דעם זינדיקן באַשטראָפן.

און ס׳איז געווען אַזוי.

דער שגץ האָט אַזוי ווי פאַרשטאַנען די לעצטע ווערטער און ס׳האָט אים עפּעס אָפּגעריסן ס׳האַרץ. ער האָט געטאָן אַ משונה׳־דיקן קוק אויפ׳ן רבי׳ן און אויף די תּלמידים און באַלד אויך אויפ׳ן פאַרכמאַרעטן הימל און איז אין טויט־שרעק אַהיים געלאָפן —

אַז ער איז אין שטוב אַריין, האָט ער זיך פאַר׳ן האַרצען גע־כאַפּט, האָט זיינע חברים און אויך די קרובים מיט די שכנים מיט ניט קיין גוטען וואָרט דערמאָנט... און אַז זיין מאַמע האָט אים געפרעגט, וואָס איז אים מיט אַמאָל אַזוי שלעכט געוואָרן, האָט ער אויף איר קוים אַ קוק געטאָן און האָט בלויז דעם איין וואָרט אַרויסגעזאָגט

— ווידוי־זאָגן..

די מוטער האָט אַ יללה אויפגעהויבן, האָט כהרף־עין דעם גייסטליכן געררופן — און דער אומגליקליכער פאַרפירטער זון איז באַלד אויסגעגאַנגען — — — —

ד.

„אַ פאָטער פון־ יתומים"...

אין דעם טרויעריקן סיון תרע"ה זיינען אין אַ יידישן הויף אויף ז אַ ר ע ט ש י ע אריינגעפאָרן עטליכע „ארויסגעזעצטע" דערשלאָגענע יידישע פאַמיליעס פון קאָוונער געגענט. זיי האָבן גע־מיינט דאָרטן אַ צייטווייליקע „היים", אַ מקום־מנוחה צו געפינען ביז גאָט וועט זיך איבער זיי מרחם זיין און וועט זיי אומקערן צוריק אהיים פונ'ם נייעם גלות. אָבער פונקט ווי אין זייערע ישובים און אין וועג, האָבן זיי אויך דאָ קיין רו פאַר זיך לחלוטין ניט געפונען.

דער קערער מיט דער קערערקע האָבן גענומען ברענען די אומגליקליכע די טריט, כל־ערליי נגישות אָנטאָן זיי. בפרט האָט זיך דעריין די קערערקע אויסגעצייכענט. דאָ טאָר מען ניט שטיין, דאָ — ניט גיין און דאָ — ניט זיצן... ווי אַ האָגל גיהינומשע שרצים האָבן זיך פון איר ברייטגעעפנטן מכשפה־מויל געשאָטען אָן אָן אויפהער אויף די „זשידעס די ארורים" די עקלדיקסטע חרפות וגידופים און די טייוולאָנישסטע קללות און חרמות. נאָר מיט אַ באַזונדערער רוצחישער הנאה האָט זי זיך נוקם געווען אָן די „קליינע זשידקעס", אָן די עלענדע אמת'ע יתומים, וואָס זייערע פאָטערס זיינען דער'הרג'עט געוואָרן אויף מלחמה, און אָן די לעבעדיקע יתומים, וואָס זייערע טאַטעס דערוואַרט נאָך דאָרט דער בייז־באַשערטער גורל — — —

איינמאָל איז זי, קערנדיק דעם הויף, אָנגעפאַלן אויף אַ דורכגייענדיקן יינגעלע מיט ווילדע קולות: „אַך דו קליינער בייליס! אַך דו קליינער שפּיאָן!" און האָט מיט'ן בעזים אויסגעשמאָ־

רעט אים די אויגן. זי האָט אים אין די שוואַרצאַפּלען געטראָפֿן... דער יינגעלע האָט ניט מיט זיין קול אַ האַרצרייסענדיקן געשריי געטאָן, איז זיך פֿאַרגאַנגען און אַ גע'חלש'טער ווי אַ סנאָפּ אויף דער ערד נידערגעפֿאַלן...

באַלד איז די מוטער פֿון'ם קינד, אינגאַנצן אַן אויפֿגעציטערטע, צוגעלאָפֿן צו אים און האָט אים מיט יעלות מינטערן גענומען, און אַז דאָס האָט זיך איר שווער איינגעגעבן, האָט זי די האָר אויף זיך געריסן און זיך מיט פֿאַרבראָכענע הענט געווענדט צום הימל מיט טענות און מיט תביעות פֿון אַ פֿאַרביטערטער נשמה. זי האָט זיך געשטיקט, געוואָרגן מיט די ווערטער פֿון גרויס אויפֿרעגונג און פֿון איר מויל האָט זיך באַלד אַרויסגעריסן אַ שוידערליכע קללה:

—אויב דו, רבונו של עולם, ביזט אַ פֿאָטער פֿון יתומים און אַ גערעכטער דיין פֿון אלמנות, זאָלסטו די רוצח'טעם קינדער אויך אַזוי פֿלוצלונג מאַכן יתומים, ווי אומגעריכט דו האָסט געלאָזט צונעמען פֿון מיר מיין מאַן און דער'הרג'ענען אים ערגעץ אין אַ הענטווייטן לאַנד און ווי אומגעריכט דו האָסט אָן רחמנות די קינדער זיינע פֿאַר יתומים געמאַכט!..

און ס'איז געוועזן אַזוי — — — —

די קערערקע האָט גוט פֿאַרשטאַנען יידיש, האָט געהערט די קללה און האָט זיך לכתחילה אויסגעלאַכט פֿון איר, אָבער נאָכדעם האָט זי פֿלוצלונג די קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, אַוועקגעוואָרפֿן קערן און איז אין שטוב אַוועק. אין אָווענט האָט זי זיך אַ פֿרישע — אַ געזונטע פֿריער ווי אַלע מאָל שלאָפֿן געלייגט און האָט זיך ווי אין אַ בייזן קאָשמאַר גענומען וואַרפֿן אויף די זייטן און שלוכצן און שרייען מיט אַ פֿאַרשטיקטן קול פֿון שלאָף. ביינאַכט האָט זי זיך בלויז איין מאָל אויפֿגעכאַפּט פֿון אַ שוידערליכן חלום, האָט זי אויפֿגעוועקט דעם מאַן און אים געהייסן — ניט אין ריי זיך אויף „וואָרטע“ שטעלן און ניט דערלאָזן דעם דער'הרג'עטן יידישן סאָלדאַט, דעם „פֿאָטער פֿון די יתומים“, אין טויער אַריינגיין, ווייל ער וויל איר וואָרגן, — ער האָט איר שוין איין מאָל אפֿילו אָנגעהויבן וואָרגן...

א. י. גאָלדשמידט.

דער מאַן האָט אויף זיין ווייב אומצופרידן אַ בורטשע געטאָן, האָט איר אָבער געפאָלגט, זיך איבערגע׳צלמ׳ט און איז ארויס אויף ווארטע. ער האָט עטליכע חברים זיינע פון די שכנות׳דיקע הויפן צו זיך צום טויער צוגערופן און זיי אַלעמען דערציילט דעם בייזען חלום פון זיין ווייב.

איינער האָט אים דערויף מיט אַן אומעטיקן קול געענטפערט:

— מיר האָבן זיך, פּאַנאָווע, קענן זיי די לעצטע צייט צו פיל פאַרזינדיקט... גאָט שטראָפט אונז דערפאַר, — איר זעט!..

— — — אויף מאָרגן פרי האָט דער קערער געפונען זיין ווייב אויף דער ערד אַן אראָפּגעפאַלענע פון בעט און שוין אינגאַנצן אַ קאַלטע — מיט בלויע צייכנס אויפ׳ן האַלז — — —